STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08560

BLETER FALN

Sh. Miller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. מיללער

בלעטער פאלן

לאס אנגעלעס
1926

חבלי מות

(געווידמעט דעם אנדיינק
פון מיין חבר מ. לייט)

I.

גאָלדענער האַרבסט. דעם פּריליִנגס געלעכטער, דעם זומערס שמייכל האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער האַרבסט־מעלאַנכאָליע. גאָלדענע, שיינע טעג און טיפע בענקשאַפטפולע נעכט, און די צווישנצייט, מוצאי טאָג, ערב נאַכט, דער זיס־אומעטיקער פאַרנאַכט.

אַ קרומער פּאַס ליכט, דער זונס זיי־געזונט, האָט באַטראַכט זלמן שאַצס צימער פאַרן ענדלעכן אַוועקגיין, און דאַן גענומען זיך צוריקציען, איבערלאָזנדיק אַ שאָטן־שפּיל.

זלמן שאַץ איז געלעגן אויף דער פענסטער־שוועל אויסגעצויגן אין דער פולער לענג, די הענט אונטערן קאָפּ. די אויגן ברייט פונאנדערגעעפנט, האָט ער געקוקט אויף אַ רעפּראָדוקציע פון ג. פ. וואַטטס „האָפנונג", וואָס איז געהאָנגען אויף דעם פענסטער־שטידל אַנטקעגן זיין געזיכט. אויף דעם בילדל האָט ער שוין אַ סך מאָל געקוקט און עס קיינמאָל געזען, ערשט היינט האָט ער עס דערזען און עס רעדט צו אים. אין דער פאַרקרעמפּטער האַנט, אין דעם אויסגעבויגענעם האַלז, אינעם ווינקל פון אויג, וואָס קוקט אָפּער דעם סוף, גיין, אין דער ברעם, וואָס איבער דעם אויג, זעט זיך שרעק און האָפנונג. זי האָפט. אוחילה במחלתי. האָפנונג, דאָס איז די הויפּטזאַך.

לאַנג ליגט שוין זלמן אין דער זעלבער פּאָזע, נישט אָפּרייסנ־דיק זיינע אויגן פון דעם בילד, אַזוי, אַז איצט זעט ער שוין גאָר־נישט, דאָך האַלט ער די אויגן אָפן. וואָלט ער נישט אַ פינטל גע־טון, וואָלט מען געקענט דענקען, דער מענטש שלאָפט מיט אָפענע אויגן.

זלמן איז וואַך געווען, הגם ער האָט נישט געזען, ווי די נאַכט פאַלט צו, כאָטש ער האָט נישט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ערשט ווען מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר, איז ער וואַך גע־וואָרן צו די אויסערליקע קלאַנגען.

ער האָט אָפּגעהאַקט־ברוגז אַרויסגעזאָגט:

— אַריין, — און אומגעקערט דעם קאָפּ צו זען, ווער עמען האָט עס אָנגעטראָגן.

— אָ, דו, — האָט ער אַ זאָג געטון, דערזעענדיק די אַריינ־קומענדע פלאָראַ, און געבליבן ליגן ווי פריער, בלויז מיט די אויגן געווענדט צו דער אַריינגעקומענער.

פלאָראַ האָט פאַרמאַכט די טיר הינטן אַרום, מיטן פּנים גע־ווענדט צו זלמנען. און ווען די טיר איז שוין געווען פאַמעלעך צו־געמאַכט, איז זי נאָך געבליבן שטיין אַ ווײַלע ווי ישובנדיק זיך, אפשר זי ווידער שטיל עפענען און אַרויסגיין. קוקנדיק אויף זלמנען, האָט זי מיט די אויגן ווי געפרעגט:

זאָל איך אַרויסגיין, שטער איך דיר?

— נו, וואָס שטייסטו? — האָט זלמן אַרויסגעזאָגט, אַרויסגע־צויגן איין האַנט פון אונטערן קאָפּ, אָנגעטאַפּט אויפן רויכער־טישע־לע, וואָס איז געשטאַנען צוקאָפּנס, אַ פּאַפּיראָס, אַריינגענומען אין מויל, מיט דער זעלבער האַנט אָנגעשאַרט אויפן טישל אַ שוועבעלע, אָנגעצונדן און פאַרויכערט.

פלאָראַ האָט צעשפּיליעט איר האַרבסט־מאַנטל, זיך צוגעזעצט

אויף דער פענסטער-שוועל, און אַרונטערנעמענדיק דאָס היטעלע, געקוקט אויף זלמנען.

— וואָס ליגסטו אַזוי!

— זיך צוגעשפּאַרט אַ ביסל. וואָס זיצסטו אין מאַנטל?

פלאַראַ האָט זיצנדיק אַראָפּגעצויגן די אַרבל. אַרומגענומען דעם מאַנטל אַרום דער טאַליע, און אַריבערציִענדיק דעם אָרעם אַרום זלמנס רוקן, אַריינגעקוקט אים אין פּנים אַריין.

— וואָס איז מיט דיר היינט?

— גאָרנישט. וואָס זאָל זיין? אַ נאָווינע מיך צו טרעפן ליגנ־דיק אויפן פענסטער?

דער זיך קרייזלענדער רויך האָט גענומען קיצלען אין פלאָ־ראַס נאָז-לעכער. זי האָט גענומען צעזייען דעם רויך מיט דער האַנט.

— פוי, דו מיט דיין רויך.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעלייגט דעם מאַנטל מיטן היטעלע אויף אַ בענקל, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל. אַראָפּגעצויגן אַ ביסל די בלוזקע פון פאָרנט, צורעכט געמאַכט דאָס בלויע זיידענע שניפּסל, פאַרשאַרט אַ האָר, זיך אומגעדרייט מיט דער זייט צום שפּיגל, זיך באַטראַכט, און זיך געלאָזט גיין צוריק צום פענסטער.

זלמן האָט אין דער צייט זיך צעהוסט, זיך אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער, און אַן איינגעבויגענער, הוסטנדיק, געמאַכט מיט דער האַנט, ווי זאָגנדיק:

נו, אַן עק, קריך שוין אַרויס.

— געוואָלט זאָגן אַ ליגנט, — האָט ער שמייכלענדיק גע־זאָגט צו פלאָראַן, ווען דער הוסט האָט אים אָפּגעלאָזט און ער האָט זיך שוין ווידער צוגעשפּאַרט.

פלאָראַ האָט אַרויסגענומען דאָס שטיקל פּאַפּיראָס פון צווישן זיינע פינגער.

— גענוג שוין „געקורעט״.

זי האָט פאַרשטיקט דאָס ברענענדע שטיקל פּאַפּיראָס. אפּגעווישט די פינגער, און צוגעטראָגן צו דער נאָז.

— ווי ווערט עס דיר נישט מיאוס? פוי!

זלמן האָט גענומען פון רויכער־טישעלע אַ קליין ווייס שאַכטעלע „איטאַליענישע פעפערלעך״, אַרויסגענומען איין פעפערל און עס אַריינגעלייגט אין מויל.

— אַ טייערער מיטל צום פאַרטרייבן דעם טאַבאַק גערוך.

— ער האָט זיך אַ רוק געטון אַ ביסל, אַרומגענומען פלאָראַן ביי דער טאַליע, צובייגנדיק איר אייבערשטן האַלבן קערפּער צו זיך.

— דערצייל עפּעס נייעס, מיין קינד. ווי איז עפּעס געגאַנגען דער טאָג. אַ שיינער טאָג געווען.

— יאָ, אַ זעלטן שיינער טאָג, און איצט שטעלט זיך אַ שיינער אָוונט. וואָס ליגסטו אַזוי?

זי האָט גענומען פירן מיט די פינגער איבער זיין שטערן, פאַרשאַרנדיק איינצעלנע האָר.

— כ׳פיל זיך עפּעס אַזוי מיד.

— מסתמא שווער געאַרבעט.

— כ׳ווייס נישט, דאַכט זיך, נישט איבעריק שווער, דאָך, ס׳איז אַזוי גוט צו ליגן דאָ פאַרנאַכט, קעצל מיינס.

ער האָט אָנגעבויגן איר קאָפּ צו זיך און געקושט אירע אויגן. זי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ לענגערן קוש אין די ליפּן, דערביי איז איר אייבערשטער האַלבער קערפּער געבליבן ליגנדיק, ווערנד זי איז געזעסן.

— דיר איז אומבאַקוועם, קינד, וואַרט.

— ער האָט זיך צוגערוקט אַביסל נענטער צו דער שויב, אַרונטערגעצויגן דעם ברייטן גרינעם ראָלעט.

— אָט אַזוי, לייג דיך צו.

אַרומנעמענדיק זי, איז מען געלעגן פּנים אל פּנים.

— דיר וועט פאַרחלשט ווערן די האַנט.

— גיי, דו נאַריש קעצל, דו.

ער האָט זי פעסטער צוגעדריקט צו זיך.

— אַזוי איז דאָך אַזוי גוט.

אין דער האַלב־פינסטערניש האָט מען זיך אָנגעקוקט און זיך פאַרצויגן אין אַ שמייכל, לאַנגן קוש.

— האָסט דאָך מיך ליב, יאָ, שטאַרק ליב, שטאַרק, שטאַרק ליב.

ער האָט זי אַלץ פעסטער געדריקט צו זיך.

— גיי, איך האָב דיך פיינט. ביסט אַ שלעכטער. דו רייכערסט צופיל.

זי האָט גענומען כלומרשט אים אָפּשטופּן פון זיך.

זלמן האָט דערפילט אַ שוועריקייט אין ברוסט. אַ הוסט האָט געריסן. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסציִען די האַנט.

— דיר איז שווער.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און געבליבן זיצן, אַרומנעמענדיק אים מיט איין האַנט.

— נישקשה, — האָט זלמן געענטפערט, אָפּקומענדיק מיט איין טרוקענעם הוסט.

— פאַרוואָס טוסטו גאָרנישט צו דיין הוסט, דו טייוול איינער!

— וואָס זאָל איך טאָן, נאַריש קינד?

— וואָס הייסט וואָס? מ'גייט אַריין צו אַ דאָקטאָר.

— רעדסט טאַקע ווי אַ קינד. געווען, שוין נישט איינמאָל. זאָלן זיי אַזוי וויסן פון זייער תּיות צו זאָגן, ווי זיי ווייסן. געבן זשמיגע צום טרינקען. אויפהערן רייכערן, וועל איך נישט הוסטן.

— איז ווען וועסטו אויפהערן צו רייכערן?

זלמן האָט אַ שמייכל געטון.

— אינגיכן.

— אינגיכן! וויפיל מאָל שוין צוגעזאָגט, און רייכערט נאָך אַלץ ווי אַ קוימען.

— זי האָט גענומען דאָס פּודעלע פּאַפּיראָסן, וואָס איז גע־לעגן אויפן טישל, און באַמערקנדיק דערביי די פּילע אָפּשניצלעך אין דעם אַש־שיסעלע, צוגעגעבן:

— וואָס דער יונג פאַרייכערט עס.

— אינגיכן, אינגיכן וועל איך אויפהערן צו רייכערן, דאָס מאָל שוין אויף זיכער. דערווייל אָבער, גיב אַ פּאַפּיראָס.

זי האָט געפּרווווט נישט געבן. ער איז אָבער באַשטאַנען דע־רויף, געפּאָדערט שוין נישט מער מיט אַ שמייכל, אין אַ פריילייכן טאָן, נאָר בייז, מאָנענדיק.

ער איז אויפגעשטאַנען, פאַררייכערט.

איבערלאָזנדיק זי אויפן פענסטער, איז ער צוגעגאַנגען צום בענקל, וואו דער מאַנטל מיטן היטעלע זענען געלעגן.

— ווייסט, דער מאַנטל מיטן היטעלע פּאַסן דיר אויסגע־צייכנט.

ער איז צוגעגאַנגען צוריק צו איר.

— שיין בלימעלע מיינס.

— גיי, איך בין אויף דיר ברוגז.

— נו, נו, זיי נישט ברוגז.

ער האָט פאַרצויגן אַ מויל רויך, דאַן פאַרלאָשן דעם פּאַ־פּיראָס, גענומען אירע הענט אין זיינע, פאַרקוקט אין די אויגן, און אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, געבליבן זיצן.

אין צימער איז שוין געווען פינסטער. זי האָט געגלעט זיינע האָר. שווייגנדע זענען זיי געזעסן, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס צימער איז ערגעץ אין אַ דיקן מויער, אַ שלאָס, די דיקע ווענט לאָזן נישט צו קיין טומל. שאַ, שטיל.

טריט אויף די טרעפּ און אַ קלאַפּ אין טיר האָט זיי ביידע אויפגעוועקט.

ביידע האָבן אויסגערופן:

— אַריין! — און דער גוטמוטיקער, פרייליכער רובינשטיין האָט זיך אַריינגעשטעלט.

— אין דער פינסטער. נו, ווי דען. שעמען מעגט איר זיך אין אַזאַ אָוונט צו זיצן אין הויז. געגנוג זיך געליובקעט דאָרט. קומט אין דרויסן. נו, וואָס זיצט איר און שווייגט?

— דו רעדסט שוין פאַר אונז ביידע, — האָט זלמן געענטפערט.

רובינשטיין האָט אַ דריק געטון דאָס עלעקטרישע קנעפּל.

— ויהי אור. אָט אַזוי, לאָמיך כאָטש זען אייערע ליכטיקע צורות.

— זיך.

— וואָס, זיך, קום, קומט. מירן קודם זיך אַביסל דורכשפּאַצירן, און דאַן וועלן מיר אַריינגיין צום קאָנצערט, היינט אָוונט דער ערשטער קאָנצערט פון סעזאָן. כ'האָב אַפילו נישט מער ווי צוויי בילעטן, זיך נישט גערעכט אויף אַ דריטן — ער, אָבער, מירן שוין קריגן אַ דריטן, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, — און אפשר אַ פערטן, קומט.

— רובינשטיין איז גערעכט. קום, וואָס וועלן מיר דאָ זיצן.

— עפּעס אַ גוטער פּראָגראַם, רובינשטיין?

פלאָראַ האָט זיך דורכגערעדט מיט רובינשטיינען וועגן דעם קאָנצערט, דעם פּראָגראַם, וועגן אַ סעזאָן-בילעט פאַר די קומענדע קאָנצערטן, זלמן איז דערווייל געזעסן די צען פינגער פאַרפאָרן אין די האָר, די ליפּן פעסט געשלאָסן, בלויז פון צייט צו צייט אַרויסלאָזנדיק דעם קלאַנג כם... ווי שמייכלענדיק צו זיך אַליין וועגן עפּעס.

— נו, וואָס זיצסטו דאָרט? אפשר וואָלסטו זיך אַ ריר געטאָן! — האָט רובינשטיין אויסגערופן.

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן, קינדערלעך, — האָט זלמן אָנגעהויבן, צי׳ענדיק די ווערטער און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, — איר גייט צום קאָנצערט און איך וועל זיך דאָ אַביסל צושפּאַרן.

— וואָס פאַר אַ צושפּאַרעניש אויף דיר, די נאַכט איז דיר קליין, וואָס? — האָט רובינשטיין מיט שפּאַס גערעדט.

— פאַרוואָס זאָלסטו גאָר זיצן אין הויז? — האָט פלאָרא בעטנדיק געפרעגט, — קום זלמן, קום.

— איך וועל נישט גיין, — האָט זלמן שאַרף אַרויסגעזאָגט, זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַנען. — איך פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ווייכערן טאָן, — דער קאָפּ טוט מיר אַביסל וויי, כ׳וועל זיך בעסער צולייגן, גיי, מיין קינד.

— פלאָרא האָט געקוקט אויף אים מיט אומרויִקייט און גע־בעט אין די אויגן.

— דו געפעלסט מיר עפּעס נישט היינט, — האָבן אירע אויגן געזאָגט.

זלמן האָט אויסגעמיטן דעם קוק, און פון זיין נערוועזן אַרומ־שפּאַנען, האָט מען געזען, אַז ער וויל, זיי זאָלן אים וואָס גיכער לאָזן אַליין.

אָנטועענדיק זיך, האָט פלאָרא, מיט איין אַרבל אָנגעטאָן, אים געבעטן נאָכאמאָל ער זאָל גיין. ער איז צוגעגאַנגען, איר געהאָלפן אָנטאָן דעם מאַנטל.

— וואָס איז דיר, זיאַמע? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— גאָרנישט, קינד מיינס. אַ לייכטע קאָפּ־ווייטיק. כ׳וועל אי־בערליגן, יועט עס איבערגיין.

זי האָט אים אַרייַנגעקוקט אין די אויגן, זאָגנדיק מיט איר קוק:

„עפּעס באַהאַלטסטו פון מיר".

ער האָט אויסגעהאַלטן דעם קוק און, אָננעמענדיק זי ביי די אַקסלען, זי עטוואָס אַ טרייסל געטון. דאָס איז געווען אַ שטומער קוש אין דער אָנוועזנהייט פון אַ פרעמדן, מעג עס זיין רובינשטיין.

— זאָל דיר דער אייבערשטער צושיקן אַ רפואה שלימה, — האָט רובינשטיין זיך געזעגנט.

פלאָרא האָט, שטייענדיק אין דער האַלב־אָפענער טיר, נאָכ־אַמאָל אַ קוק געטון אויף איר זיאַמען, געזעגענענדיק זיך מיט אים דורך אַ קוק, און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

II.

זלמן איז געשטאַנען אינמיטן צימער, זיך איינגעהערט צו די אַראָפּגייענדע פון די טרעפּ, און ווען דער קלאַפּ פון דער אונטערשטער טיר האָט זיך דערהערט, האָט ער, ווי אָפּגעריסן זיך פון אָרט, צוגעגאַנגען צום פענסטער, נאָכגעקוקט די אַוועקגייענדע פלאָראַ מיט רובינשטיינען, און דאַן גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער.

— אַרייגגיין צו אַ דאָקטאָר. — הם... געווען, מיין שיין בלימעלע, געווען. אייערנעכטן געווען. הם... ווען דו זאָלסט ויסן. דיין קינדיש האַרץ דערפילט , שרעקט זיך, עפּעס פילסטו. דו ווייסט אָבער נישט וואָס, אָבער איך ווייס, איך ווייס. צוויי טעג אַז מ'האָט איבערגעלייענט דעם טויט-אורטייל, אָבער ווען דער אורטייל וועט אויסגעפירט ווערן מכח אל הפועל, דאָס איז נישט באַשטימט. עס קען זיין אין אַ פּאָר טעג, אין אַ פּאָר חדשים, און אפשר אַ פּאָר יאָר, ווער ווייסט. איז עס ווירקלעך מעגלעך, ער זאָל נאָך לעבן פינף יאָר, פינף יאָר, גאַנצע פינף יאָר. דאָס וואָלט געווען אַזוי גוט. אָבער ניין, אַזוי לאַנג וועט עס נישט ציִען. דער דאָקטאָר זאָגט... הם, דער דאָקטאָר זאָגט. האָבן דאָך די פריִער-

דיקע עסקולאַפּן אים געזאָגט: אַן אַלגעמיינע שוואַכקייט. די ווייסן נישט, און דער, וואָס ווייסט, זאָגט נישט דעם אמת.

זעקס חדשים זיך גוט אויסרוען, פרישע לופט, און דאַן — מיינט ער אפשר, אַז זעקס חדשים, דאָס איז אַלץ, וואָס איז געבליבן. וויפיל האָט עס גענומען זלאַטקענען, זעקס חדשים אויך נישט. פאַרברענט געוואָרן אין אַ כהרף עין.

— זיך אין צייט געכאַפּט. — כיון שנתנה רשות למשחית...

און וואָס איז דער חילוק, זעקס חדשים, צען, אַ יאָר, צוויי, און אפילו פינף יאָר, ווען מ'דאַרף די גאַנצע צייט פילן דעם מלאך המות הינטער די פּלייצעס. פאַרן קיין דענווער, קיין קאַליפאָרניע. אַ שיינע שטאָט דענווער, די בערג, הייבט דער הימל, אַזאַ בלויען הימל האָט ער נאָך אין ערגעץ נישט געזען. און דער בלויער הימל איז פאַרצויגן איבער אַ טויטע שטאָט. אַ טויטע שטאָט. זי איז געווען טויט, זענען געקומען מתים, לעבעדיקע מתים, און זי באַלעבט, און איין לעבעדיקער מת שרעקט זיך פאַרן צווייטן, פאַרדעכטיקנדיק אים אין זיין נענטער צום טויט.

און אין קאַליפאָרניע?

כם... לויפן אַ וועט-לויף מיטן מלאך המות, זיך ציען ווייטער, ווייטער צו דער זון, אָבער דער מלאך המות — ער טוט דאָך זיין אַרבעט ביינאַכט, און דאָרט שיינט דאָך נישט די זון פיר און צוואַנציק שעה אַ מעת לעת.

וואו מ'לייגט דעם קראַנקן איז אים שלעכט.

און ער איז קראַנק, קראַנק, קראַנק.

מאָדנע, מיט צוויי טעג צוריק איז ער נישט געווען קראַנק. וואָלט ער נישט אַריין צום דאָקטאָר, וואָלט ער נאָך איצט אויך געווען געזונט. ער פילט דאָך גאָר קיין ווייטיק. ער הוסט, אָבער, רבש"ע, וויפיל מענטשן וואָס ער קען, הוסטן, זענען זיי אַלע קראַנק? דאָס איז דאָך אוממעגלעך.

אָבער ער, ער איז קראַנק. אַ גייענדיקע קרענק.

אזוי פלעגט אים דערציילן זיין מאַמע ווען זיין טאַטנס טויט. ווי אַלט איז ער געווען ווען ער איז געשטאָרבן, דרייסיק יאָר. און אים איז איצט אַכט און צוואַנציק יאָר, הייסט עס, נאָך צוויי יאָר. איז דאָס מעגלעך, אַז דער טאַטע זאָל עס אים האָבן איבערגעלאָזט אַ ירושה. גייט עס איבער בירושה. נײַן, ער איז גענייגט צו גלייבן, אַז נישט. אַלנפאַלס, וואָס איז דער חילוק, ירושה, אָדער אייגענע, ער איז קראַנק.

קראַנק, קראַנק, קראַנק.

ער קען זיך נישט צוגעוויינען צו דעם וואָרט.

— אַ גנבהשע קרענק, — אזוי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. ער האָט נאָך געשפּאַסט דער דאָקטאָר.

נו, וואָס איז ער דען אַן איינציקער ביי אים.

— געווען שוין ביי אים, — האָט ער דערציילט, — ערגע־רע, אַזעלכע, וועלכע ער האָט שוין פאַרמשפּט צום טויט, צום שטאַרבן נישט שפּעטער ווי אין צוויי, דריי חדשים און זיי זענען, אים אויף צו להכעיס, געזונט געוואָרן, געזונט. נישט קיין גבורים, נאָר זיי לעבן. אַ קאַפּריזנע קרענק. וואָס אָנבאַלאַנגט אים, איז עס נישט געפערלעך, אַ זעקס חדשים אַבסאָלוטע רו אין אַ סאַנאַטאָריום, וואו מ'וועט אויף אים גוט אויפפּאַסן, וועט אים שטעלן אויף די פיס, ער וועט קענען אַרבעטן, געוויס.

— פאַרוואָס גאָר אַ סאַנאַטאָריום?

אויפפּאַסן אויף אים?

פלאָרא.

ער וועט אַרויספאָרן מיט פלאָראַן אין די בערג. זי וועט אַכ־טונג געבן אויף אים, צוגרייטן עסן, זיי וועלן שפּאַצירן צוזאַמען, לייענען, פאַרברענגען, ער וועט זיך אויסרוען, געזונט ווערן.

עך, זלמן, זלמן, פלאָרא פאָרט שוין מיט דיר, די ווערסט

שוין געזונט. פלאָראַ וועט מיטפאָרן, ער דאַרף איר דערציילן. זי וועט מיטפאָרן, זי האָט אים ליב. אין דעם ערשטן מאָנאַט וועט זי צוגרייטן עסן, שפּאַצירן, פאַרברענגען, און אַזוי אפשר אַ צווייטן, אַ דריטן, ביז ער איז נאָך אַ גייענדער חולה.

ווי איז אָבער, אַז ער וועט זיך אַנידערלייגן?

וועט זי דען קענען איינזיצן טעג לעבן אים, אַ קראַנקן, און ווי ווען זי וועט נישט נאָר דאַרפן זיצן, נאָר אויך אַכטונג געבן; באַדינען ווי אַ באַרמהערציקע שוועסטער.

אַ ווייס פאַרטעכל און אַ היטעלע וואָלט איר זייער געפּאַסט.

אָבער ווער וועט זי זען אין דעם, אויסער זלמן שאַץ, וועמענס טעג אָדער וואָכן וועלן זיין געציילטע? איצט איז ער נאָך אינטערעסאַנט פאַר איר מיט זיין מעלאַנכאָליע, אָבער שפּעטער וועט זי נישט זיצן און טראַכטן:

„נו גיכער, גיכער, אַהין אָדער אַהער?"

און זיין וועט עס אַהין. וואָס וועט דאַן זיין? זי וועט אפשר זאָגן, אַז זי איז גרייט צו גיין אַהין. יאָ, ער קען דאָס דערוואַרטן צו הערן פון איר, אָבער קיין מאַמע האָט זיך נאָך אַ לעבעדיקע נישט אַריינגעלייגט אין גרוב, וואו מ'באַגראָבט איר קינד, און קיין געליבטע — צום געליבטן אין קבר, אויסער אין „די ביכלעך". און ווידער, וואָס וואָלט ער געוואָלט, זי זאָל מיטשטאַרבן מיט אים?

ער האָט זי ליב, זי אים אויך, אָבער די וועגן צעשיידן זיך, זיין וועג — פינוואַנען מ'קומט מער נישט צוריק, און איר וועג איז לעבן, לעבן.

לאָז די טויטע צו די טויטע, און די לעבעדיקע זאָלן לעבן.

אָבער, פאַרדאַמט זאָל עס ווערן!

ער וועט שטאַרבן אינגיכן, דאָס איז זיכער, איצט אָבער לעבט ער דאָך נאָך, און זאָל זיין, אַז בלויז זעקס חדשים, אַ חודש, אַ טאָג, פאַרוואָס זאָל ער טראַכטן וועגן איר, פאַרוואָס זאָל ער דאָרט ליגן

ערגעץ אַליין, איינזאַם, און זי זאָל זיין אַרומגערינגלט מיט באַקאַנטע, פריינט, גיין אויף קאָנצערטן, בעלער, זיך אַמוזירן, זיך פרייען, לעבן.

וואָס, זי וועט עס נישט טאָן?

כם...

פאַרוואָס האָט ער זי געשיקט אויפן קאָנצערט מיט רובינשטיינען?

רובינשטיין איז זייער אַ גוטער פריינט. געוויס. ער האָט אים ליב, און פלאָרא האָב אים האָלט.

און רובינשטיין?

ער איז אַ קלוגער בחור און אַ טאַלאַנטפולער ליבהאָבער. פלאָרא וועט זיין אַן אינטערעסאַנטער סיוזשעט. איצט איז דאָ אַ קראַנקער פריינט. אָבער ווען דער קראַנקער פריינט וועט ליגן ערגעץ וואו, ווען זיינע טעג וועלן זיין געציילטע, דאַן, דאַן וועט ער זי טרייסטן... אַלאַ סטרינדבערג...

זלמן איז אין כעס אויף זיך פאַר זיין לאָזן זי גיין אויפן קאָנצערט מיט רובינשטיינען.

ער זעט, ווי זי זיצט איצט צוגעטוליעט צו אים, הערט זיך איין צו דער מוזיק, אים ווילט זיך לויפן אַהין, זי אַ ריס טאָן פון אים, און בא דער האַנט זי ברענגען צו-פירן אַהער:

— זיי מיט מיר, ביז איך לעב, ביז איך קען נאָך אָטעמען, נאָך מיין טויט וועט מען דיך טרייסטן, אָבער ביז דאַן, ביז דאַן...

— וואָס פאַר אַ ציניקער ער איז, ווי ער דענקט עס וועגן פלאָראַן, ווי ער דענקט עס וועגן זיין פריינט, דעם אמת גוטן חבר רובינשטיין! אָבער קוקט עס דען נישט אויס, ווי ער וואָלט סופּלירט אַ ראָלע פאַר פלאָראַן מיט רובינשטיינען, ער שיקט זיי פאַר ברענגען, זיצן צוזאַמען, לאַכן, זיך אַמוזירן, און ווען דער קראַנקער וועט נישט זיין, וועט די ראָלע זיין איינגעשטודירט.

ער אַנטשולדיקט זיך פאַר זיין חבר. ניין, רובינשטיין ווייסט

ווי צו שוינען אַ חברס געפיל, אָבער וואָס איז דער חילוק. רו-בינשטיין (, אַן אַנדערער, אָבער נישט ער, נישט ער. ער גייט אויפן וועג צום טויט, און זי לעבט, לעבט און דאַרף לעבן.

יאַ, זי דאַרף לעבן, זי מוז לעבן, און ער האָט קיין רעכט זי מיטצונעמען אויפן וועג צום טויט. אַוועקגיין פון איר, שויןן איצט זיך אָפּזאָגן פון איר אומאַרמונג, פון איר קוש, פון איר ליבע. ער ווייסט, ער דאַרף עס טון, ער האָט שוין באַשלאָסן אַוועקצוגיין. אָבער ווי אַזוי, פשוט אַוועקפאָרן און דאַן מיט אַ בריוול דערקלערן, ווי פייג, ווי נאַריש.

מ׳דאַרף זאָגן, דערקלערן, דערקלערן איר, אַז צווישן זיי שטייט אַ וואַנט, די וואַנט צווישן לעבן און טויט, און דעריבער, איידער זי זאָל טראַכטן וועגן אים ווי פון איינעם, פון וועלכן זי איז קוים פטור געוואָרן, זאָל זי בעסער טראַכטן ווי וועגן אַ מענטש, וועלכן זי האָט ליב געהאַט און וועלכער איז פאַרשוואונדן, ס׳איז גלייכער פאַר אים, פאַר איר, זי זאָל נישט זען זיין מיאוסן טויט. ער ווייסט, וואָס ער דאַרף זאָגן, אָבער דאָס מויל עפנט זיך נישט. היינט איר געוואָלט זאָגן, אירע אויגן האָבן געמאָנט, דאָס ליבנדע האַרץ פילט, אָבער ווי זאָגט מען איר, איך בין קראַנק.

ער איז מיד געוואָרן אַרומשפּאַנענדיק און האָט זיך ווידער צוגעלייגט אויף זיין רו-תּלאַץ. זיין קוק איז ווידער געפאַלן אויפן בילדל „האָפענונג״, אוחילה במחלתי.

און אפשר האָט דער דאָקטאָר אַ טעות געהאַט? אפשר האָט ער נישט געשטעלט דעם ריכטיקן דיאַגנאָז? אַ ספּעציאַליסט אַפילו, אָבער ער קען דאָך אַ טעות האָבן, האָט ער דאָך אַליין דערציילט פון טעותים. וואָס ער האָט געמאַכט. האַ, אפשר?

זלמן האָט זיך אויפגעהויבן, דערפילט דעם ברענענדן פּאַפּי-ראָס צווישן די פינגער, אים אַוועקגעוואָרפן און גענומען אַרומ-שפּאַנען.

ניין, דער דאָקטאָר האָט קיין טעות געמאַכט. ער הייסט, אמת ר פילט קיין ווייטיק, אָבער האָט ער דען נישט געפילט אַ שטענ-דיקע מעלאַנכאָליע הענגען איבער אים, אָט ווי אַ שווערער וואָלקן, וועלכער לאָזט אים נישט זען די זון. נישט קיין ווייטיק אין דעם פיזישן זין, אָבער וויפיל ווייטיק דאָס האָט פאַרשאַפט אים און פלאָראַן.

מיין שיין צאַרט בלימעלע, האָסט זיך געצויגן צו זון-שיין, און געזען וואָלקנס, וואָלקנס וואָלקנס. דערפֿ…ר איצט וועלן די וואָלקנס פאַרשווינדן, פאַרגיין, וועסט זיין פריי, פריי.

הם... פריי, פריי...

ווי נישט איז, זאָגן דאַרף מען איר.

ער וועט עס טאָן מאָרגן.

אגב, דאַרף ער נאָך מאָרגן צוגיין צום דאָקטאָר. דער לעצ-טער דאַרף אים איבערגעבן, וואָס ער האָט איסגעפונען אויף דעם רענטגען-בילד און פון דעם לייכען.

פוי, ס׳אַ מיאוסע פראָפעסיע אַ דאָקטאָר: קלאַפן, טאַפן, לייכען...

אָבער פאַר די פופצען מינוט גענומען פופצען דאָלאַר, פופצען דאָלאַר פאַר באַטראַכטן אַ מענטש. נאָך אַלעמען נישט שלעכט. ער באַטראַכט גוט, אפילו די נעגל באַטראַכט.

וואָס האָט ער דאָרט געזען?

זלמן באַטראַכט זיינע נעגל, באַמערקט גאָרנישט אויסער ווייסע פינטעלעך, און ער טראַכט:

זיך באַנייען, אויב נישט מיט נייע קליידער, איז מיט אַ נייע קוואַרטיר...

וואָס האָט ער דאָרט געזען דער דאָקטאָר?

ווער ווייסט? ער וועט אים מאָרגן פרעגן.

און אפשר האָט ער טאַקע אַ טעות געהאַט!

מאָרגן, מאָרגן.

און ביז מאָרגן איז נאָך אַזוי ווייט, עס איז ערשט האַלב נאָך עלף.

די נאַכט קומט, די שטילע טייל פון דער נאַכט. און די נאַכט איז ווירקלעך אַזאַ שיינע. אַזאַ טיפער בלויער הימל, שטערן, אַ פולע לבנה, שלאָפן וועט ער סיי ווי נישט, ער וועט אַרויסגיין אין גאַס. פלאָראַן וועט ער שוין זיכער נישט באַגעגענען.

לאַנג איז ער געגאַנגען איבער די זייטיקע גאַסן. האָט נישט געטראַכט מער וועגן גאַרנישט, ער איז געגאַנגען אָן אַ ציל, אָן אַ ריכטונג, געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז ער האָט דערפילט אַ מידקייט, אין די שליסל-ביינער האָט אים אָנגעהויבן רייבן, די מוסקולן האָבן וויי געטון.

אַ מידער איז ער געקומען אַהיים און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט מיטן געדאַנק:

מאָרגן, מאָרגן.

III.

דער מאָרגן, אויף וועלכן זלמן האָט אַזוי געוואַרט, האָט קיין נייעס געבראַכט, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס רענטגען־בילד האָט בלויז באַשטעטיקט זיין דיאַגנאָז.

— ער וויל זען דאָס בילד?

מיט אַ שמייכל נעמט דער דאָקטאָר דאָס בילד, שטעלט עס אַריין אין אַזאַ ראַם, לאָזט אַראָפּ די רולעטן, צינדט אָן אַן עלעקטרי־לעמפּל און הייסט אים קוקן. קוקט ער אויף דעם בילד, אָבער אַלץ, וואָס ער זעט, איז אַ ווייסער הינטערגרונט און שוואַרצע פּאַסן.

— דאָס זענען די ריפּן, — דערקלערט אים דער דאָקטאָר.

— און וואָס זענען די ווייסע פּאַסיקלעך, זיי זען אויס ווי צווייגעלעך פון אַ ביימל?

דער דאָקטאָר שמייכלט און ענטפערט:

— דאָס זענען די בראָנכאַס.

איצט ווייסט ער שוין.

אויף איין פּלאַץ האָט ער, דאַכט זיך אים, באַמערקט אַ פּי־נטעלעך צו אַן אכט, אָבער ער שעמט זיך שוין ווייטער צו פרעגן, און פיל פראַגן, וואָס ער האָט געדענקט צו פרעגן, זענען ווי פון זינען אַרויס. ער קען נישט פאַרטראָגן דעם דאָקטאָרס שמייכל, וואָס

גגבעט זיך אַרויס פון הינטער זיינע קליינע געלע וואַנסעלעך, און ער געזעגנט זיך אויף גיך, דאַנקענדיק דעם דאָקטאָר פאַר זיין פרומער ברכה, צו זען אים אַ געזונטן.

— הייסט עס, קיין טעות. אַזוי איז עס. וואָס איז נאָך זי־כערער פון אַ פאָטאָגראַפיע? און ער, טיפּוש, האָט נאָך געפּרווט צווייפלען, האָפן.

אַז מ׳זאָגט קראַנק, גלייב.

ער גלייבט, זיכער גלייבט ער. בעסער, ער ווייסט עס. סאַ־נאַטאָריום, זעקס חדשים. דערווייל אָבער איז ער אין שטאָט, און ער דאַרף גיין צו זיין טעגלעכער באַשעפטיקונג. און ער גייט, טוט זיין אַרבעט, רייכערט אַרבעטנדיק, הוסט אַביסל אונטער, אָבער דער מאַן, וואָס זיצט אַנטקעגן אים און שרייבט און רייכערט, הוסט אויך אונטער פון צייט צו צייט, אפשר זאָל ער אים אַ פרעג טאָן, אויב ער איז געווען בײַ אַ דאָקטאָר מכח זיין הוסט.

ער האַלט זיך איין מיט אַלע כּוחות אים נישט צו פרעגן די פראַגע.

אָפּגעאַרבעט, אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט, איילט ער זיך אַהיים, און אַזוי שנעל ווי די טיר הינטער אים איז פאַרמאַכט, לייגט ער זיך אויף זיין אָפּרו־פּלאַץ און נעמט ערשט איבערטראַכטן דעם דאָקטאָרס רייד, זיין מינע ביים זאָגן די ווערטער, זיין אויסקוק.

ער זעט פאַר זיך דעם דאָקטאָר און וויל אויף זיין פנים אי־בערלייענען דעם מיין פון זיינע רייד. ער איז שטאַרק פאַרטיפט אין שטודירן דעם דאָקטאָרס געזיכט, ווען ער הערט אַ מענער־שטימע דערמאַנט זיין נאָמען, דאַן אַרויפגייענדיקע טריט.

עמעצער קומט צו אים.

— הער שאַץ? מיין נאָמען איז מר. ברעדלי פון דער גע־זונטס־ביוראָ, מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט אייך דאָקטאָר מ. עקזאַ־מינירט.

— יאָ, — האָט זלמן צוגעגעבן, וואונדערנדיק זיך, ווי קומט אָט דער אים פרעמדער מענטש צו וויסן וועגן דעם.

— און אייער קראַנקהייט, וואָס איר האָט, — רעדט ווייטער דער פרעמדער — איז אַן אָנשטעקנדיקע. אייער אַרומדרייען זיך צווישן מענטשן איז אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט. איר וועט מוזן גיין אין אַ שטאַט-סאַנאַטאָריום אָדער אין אַ פּריוואַטן, אויב איר...

— ער פאַרשטייט, ער פאַרשטייט. אין אַ פּריוואַטן סאַנאַטאָריום וועט ער גיין, נאָר ער קען דאָך עס נישט טאָן שוין איצט. ער דאַרף האָבן, ער דאַרף... צוויי וואָכן צייט, צו אַראַנזשירן דאָס. יאָ, צוויי וואָכן מעג ער נאָך זיין דאָ, צוויי וואָכן?

— יאָ ער קען בלייבן צוויי וואָכן, אָ ב ער, מר. ברעדלי, וועט צו די צוויי וואָכן קומען זען, אויב ער איז אַוועקגעפאָרן.

— געוויס, געוויס.

און מר. ברעדלי געזעגנט זיך, זאָגט אַ גוטע נאַכט און פאַרשווינדט.

זלמן האָט מיט אימפעט איבערגעדרייט דעם שליסל אין שליסל-לאָך, געהאַלטן דאָס קעפל פון שליסל אַ ווײַלע, דאַן אים פאַמעלעך אַרײַנגעלאָזט אין קעשענע, און מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ געשפּונען אַרומשפּאַנען איבערן צימער.

„אַזוי, הייסט עס, איך מוז אַוועקפאָרן. מחוץ למחנה, אַ מצורע. אָט דערפאַר האָט עס דער דאָקטאָר געזאָגט אַ סאַנאַטאָריום. ווי פאַלש זיי זענען, זאָגן קיינמאָל דעם אמת. ער האָט זיי פיינט, ער האַסט זיי. אין אַ סאַנאַטאָריום, דאָרט פאַסט מען אויף גוט. וואָרום נישט זאָגן גלייך:

— ביזט אַ מצורע, אַ מיאוסער קרעציקער, וועמעס פלאַץ איז ערגעץ אויף אַן אינזל, אויף אַ פאַרשאָלטן מצורעים-אינזל.

ער איז אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט, און די געזעל־שאַפט מוז מען פאַרהיטן.

די געזעלשאַפט! הייליקער בים־באָם!

ניין, ער האָט גאָרנישט צו דער געזעלשאַפט, זי איז נישט שולדיק אין זיין קרענק, קיינער איז שולדיק, אָבער דער וויל דערפון, מ׳וויל פאַרהיטן די געזעלשאַפט.

אָט גייט דאָרט איינער מיט סיפיליס, און אָט דער מיט גאָנאָרעאַ, און ביי דעם אין הויז ליגט מען קראַנק אויף טיפוס, און דער, און דער, אין רעסטאָראַן, וואו ער עסט, אין די טראַמוויי־ען, אונטערערדישע באַנען, דאָרט זענען אַלע מענטשן געזונט, האָבן ק׳יין אַנשטעקנדע קראַנקהייטן, און ער, ער איז געפערלעך פאַר דער געזעלשאַפט. כאַ, כאַ, כאַ, אין דעמזעלבן הויז, וווּ ער וווינט, וואָלט ער געמעגט שווערן, זענען דאָ ערגערע פאַר אים, אָבער זיי אַלע זענען פריי, קענען זיך באַוועגן, קענען גיין, וואוהין זיי ווילן, און ער מוז גיין אין אַ סאַנאַטאָריום, אַזוי זאָגט מר. ברעדלי, צוויי וואָכן האָט ער, אונטער פּאָליציי־אויפזיכט איז ער, אַ פאַרברעכער, צוויי וואָכן, און דאַן דער אַרעסט. קראַנק זיין איז אַפנים אַ פאַר־ברעכן, פאַר וועלכן מ׳שיקט אין טורמע, וואָס רופט זיך האָספּיטאַל.

פאַרוואָס האָט ער געבעטן צוויי וואָכן?

נאָך צוויי וואָכן אויף דער פריי, און דאַן אין אַ שטאַט־סאַ־נאַטאָריום, אָדער אין אַ פּריוואַטן.

אַ שטאַטישער סאַנאַטאָריום.

ער ווייסט, וואָס דאָס איז, דאָרט איז זלאַטקין געשטאָרבן זלאַטקין.

ער האָט אים געזען אַ פּאָר טעג פאַרן טויט.

אָט זעט ער איצט זיין געל־גרין פּנים, זיין פאַרשפּיצטן ק׳יך און נאָז, די נאָז, זי שטייט אים פאַר די אויגן, אַזוי לאַנג או[illegible] אַזוי פאַרשפּיצט.

איז אין זיין פנים דאָ עטוואָס ענלעכס צו זלאַטקינען?

ער לויפט צו צום שפיגל און קוקט, קוקט זיך גוט איין אין זיך און דערזעט אַרום די אויגן שוואַרצע רונדן, ער טאַפּט די אַרויסגעסטאַרטשעטע באַקן־ביינער, פּילט די „גריבער״ אין די באַקן, באַטראַכט גוט דעם שטערן. דעם קין, קוקט זיך איין אין די אויגן.

האָט ער ווירקלעך אַלע מאָל געהאַט אַזעלכע גרויסע, ווילדע אויגן? מיט אַזאַ פּנים לעבט מען נישט. ער זעט שוין דעם טויט ביי זיך אויף דער נאָז. איינגיכן וועט ער ליגן אין אַ קאַסטן, מיט אַן אויסגעצויגענער נאָז, אַ פאַרשפּיצטע; פלאָרע וועט צוגיין אָפּדעקן דאָס געזיכט, אַ קוק טאָן אויף זיין לאַנגער נאָז, און וועט דורך די טרערן דערפילן אַן עקל, אַ שוידער וועט דורכלויפן איבער איר לייב. ניין, צו דעם וועט עס נישט קומען, אַזוי לאַנג וועט ער נישט וואַרטן, ניין.

ער איז אָפּגעגאַנגען פון שפיגל, זיך צוגעזעצט אויף דער פענסטער־שוועל, העגט און קאָפּ אַרונטערגעלאָזט.

— ווערסט וואַרטן, ווערסט וואַרטן.

זלמן האָט דייטלעך דערהערט די שפּאָטישע ווערטער. האָט אָבער נישט געוווּסט, ווער עס לאַכט דאָס פון אים. לאַכט פון אים דאָס לעבן און זאָגט בעל כרחך אתה חי, אָדער דער טויט, וואָס זאָגט בעל כרחך אתה מת. — ווען איך וועל וועלן, וועסטו שטאַרבן און נישט ווען דו, זלמן שאַץ, ווילסט.

וויל ער ווירקלעך אָפּטאָן דעם מלאך המות אַ שפּיצל, שטאַרבן איצט, נאָך איידער ער האָט זלאַטקינס נאָז?

ניין!

ערשט איצט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אויפן גלאַטן וועג צום טויט, וויל ער לעבן.

— כי יתרון האדם מן הבהמה — זעלבסטמאָרד.

— בעסער אַ לעבעדיקער הונט, איידער א טויטער וואָלף.

— היגטישע פילאָזאָפיע. האָסט מורא פאַרן טויט.

— פייגלינג! פייגלינגע שטאַרבן צוויי מאָל.

— יאָ, ער איז אַ פייגלינג, און געוואָרן איז ער עס, ווען ער האָט דערפילט, אַז דער טויט גייט אים נאָך מיט שטילע וועלפישע טריט, ער האָט מורא געקרוגן זיך אָפּצושטעלן, אים אַריינקוקן אין זיינע טויזנטער אויגן. ער האָט מורא. און אַלע האָבן מורא. אַלע! דער קרימינעלער פאַרברעכער, וואָס גייט צו דער תּליה זינגענדיק, דריקט אויס זיין מורא דורך דעם זינגען, דערצו נאָך פאַזירט ער, „זעענדיק" די צייטונג, וואו זיין „שטאַרקייט" וועט זיין באַשריבן, זיין געזאַנג וועט באַזונגען ווערן, שטאַרקייט מחמת שוואַכקייט, מוט מחמת מורא.

און זיין זיידע? האָט ער אויך מורא געהאַט פאַרן טויט? האָט ער דען נישט אָנגעמאָסטן די תּכריכים? זיין זיידע. אָבער פאַרן זיידן איז טויט געווען בלויז אַן איבערגאַנג פון איין וועלט אין אַ צווייטער, פון דעם עולם השקר אין דעם עולם האמת, זיין זיידע האָט געהאַט אַ יענע וועלט און ער האָט עס נישט, און אַן אַ יענע וועלט, איז שווער צו לעבן, נאָך שווערער צו שטאַרבן. אָ, ער האָט אַ סך יענע וועלטן, אָבער וואָס קומט אים אַרויס, וואָס אויפן שטערן מאַרס איז אַ לעבעדיקע וועלט, ווען זיין וועלט איז די ערד, און ער וויל זיין אויף איר, נישט אין איר. און ווידער, ווען זיין זיידע האָט אָנגעמאָסטן די תּכריכים, איז ער אַלט געווען זעקס און זיבעציק יאָר. געוויס, קיינער וויל נישט אַרויסגיין אויסערן שטאָט, זיך אַנידערלייגן און שטאַרבן, ווייל שוין גענוג געלעבט.

הונדערט און איינס, זאָגט מען, איז אַלץ איינס.

דאָך איז זעקס און זיבעציק — זעקס און זיבעציק, און אַכט

און צוואַנציק — אַכט און צוואַנציק, קנאַפּע פופציק יאָר אַן אונ-טערשייד, פופציק יאָר, פופציק יאָר לעבן.

צוויי וואָכן.

צוויי וואָכן צייט צום לעבן דאָ. אין דעם צימער וועט ער מער נישט זיין ווי צוויי וואָכן.

ער באַטראַכט זיין צימער.

דער שפּאַליר קוקט אים אויס ניי, ערשט היינט אָנגעקלעבט, אָבער וואָס טוט דאָרט דאָס שפּינוועבס? ווי קומט עס אַהין, ווי מאָדנע עס וויגט זיך? און די פענסטער, די צוויי קליינע און דאָס גרויסע פענסטער. וויפיל אָנגענעמע מינוטן האָט ער פאַרבראַכט אויף דער פענסטער-שוועל אַליין, און מיט פלאָראַן. צוויי וואָכן נאָך צו זען פלאָראַן.

פלאָראַ, וואו ביסטו איצט?

ווייסט, אַז דיין זלמן, דיין זיאַמע איז פאַרמשפּט צום טויט, און ער האָט נאָך צו לעבן מיט דיר צוויי וואָכן בלויז, געציילטע פּערצען טעג?

ער האָט דערפילט — אים איז ענג אין האַלז. ער האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען אַרומשפּאַנען, גרויסע טרערן האָבן זיך געקייקלט, געריזלט צו די ליפּן-ווינקלען. ער בייסט די ליפּן, אָבער די טרערן שטיקן, וואַרגן. ער אָטעמט איבערגעהאַקט, מיט אַ פאַר-מאַכט מויל, ווילנדיק איינהאַלטן דעם אויסברוך פון אַ געוויין, אָבער דער שטראָם איז שטאַרקער פון אים, און אַ וויינענדיקער אויפן קול וואַרפט ער זיך אין בעט, נורעט איין דעם קאָפּ אין קישן און שלוקערכצט וויינענדיק.

אָט האָט ער שוין אויפגעהערט צו וויינען, אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון קישן, אָפּגעווישט דאָס פּנים. ער טרינקט דורשטיק איין קאַלט גלאָז וואַסער נאָך דעם צווייטן, ער איז שוין באַרויקט. ער פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס, שפּאַנט אַרום איבערן צימער. אָבער אָט

פּילט זיין אויג אויף פלאָראַס בילד, און ער פילט, ווי זיינע ליפּן הייבן אָן ציטערן, די אונטערשטע ליפּ לאָזט זיך אַרונטער, די נאָז־ זועגטלעך באַוועגן זיך. ער צערייבט דעם פּאַפּיראָס צווישן די פינ־ גער, און אַ וויינענדיקער וואַרפט ער זיך ווידער אין בעט.

איצט וויינט ער מיט שטילע טרערן, וועלכע גיסן זיך פּאַמע־ לעך אָן אַן אויפהער. ער טראַכט שוין נישט וועגן פלאָראַן, וועגן זיך, ער פילט, אַז זיין גאַנצער קערפּער איז ווי צעווייקט, ווייך און שוואַך, און טרערן גיסן, גיסן אָן אַן אויפהער, ביז ער ווערט אַ וויינענדיקער אַנטשלאָפן.

.VI

אַ צעקנייטשטער איז זלמן אויפגעשטאַנען אינדערפרי, זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, באַטראַכט דאָס געלעגער, זיינע קליידער, אַרויסגעקוקט פון פענסטער און דערזען אַ שיינעם פרימאָרגן, זיך אַרומגעקוקט, און אויפהייבנדיק זיך, דערפילט אַ ברעכעניש אין אַלע גלידער.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, איבערגעפּירט מיט ביידע הענט איבערן פנים, און ווידער זיך אַרומגעקוקט ארום זיך.

— וואָס איז דאָס געשען, וואָס איז מיט אים געשען, געשלאָפן אין די קליידער, ווען האָט ער זיך געלייגט?

ער גייט צו צום שפּיגל, באַטראַכט זיין פאַרשלאָפן, פאַרבלאָזן פנים, זעט, ווי איבער די ווייסלעך פון די אויגן ציִען זיך אַזעלכע רויטע, דינע פעדעמלעך.

— ער האָט געוויינט.

זלמן שאַץ האָט געוויינט, געחלינעט ווי אַ קינד. דאָך, גוט, וואָס ער האָט זיך כאָטש אויסגעוויינט איצט איז אים גרינגער אויפן האַרץ, מער נישט, די ביינער ברעכן. דערפאַר אָבער איז זיין קאָפּ לויטער.

היינט איז דער אָנהייב פון די צוויי וואָכן,

ער האָט צו״י וואָכן אין זיין רשות, און ער דאַרף זיי אויס נוצן.

ארבעטן?

זיכער, פאַרוואָס נישט. ווער דאַרף עס וויסן, אַז ער... פאַרט אוועק. פלאַרא, יאָ, זי דאַרף וויסן, איר מוז ער זאָגן, ער וועט איר זאָגן נאָך היינט, היינט אָוונט. אָבער דערווייל, דערווייל דאַרף איך גיין צו דער אַרבעט.

ער הייבט זיך אָן אָפּוואַשן, און דערפילנדיק דאָס קאַלטע וואַסער אויף זיין געזיכט, אויף זיין נאַקעטן לייב, זופט ער: אַ־הו־ף. מער וואַסער, קאַלט וואַסער, ס׳איז אַזוי דערפרישנד. אויך דער שיינער פרימאָרגן אָטעמט מיט פרישקייט, און אַ רויקער הייבט זלמן אָן זיין טאָג.

אָט זיצט ער אַ רויקער ביי זיין טיש, און דעם קאָפּ געבוינן איבער פאַרשידענע פאַפּירן, זיצט ער און שרייבט. אַ מיידל, אַן אָנגעשטעלטע, גייט פאַרביי און וואַרפט אים אַ פריינטלעכן „גוט מאָרגן, הער שאַץ!״ הייבט שאַץ אויף דעם קאָפּ און ענטפערט מיט אַ „גוט מאָרגן.״

— איז דאָס נישט אַ ליבלעכער פרימאָרגן?

— יאָ, ס׳איז ווירקלעך אַ שיינער פרימאָרגן.

— טאָ וואָרום זשע קוקט ער עס אַזוי „בלוי״?

— אפשר קוקט ער אויס אַזוי, אָבער ער פילט נישט בלוי, — זאָגט שאַץ מיט אַ קרענקלעכן שמייכל.

— מעגלעך נישט בלוי, אָבער ער קוקט אויס שלעכט די לעצטע צייט.

— זי גיט אים אַ יידישן קאָמפּלימענט, וואָס?

— ניין, ער זעט ווירקלעך אויס שלעכט.

— אַזוי גאָר, ער האָט עס נישט באַמערקט.

— ער וואָלט באַדאַרפט חתונה האָבן, וואָלט זיין ווייבל שוין אַכטונג געגעבן אויף אים.

— ווי קען ער חתונה האָבן, ווען זי ווייזט צוריק זיין פאָר־שלאָג יעדעס מאָל, וואָס ער שלאָגט איר פאָר.

— ער דאַרף איר שוין קיין פאָרשלאַגן נישט מאַכן, ער האָט שוין ווען פאָרצושלאָגן, — און שמייכלענדיק שעלמיש, גייט זי אַוועק.

„איר קוקט אויס שלעכט די לעצטע צייט".

וואָס האָט זי דערזען אויף זיין פנים. איז עס מעגלעך, אַז זי, דאָס מיידל, און די אַלע איבעריקע אָנגעשטעלטע ווייסן, אַז ער איז קראַנק, אַז ער איז אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט. ווען ער זעט נישט, קוקן זיי אויף אים מיט רחמנות און עקל, און זיי היטן זיך פאַר אים.

צו אַלע טייפלען, פטור ווערן פון זיי, פון זייערע בליקן!

וואָרום האָט ער געבעטן צוויי וואָכן, אַ וואָך צייט וואָלט דאָך אויך געווען גענוג פאַר אים. ניין, גלייכער אַזוי. אָט באַלד איז שוין אַריבער אַ טאָג, אָט איז שוין מיטאָגצייט.

זלמן גייט אַריין אין רעסטאָראַן, וואו ער עסט געוויינטלעך מיטאָג, זעצט זיך צו ביי אַ ווינקל טיש, און ביז דער קעלנער דערלאַנגט אים עפעס, זיצט ער און קוקט פאַר זיך.

אָט גייט צו דער קעלנער, און זלמן באַטראַכט אים פון קאָפ ביז די פיס.

איז נישט דער קעלנער קראַנק?

ווי ער האַלט דאָס ט [illegible] אונטערן אָרעם, און ער מוז שוויצן אונטער די פאַכוועס. פוי, אים עקלט אָפ פון קעלנער, און ער פאַרלירט דעם אַפעטיט צום עסן. דאָך באַשטעלט ער עפעס.

עסט, קייט פאַמעלעך, נישט פילנדיק קיין טעם אינם עסן.

ס'איז רעסטאָראַן באַדינער, היינט מאַכלים, אָבער מילא, שוין לאַנג דאָ נישט עסן סיי ווי. —

דעם נאָכמיטאָג האָט ער געאַרבעט אַן חשק, גאָרנישט גע־טראַכט אויך, און פאַרנאַכט האָט ער זיך געשוואָרן:

גיין אַהיים, אָדער נישט.

ער וויל קיינעם נישט זען. אָבער פלאָראַן, זי מוז ער דאָך זען, ער מוז דאָך איר ענדלעך זאָגן, אַז ער פאָרט אַוועק, יאָ, ער וועט עס איר זאָגן נאָך היינט. ניין, נישט היינט, מאָרגן אפשר, יאָ, מאָרגן, און היינט וועט ער ערגעץ גיין, וואו קיינער זאָל אים נישט טרעפן.

ער איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ בורלעסק־הויז.

ער איז געזעסן, גערייכערט און זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער בינע.

די שכנים אַרום אים האָבן געלאַכט מיט אַ הילכיק גראָב גע־לעכטער פון די צווייטייטיקע וויצן. אויף זיינע ליפן האָט זיך אָבער קיין שמייכל באַוויזן, דערפאַר האָבן זיינע אויגן פיבעריש געברענט און איינגעגעסן זיך אין די טאַנצנדע מיידלעך, ספּעציעל אין איינער אַ יונגע, נישט קיין בינע־יוגנט...

וויפיל רייץ אין איר קערפּער, אין איר יעדן גליד, וויפיל לעבן.

— וואָלסט זי באַדאַרפט זען הינטער די קוליסן, — האָט אים עמעצער געשושקעט אין אויער, — זי איז דאָרט שוין גאָרנישט אַזוי רייצנד.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט קוקן הינטער די קוליסן. פאַר זיינע אויגן האָט ער געזען אַ מיידל בראַנד־פייער, לעבעדיק, רייצנד, און אויב זי קען אפילו בלויז אויף דער בינע זיין אַזוי לעבעדיק, איז שוין אויך גוט.

לעבן!

דאָס שטראָמט דאָך ארויס פון איר יעדער באַוועגונג, פון איר יעדן קערפּער-בייג, פאַרשייט, גראָב, ציניש צומאָל, אָבער דאָס איז לעבן.

אַ צעטראָגענער איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. געקומען אַהיים, זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. דער שלאָף האָט אים קיין רו געבראַכט...

זיצנדיק אויף מאָרגן ביי דער אַרבעט, אַ נישט אויסגעשלאָפענער, מיט אַ ביטערן טעם אין מויל, האָט ער געפילט, ווי דער קאָפּ, ניין, נישט דער קאָפּ, אפילו נישט די הויט, נאָר די האָר טאָן אים וויי. ריירט ער זיך צו צו די האָר, פילט ער, ווי זיי טיילן זיך אָפּ איינע פון דער צווייטער, און יעדע האָר, אַ שטאָלערנע דראָט, פּרעסט אויף די הויט, און ס'טוט אַזוי וויי, זיך נישט צורירן צו זיי. אברהם זעצער אָבער, זיין שכן-מיטאַרבעטער, ווייסט אַ פּנים נישט, אַז זלמנען טאָן וויי די האָר, און אויף זיין פאַמיליאַרן שטייגער, וועלכער איז אַלע מאָל געווען דערווידער זלמנען, פאַלט ער אַריין אין צימער:

— אַ, גוט מאָרגן, שאַץ, גוט מאָרגן, וואָס מאַכן מיר עפּעס, אַזוי פרי היינט אַרויסגעפאַלן פון בעט, זיך אַפילו נישט פאַרקעמט ווי עס דאַרף צו זיין.

ער פירט מיט דער האַנט איבער זלמנס ווידערשפּעניקע האָר...

זלמן דערפילט, ווי טויזנטער טעמפּע דרעטלעך שטעכן זיך אַריין אין זיין קאָפּ, און מיט עקל און בייזקייט שטופּט ער אָפּ אברהמען:

— גיי צו אַלדע טייפלען מיט דיין גוט מאָרגן.

אברהם מיינט, אַז דאָס איז אַ שפּאַסיקער ענטפער און איז שוין גרייט איבערצוחזרן זיין פאַמיליאַריטעט, דערזעט ער אָבער

שאַצס געזיכט, ווערט אים קלאָר, אַז שאַץ מיינט עס ערנסט, און ער פרעגט נישט אָן שרעק:

— שאַץ, וואָס איז מיט דיר?

— מיט מיר איז גאָרנישט, — ענטפערט שאַץ בייז, — אָבער האָב מיך ליב פונדערווייטנס, כ׳האָב פיינט, אַז מ׳קריכט מיר אויפן קאָפּ.

— אָבער, שאַץ!

— לאָז מיך צורו, איך בעט דיך, פאַרשטייסט, צי ניין?

אברהם זעצער דרייט זיך אום, מאַכט אַ מינע, אַרויסשטעלנ־ז׳יק די אונטערשטע ליפּ:

— אַ־זוי! גאָרנישט געוואוסט — און זעצט זיך שטיל אַוועק צו זיין אַרבעט.

שכנים זענען זיי, און מען רעדט נישט אויס קיין וואָרט, און דאָס שווייגן דריקט. זלמנען, דאַכט זיך, אַז אברהם קוקט אויף אים פון דער זייט, ווענדיק איבערלייענען עפּעס אויף זיין פּנים, און ער איז אין כּעס אויף אים:

„טיפוש, וואָס וויל ער וויסן, וואָס.

זלמן דאַנקט גאָט, ווען ס׳קומט מיטאָג־צייט, אָבער אָנשטאָט צו גיין אין רעסטאָראַן, פאַרקערעוועט ער אין וויין־קעלער, טרינקט אויס אַ פּאָר גלעזער וויין, אַ שטיקל הערינג, אַ זויערע אוגערקע פאַרבייסן, אַ טעפּל קאַווע און זיין מיטאָג פאַרענדיקט. אים ווילט זיך נישט עסן. אָדן נישט גאָר עסן, אַרבעטן אויך נישט, און ער איז צופרידן, ווען דער טאָג איז פאַריבער, איצט איז ער פריי, ער קען גיין אַהיים. יאָ, ער קען גיין אַהיים, אָבער ער וויל נישט: ער קען נישט זען פלאָראַן אין אַזאַ שטימונג. אים איז נישט אומעטיק, ער איז אויך נישט טרויעריק, ער טראַכט גאָרנישט, אָבער טאַקע פון דעם גאָרנישט טראַכטן פילט ער זיך אַזוי נישטיק. ער קען נישט אויסרעדן אַ וואָרט צו אַ מענטש. באַליידיקט זעצערן אומזיסט. ער

וויל קיינעם נישט זען, און דער בעסטער פּלאַץ זיך צו באַהאַלטן איז אין אַ בילינקער קינעמאַ. און ווען איין קינעמאַ איז ווייניק, איז דערביי דאָ נאָך איינע, און ווען דער זייגער ווייזט עלף, לאָזט ער זיך ערשט אַהיים. דאָרט טרעפט ער אַ צעטעלע אונטער דער טיר:

גערוען, נישט געטראָפן. וואו וועדסטו פאַרפאַלן?

זי איז דאָ געווען. מיין שיין בלימעלע, ווייסטו, ווי איך וויל דיך זען? ווייסטו, אַז בלויז טעג, געציילטע טעג איז פאַרבליבן דיך צו זען, אָבער איך קען נישט, קען נישט.

ער פילט ווי טרערן קומען אים אין די אויגן, די נערוון שוין צופיל אָפּגעשוואַכט. זאָל עס אַזוי ווייטער אָנהאַלטן, וועט ער, אַנ־שטאָט אין סאַנאַטאָריום, דאַרפן פאָרן אין אַן אַנשטאַלט פאַר משוגעים ער מוז זיך אויסשלאָפן, גוט אויסשלאָפן.

ער שלאָפט געשמאַק, און אינדערפרי פילט ער זיך מונטע־רער, שטאַרקער, אָבער דער טאָג, די באַגעגענישן פון טאָג פאַר־מאַטערן אים ווידער, און ווען ער רעדט צו פלאָראַן דורכן טעלע־פאָן, פילט ער ווי זיין שטימע ציטערט, און דאַנקט גאָט, וואָס מ׳קען נאָך נישט זען דורכן טעלעפאָן.

„ניין, זי קען אים נישט זען היינט, ער איז פאַרנומען, מאָרגן, אפשר וועט ער זי זען, ער וועט אַריינקומען צו איר, און אפשר זאָל זי קומען צו אים, ער וועט זיין אינדערהיים, יאָ״.

אָבער אויך מאָרגן איז זלמן נישט געווען אינדערהיים. אים האָבן געשראָקן די פיר ווענט פון זיין צימער, אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז די ווענט קוקן אויף אים מיט רחמנות, זענען פייכט פון וויינען אויף זיין ביטער מזל, אָט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס צימער איז גרויס ווי אַ פעלד, און ער שטייט אַ פאַרלוירענער, אַ פאַר־בלאָנדזשעטער, און אָט האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ווענט קומען זיך צוזאַמען נענטער און נענטער אַרום אים צו דערשטיקן אים. ער איז געלאָפן פון זיין צימער, פון מענטשן, פון זיך, ווילדיק

ויך פאַרטויבן, פאַרגעסן, און די טעג האָבן זיך געצויגן אַזוי פּאַמעלעך, יעדער טאָג אַן אייביקייט. ווען אָבער די טעג זענען אַריבערגעגאַנגען, האָט ער זיך מיט שרעק געכאַפּט, אַז די צייט פליט, געציילטע טעג זענען איבערגעבליבן, ער קען זיי איבערציילן אויף זיינע פינגער, און ער האָט די טעג געלאָזט פאַרבייגיין, ער דאַרף דאָך עפּעס טאָן, זיך צוגרייטן צום פאָרן, ער דאַרף אַ ביסל חובות אויפמאָנען, קיין קאַסטנס דאַרף ער אפילו נישט פּאַקן, אָבער ער דאַרף איבערקוקן פּאַפּירן, בריוו, ווען וועט עס ער טאָן.

זלמן האָט זיך גענומען פיבערהאַפט גרייטן צום פאָרן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט זיין וואַליז, וואו פאַרשידענע פּאַפּירן און בריוו זענען געלעגן אין אומאָרדנונג, זיי גענומען איבערקוקן.

— וויפיל בריוו ס'האָבן זיך באַ אים אָנגעקליבן. ער דאַרף זיי צערייסן, פאַרברענען, אָבער איידער ער שיקט זיי אויפן שייטערהויפן, וויל ער זיי איבערקוקן, און אַריינקוקנדיק אין אַ בריוו, דערמאָנט ער זיך אָן דעם, וואָס האָט דעם בריוו געבראַכט צו אים. און ער לייענט דעם בריוו אינגאַנצן, בלייבט שטיין מיטן בריוו אין האַנט פאַרטראַכט, קוקנדיק אין דער פאַרגאַנגענהייט, און דאַן ערשט צערייסט ער אים האַסטיק און וואַרפט אים אויפן דיל לעבן זיך.

שטייענדיק אין אַ הויפן צעריסענע בריוו און פּאַפּירן, האָט אים פלאָרא געפונען. ער איז געבליבן שטיין מיט אַ נישט צעריסענעם בריוו אין האַנט, ווי אַ גנב, ווען מ'כאַפּט אים ביי דער גנבה, און נישט געקענט אַרויסזאָגן אַ וואָרט, נישט געקענט אַרויסלאָזן דאָס פּאַפּיר פון האַנט.

— וואָס מיינט עס? — האָט פלאָרא אַ פרעג געטון.

— וואָס זאָל עס מיינען גאָרנישט. ער קוקט איבער בריוו, וועלכע האָבן זיך ביי אים אָנגעקליבן.

פלאָרא זעט אָבער דעם הויפן צעריסענע פּאַפּירלעך, די אָפּענע וואַליז, זי באַמערקט אַן אומאָרדנונג אין גאַנצן צימער. זי האָט דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ, און אָנגעמענדיק זלמנען ביי די הענט, קוקט זי אים שאַרף אין די אויגן.

— באַהאַלטסט עפּעס פון מיר, זאָג, וואָס מיינט עס.

זלמן באַפרייט זיך פון אירע הענט, לאָזט אַרונטער די אויגן, און דאָך ווי קריגנדיק קוראַזש, הייבט ער ווידער אויף די אויגן, און קוקנדיק פריי אויף פלאָראַן, זאָגט ער אַרויס:

— איך פאָר אַוועק, פלאָרא.

— דו פאָרסט אַוועק? — זי קוקט אויף אים מיט אָפענע אויגן, אין וועלכע עס זעט זיך שרעק, און די אויגן זאָגן:

„דו פאָרסט אַוועק, דאָס זע איך, אָבער וואָס מיינט דאָס אַוועקפאָרן? פאַרוואָס, וואוהין, צוליב וואָס? וואָס באַהאַלטסטו, זאָג, רעד".

זלמן רעדט נישט גלייך, זיין קוראַזש איז שוין ווידער פאַר־שוואונדן, זיינע אויגן האַלטן נישט אויס דעם קוק און לאָזן זיך אַרונטער, און פלאָרא שטייט נאָך אַלץ און וואַרט אויף אַן ענטפער.

— זיאָמע! — דאָס וואָרט גייט דורך ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איבער זיין לייב, ער צאַפּלט אויף, און אָנכאַפּנדיק זי ביים שלאָס-ביין פון האַנט, דריקט ער אים שטאַרק ביז צום וויי טאָן און מיט טרערן-פולע אויגן זאָגט ער אַרויס:

— איך בין קראַנק, פלאָרא.

און ווען די ווערטער זענען פון מויל אַרויס, פאַרבייסט ער די ליפּן און דריקט קראַמפּהאַפּט איר האַנט. איר פּנים האָט זיך אויסגעקרומט פון ווייטיק, און פּרובירנדיק צו באַפרייען איר האַנט פון זיין גריף, שטייט זי און קוקט מיט צעשראָקענע אויגן, ער פילט, ווי זי וויל באַפרייען איר האַנט, און אַ דריק טוענדיק נאָך

שטאַרקער, לאָזט ער זי אָפּ מיט אַ שטויס, און מיט אַ גיפטיק שמייכעלע פרעגט ער:

— שוין זיך דערשראָקן פאַרן קראַנקן, קענסט זיין האַנט-באַריר נישט פאַרטראָגן?

— זיאַ-מע:

זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אים אויפן האַלז און געפרווט אים אַ קוש טון. זלמן האָט אויסגעשטעלט די האַנט-פלאַך אַלס מחיצה צווישן פלאַראַס ליפּן און זיין געזיכט, אפּשטויסנדיק זי אַ ביסל.

— קיין קושן מער.

און ווען ער זעט, ווי זי שטייט אַ פאַרוואונדערטע מיט שטיין-געבליבענע טרערן אויף אירע באַקן, גיט ער צו:

— איך בין קראַנק, פאַרשטייסט, מיר טאָרן זיך נישט קושן.

— זיאַמע!

זי גיט זיך אַ וואָרף אויף אים מיט אַזאַ אימפעט, אַז ער פאַרלירט זיך, און זי קושט זיינע אויגן, ליפּן, שטערן, בייסט זיך איין אין זיין לייב.

— זיאַמע, זיאַמע, זאָג, רעד דערציילו!

—זי שלעפּט אים אָוועק פון דעם הויפן אָנגעריסענע פּאַפּירן, פירט אים צו צום פענסטער, זעצט אים אַנידער, און אַרומנעמענדיק איר אָרעם אַרום זיין רוקן, בעט זי:

— רעד, זלמן, דערצייל, וואָרום שווייגסטו?

זלמן האָט, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, קורץ געענטפערט:

— נישטאָ וואָס צו דערציילן. געווען ביים דאָקטאָר, און ער האָט געזאָגט — קראַנק.

פלאַראַ באַהערשט זיך, און רויק, כמעט געשעפטסמעסיק, הייבט זי אָן פרעגן, ביי וועלכן דאָקטאָר איז ער געווען.

— ביי דאָקטאָר מ.? נו, און וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס ער האָט געזאָגט. זי האָט דאָך שוין געהערט, ער איז קראַנק, דאַרף פאָרן אין אַ סאַנאַטאָריום.

— און דאָקטאָר מ., דענקט ער, איז אַ גאָט? ער קען דאָך אויך אַ טעות מאַכן.

— אַ טעות? — זלמן הייבט אויף דעם קאָפּ. — דענקסטו, ווירקלעך, אַז דאָקטאָר מ. קען אַ טעות מאַכן? — ניין, ער איז טאַקע נישט קיין גאָט, אָבער אַ קרענק פאַרשטייט ער. פאַרשטייסט, פלאָראַ, איך בין קראַנק, און דאַרף, מוז אַוועקפאָרן. פאַרשטייסט?

ער קען מער נישט רעדן, טרערן שטיקן אים. אייַנבוגעדיק זיין קאָפּ ביי פלאָראַן אויף דער ברוסט, וויינט ער אַרויס — פלאָראַ! און זיינע אַקסלען הייבן אָן ציטערן.

— זיאַמע, זיאַמעלע! — אַ שטראָם טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן. — זיאַמעלע מיינער. — זי נעמט אַריין זיין קאָפּ אין אירע הענט. קושן מיט טרערן מישן זיך אויס.

— וועסט נישט אַוועקפאָרן, וועסט נישט אַוועקפאָרן, איך וויל נישט.

זלמן ענטפערט נישט, ער שאָקלט בלויז מיטן קאָפּ, באַשטרייטנדיק מיט די קאָפּ-באַוועגונגען אירע רייד.

— וועל איך פאָרן מיט דיר.

מיר וועלן אַוועקפאָרן אין די בערג, דינגען אַ קליין שיין הייזל, דו וועסט זיך אויסרוען, גוט אויסרוען, די פרישע לופט, גוט עסן וועט דיך צוריקשטעלן אויף די פיס. דו ביסט נישט קראַנק, איך זאָג דיר, בלויז צופיל געאַרבעט, אָפּגעצערט געוואָרן, וועסט געזונט ווערן, וועסט זען, זיאַמע.

זלמן פילט, ווי זי גלעט זיינע האָר, און די באַרירונג פון איר האַנט איז אַזאַ לייכטע, ווייכע, גלעטנדע, באַרויִקנדע, און אַזוי

זענען אויך אירע רייד. ער זעט זיך שוין מיט איר צוזאַמען אין די בערג, זיי לעבן ביידע שטיל, רויִק, און גוט.

אָבער אָט דערזעט ער פאַר זיך דעם באַאַמטן פון דער געזונטס-ביוראָ, און די באַרויִקנדע רייד גרילצן אין אויער. זי שפּאַסט פון אים. ער הייבט ראָש אויף דעם קאָפּ.

— ניין, פלאָרא, דו וועסט נישט מיטפאָרן, דו בלייבסט דאָ. אונזערע וועגן צעשיידן זיך, פאַרשטייסט. איך פאָר אַוועק, פאָר אַוועק... אויף אייביק אפשר, און דו, דו בלייבסט.

— זי קען נישט, זי וויל נישט בלייבן אַליין, זי קען נישט לעבן אָן אים.

— זי וועט נישט בלייבן אַליין, — ענטפערט זלמן מיט אַ שמייכל — זי בלייבט צווישן מענטשן, באַקאַנטע, פריינט, זי וועט זיכער נישט זיין אַליין.

— זיאַמע! — פול מיט פאָרוואורף איז איר קוק. — פאַר-וואָס רעדט ער אַזוי?

— ניין, פלאָרא, ער וויל זי נישט שטעכן מיט די רייד, אָבער זיי זענען דאָך נישט קיין קינדער, מ'מוז קוקן דעם אמת אין די אויגן און שלום מאַכן מיט אים. ער איז קראַנק, זי איז געזונט. זיין וועלט איז די קראַנקן-וועלט, און נאָך דער קראַנקן-וועלט...

— זיאַמע, רעד נישט, רעד נישט אַזוי.

זלמן פילט, אַז יעדער וואָרט, וואָס ער זאָגט, איז ווי אַ שפּיז, אים פאַרדריסט, וואָס ער רעדט אַזוי, אָבער צו דערזעלבער צייט האָט ער אַ מין פאַרגעניגן פון דעם פייניקן פלאָראַן און זיך אַליין מיט די רייד, דאָס קראַצן פון אַ וואונד, און ער רעדט וועגן קראַנק זיין, וועגן שטאַרבן, טויט.

אויסגעשעפּט האָבן זיך טרערן, אויסגעלאָזט האָבן זיך רייד מ'זיצט און מ'שווייגט, און שווייגנדיק, קוקנדיק אויף אים, ווי ער זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גלייך ווי קיינער וואָלט לעבן אים

נעזעסן, כאַפּט אים פלאָראַ אַרום, דריקט זיין קאָפּ, קושט אים מיט
אימפּעט, שטאַרק, ליידנשאַפטלעך, ביז ער ווערט איבערגעוועלטיקט
פון איר, און פילט ווי אַ ליידנשאַפט-כוואַליע פאַרשלינגט זיי ביידן
און טראָגט זיי אַוועק אין דער נאַכט-פינסטערניש...

V.

שווער איז געווען פאַר זלמנען צו טראָגן זיין סוד איינער אַליין, און ווען ער האָט זיין סוד פאַרטרויט נאָך איין מענטש, פלאָראַן, איז אים לייכטער געוואָרן צו טראָגן די משא. אמת, ער האָט איר נישט אַלץ דערציילט. זיין באַשלוס, אַוועקצופאָרן פון איר, אויף ווי לאַנג ער וועט נאָך לעבן, אַוועקפאָרן, נישט צו זען זי מער, נישט צו שרייבן צו איר אַפילו, איבערייסן פרייווילליק יעדן פאָדעם, וואָס האָט זיי צוזאַמענגעבונדן, האָט ער נישט אַרויסגעזאָגט קלאָר און דייטלעך.

ניין, דאָס האָט ער נישט געזאָגט. פאַרוואָס? האָט ער מורא געהאַט צו זען, ווי אויך מיט דעם געדאַנק וועט זי שלום מאַכן?

— ליבע, ליבע ביזן טויט, ביז נאָכן טויט, פש-אָ. — איך וועל פאָרן מיט דיר.

וואָלט ער באַשטאַנען דערויף, וואָלט זי מיטגעפאָרן, און קוים מאַכט ער אַן אָנווענדונג, איז זי מיט דעם אויך צופרידן, ער וועט דאָך שרייבן בריוו. כם... לעבן מיט בריוו, וואַרטן יעדן טאָג מיט אומגעדולד אויף אירס אַ בריוו, און זי, האָבנדיק געקומען שפעט פון אַ פריילעכער אונטערהאַלטונג ערגעץ, אָדער האָבנדיק זיך פאַרזעסן שפעט מיט עמעצן, זאָל זיך פוילן אים צו שרייבן, און ער

זאָל זיך מאַטערן, און איבערטראַכטן מי יודע וואָס. און זיינע בריוו דאַרפן דאָס זיין דער פּאָדעם, וועלכער זאָל האַלטן פלאָראַן צוגע־בונדן צו אים.

ניין, אָפּשניידן מיטאַמאָל, איבערייסן פּריייוויליק דעם לעצטן פּאָדעם, מעג דער ריס אַפילו ווי טון, שטאַרק ווי טאָן.

אים טוט שטאַרק וויי, ווען ער גיט אַ טראַכט, אַז בלויז גע־ציילטע טעג וועט ער נאָך זען פלאָראַן...

און די טעג האָבן גענומען אַזוי פליִען. איז דער טאָג אַרי־בער, קומט ער זיך צוזאַמען מיט פלאָראַן, און מאָדנע, ער וויל, דאַכט זיך, זי איינשלינגען, זי אין זיך אַריינציִען, און פונדעסט־וועגן, ווען ער קומט זיך מיט איר צוזאַמען, דערפילט ער זיך אַזוי ענג. קיין רייד איז נישטאָ, בייט מען זיך איבער מיט ווערטער, זע־נען זיי פון דעם מין „אַ שיינער טאָג היינט געווען", און דער אָוונט, און די נאַכט זענען שוין אַזוי לאַנג.

ניין, ער קען מיט פלאָראַן אַליין נישט בלייבן די גאַנצע צייט, און מ'גייט צוזאַמען אין טעאַטער צו פאַרברענגען דעם אָוונט.

אָט זיצט ער ביי איר זייט, קוקט כלומרשט אויף דער בינע, אָבער זיין געדאַנק איז ווייט פון דעם געזעענעם און געהערטן, ווערנד פלאָראַ קוקט אָנגעשטרענגט צו דער בינע, קוקט ער אויף איר און טראַכט: ווי פאַראינטערעסירט זי איז אין דעם לעבנס־שפּיל, וואָס שפּילט זיך דאַ אָפּ, און איר קומערט גאָרנישט, וואָס לעבן איר זיצט זלמן, וועלכער וועט אין איייניקע טעג אַרום זיך געזעגענען מיט איר, מיטן לעבן. ליכט, מוזיק, טעאַטער־אַטמאָס־פערע, ווי גוט זי פילט זיך דאָ, און ער, ער פילט גאָרנישט, אויסער דעם, אַז באַלד, באַלד, און ער וועט דאָס אַלץ נישט זען, אָט גיט עמעצער אַ הוסט, אַ צווייטער רופט זיך אָפּ, און אויך זלמן פילט, ווי ביי אים אין ברוסט ריזלט זיך עפּעס און רייסט זיך אַרויס. ער טוט אַ פאַרשטיקטן הוסט. ער זעט, ווי פלאָראַ טוט זיך אַ צאַפּל און

קערט אָפּ דעם קאָפּ צו אים, און אים דאַכט דאַכט זיך, אַז איר
קוק זאָגט:
„אויך דאָ?! איך בעט דיך, טו דאָס נישט."
אים ווילט זיך זי אָננעמען ביי דער האַנט און זי אַרויספירן
פונדאַנען, זי אַוועקפירן אַהיים צו זיך, זי פאַרמאַטערן מיט זיינע
צערטלעכקייטן, זאָל זי פילן, אַז קוים לעבט ער נאָך, איז ער ביי
מיט איר, איז זי זיינע, זיינע אינגאַנצן און קיין זאַך, מעג עס
זיין טעאַטער־פאָרשטעלונג, קען זי ביי אים נישט צונעמען אפילו
אויף געציילטע מינוטן.
אָבער האָט ער דען אַליין נישט געוואָלט גיין מיט איר
אהער.
יאָ, ער קען נישט זיין מיט איר אַליין אַזוי פיל שטונדן
נאָכאַנאַנד...
ערשט נאָך האַלבער נאַכט, ווען שטילקייט הערשט אַרום,
ערשט דאַן פילט נישט זלמן קיין דריקנדעס שווייגן, זיי פירן קיין
געשפּרעכן, מ׳רעדט מיט קושן און צערטלעכקייטן ביז שפּעט אין
דער נאַכט, ווען פאַרמאַטערטע זיי ווערן ביידע אַנטשלאָפן.
אויפגעכאַפּט פון אַ בייזן חלום אָדער הוסט, באַטראַכט זלמן
פלאַראַן, ווי זי ליגט און שלאָפט, אָטעמט רעגלמעסיק.
— ווי שיין זי איז. מיין שיין בלימעלע.
ער וויל איר אויסקושן איר גאַנצן קערפּער.
ער דערשטיקט אַ הוסט, שלייכט זיך אַרויס פון בעט, פאַריי־
כערט אַ פּאַפּיראָס, זיצט אויפן בעט און קוקט אויף דער שלאָפנ־
דיקער.
פילט זי, ווי ער זיצט און קוקט אויף איר? שלאָפט זי?
אים פאַלט איין, אַז זי שלאָפט נישט, מאַכט זיך בלויז שלאָפנ־
דיק, כדי נישט צו פילן אויף זיך זיינע קושן. ער זעט אָבער ווי זי

גיט זיך אַ ריר, מורמלט אַרויס עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, און ער איז זיכער, אַז זי שלאָפט.

דער פּאַפּיראָס איז שוין לאַנג אויסגערייכערט, און זלמן זיצט נאָך אַלץ אויפן בעט, קוקט אין דער פינסטערניש אויף פלאַראַס געזיכט, פילט איר אָטעמען, איר האַרץ־קלאַפּן, קוקט אויף איר און פילט, ווי זיין גאַנצער וועזן ווערט דורכגעדרונגען מיט ליבע.

מיט אַ צופלוס פון גרויזאַמער ליבע צו דער שלאָפנדער פרוי ער קען נישט זעטיקן זיין קוק, און ער זיצט און האַלט זיך צוריק פון צופאַלן צו איר קערפּער.

זאָל זי שלאָפן, ווי שיין זי איז אין שלאָף, אַ קינד. מיין שיין קינד, מיין שיין בלימעלע.

האָט זי דערפילט זיין קוק? זי באַוועגט זיך, שטרעקט אויס די הענט, ציט זיך אין דער זייט, וואו ער איז געלעגן, און נישט געפינענדיק אים, זעצט זי זיך ראַש אויף, און ש׳ער נישט אָנקלאַפּנ־דיק זיך אָן אים, ציט זי איבער אירע ווייסע נאַקעטע אָרעמס אַרום זיין האַלז.

— פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

און זי ציט אים צו זיך.

— שוין לאַנג, אַז דו זיצסט אַזוי?

און דעם ענטפער אויף די פראַגן זאָגט ער איר פון ליפּ צו ליפּ...

די אָוונטן אין טעאַטער, אָדער אַזוי אין געזעלשאַפט, ד נעכט זאַלבענאַנד אין אומגעזעטיקטער ליבע, האָבן זיי ביידע איבער־געלעבט ווי אין אַ טשאַד, נישט רעדנדיק כמעט, נישט באַמערקנ־דיק, ווי די צייט גייט איבער. אָבער אָט איז שוין בלויז אַ פּאָר טעג געבליבן. צוויי טעג, אויפן דריטן מוז ער אוועקפאָרן. מ׳דאַרף צוגרייטן זיך אין וועג.

— נו, און מיט דיינע פריינט וועסטו זיך גאָרנישט געזעגענען? — פרעגט פלאָראַ פאָרזיכטיק.

— פריינט? ווער?

— נו, רובינשטיין, שלייען, שעכטער, ליטוואַק.

— דענקסט זי, אַז ער דאַרף זיך מיט זיי געזעגענען? — ער קוקט אויף איר, און אַ בייזער שמייכל לויערט אין זיין מוילווינקל.

פאַרוואָס האָט זי גראַדע איצט דערמאַנט אָן געזעגענען זיך מיט רובינשטיינען, מיט די איבעריקע. זי וויל דווקא, ער זאָל זיך געזעגענען מיט זיי.

— יאָ, זי איז גערעכט. ער דאַרף זיך מיט זיי געזעגענען, זיי זענען דאָך זיינע גוטע פריינט און ס'איז דאָך גאַנץ מעגלעך, ער וועט זיי שוין מער נישט זען.

— זיאַ-מע, פאַרוואָס רעדסטו אַזוי?

אַ ביטערער שמייכל שלענגלט זיך אַרום זיין מויל.

— פאַרוואָס קאָקעטירסטו אַזוי — ווילסטו פרעגן — נישט אַזוי? געוויס, פאַרוואָס נישט קאָקעטירן אַ ביסל. אַ היבשע צייט פאָזירט אַלס דער מעלאַנכאָלישער פאַרליבטער, פאַרוואָס נישט קאָקעטירן צולעצט אַלס שטאַרבנדער ליבהאָבער. איך קאָקעטיר בלויז, פלאָראַ, איך מיין דאָס נישט. איך וועל קומען צוריק אַ געזונטער, וועל זען זיי, דיך. ווער ווייסט, ווי דו וועסט אויסזען, וואָס פאַר אַ פלאָראַ איך וועל געפינען.

פלאָראַ האָט געקוקט אויף אים, געפילט ווי ביטער ער רעדט, זי האָט אָבער זיך נישט געקענט אָריענטירן אין זיינע רייד, קאָקעטירט ער ווירקלעך? ניין, דאָס זעט זי פון זיינע פינסטערע אויגן. ער מיינט — וואָס ער זאָגט, און דאָך ענטפערט זי אים.

— דו וועסט געפינען די זעלבע פלאָראַ, וואַרטנדיק אויף דיר, אויף איר זיאַמען, וועמען זי האָט אַזוי ליב, אַזוי ליב.

זי קלאָמערט אים אין אירע אָרעמס און פּאַרציט זיך אין א לאַנגן קוש, ווי וועלנדיק מיט דעם איינעם שטילן, לאַנגן קוש אים איבערצייגן, ווי שטאַרק זי ליבט אים. אים טאָן גוש ווי די ליפּן פון דעם פּאַרצויגענעם קוש. ער ווייסט, זי האָט אים ליב, ער ווייסט עס, פילט עס, אָבער ער ווייסט אויך, אז ס'איז נישטאָ קיין געדעכעניש, וועלכע די צייט זאָל נישט אָפּווישן, און נישטאָ א ווייטיק, וועלכן דער טויט זאָל נישט ענדיקן.

די צייט און דער טויט וועלן אים אַרויסרייסן פון איר זכּרון, און ווען אויף אים וועט רוען א באַרג ערד, וועט זי לעבן, לעבן גליקלעך, פריילעך מיט רובינשטיינען, מיט אַן אַנדערן, וואָס איז דער אונטערשייד.

— יאָ, ער וועט זיך געזעגענען מיט זיינע פריינט, ער וועט זיי, באַטירלעך, נישט זאָגן וואוהין ער פאָרט. ניין, רובינשטיינען וועט ער יאָ זאָגן, אין דער לעצטער מינוט, דער אָפּשייד־אָוונט זאָל זיין א פריילעכער, אַן אויסגעפּוצטע זאָל זי קומען, בלומען ברענגען, ער וועט פאַרזאָרגן ווײַן און עסנוואַרג, און א פריילעכער אָוונט זאָל עס זיין.

לעך איז דער לעצטער אָוונט. אין זלמנס צימער האָבן זיך געהערט פריילעכע יונגע שטימען, געלעכטערן און וויצן אויפן חשבון פונם באַלעבאָס, וועלכער פאָרט ערגעץ אין דער ווייטער וועסט און וועט קומען צוריק א מולטימיליאָנער, אָדער וועט גאָר דאָרט ווערן א פּאַסטוך, און וועט שפּעטער אויך זיי אַרויסרופן. זיי וועלן קומען צו אים און אַלס מתּנה אים ברענגען די שיינע פּאַס־טוכין, וועלכע בלייבט דאָ דערווייל.

און מען טרינקט לחיים פאַרן צוקונפטיקן מולטימיליאָנער, פאַרן פּאַסטוך, פאַר דער שיינער פּאַסטוכין, פאַר דער גאָלדענער וועסט.

זלמן טרינקט אויך, טרינקט אַ סך און רייכערט. הוסט און רייכערט. ער זעט, ווי פלאָראַ בעט אים שטומערהייט:

„טרינק נישט, רייכער נישט".

און ער ענטפערט מיט אַ מאַך פון האַנט, און זי פאַרשטייט, אַז ער זאָגט איר:

„דאָרטן, דאָרטן, נישט טרינקען, נישט רייכערן, גאָרנישט".

און דערווייל טרינקט ער. מער נישט־טרינקענדיק, קוקט ער פון גלאָז אַפער אויף פלאָראַן, אויף רובינשטיינען, און ווען אים דאַכט זיך, אַז עמעצער האָט באַמערקט זיין קוק, הייבט ער אָן רעדן הויך, שרייען צו זיינע חברים, זיי זאָלן אויך טרינקען, און ווען איין קרוג איז אויסגעליידיקט, זינגט מען אַלע צוזאַמען;

„וויר האַבן דאַס פעסכען לעער געמאַכט".

און ווען טוב לב המלך ביין, זינגט מען:

„דו ווערסט זיין אַ גביר, מיין זיאַמעלע"...

יאָ, ער וועט זיכער ווערן אַ גביר דאָרט אין דער וועסט. זאָל ער כאָטש זיינע פריינט נישט פאַרגעסן, שיקן דעם אַ פּאָר טויזנטער, דעם אָנשטעלן אַלס משרת, אַלס לאָקיי ביי אים.

מ׳האָט דעם ווין שוין אויסגעטרונקען, די גאָרגלען אָנגעריסן, אין צימער איז אַ שטיקנדע לופט, אַ דריקנדע אַטמאָספערע.

— קאַווע, שוואַרצע קאַווע טרינקען צוזאַמען, — רייסן זיך אייניקע.

— זיך דורכפאָרן, זיך דורכפאָרן, — שרייען אַנדערע.

פלאָראַ קוקט אויף זלמנען מיט בעטנדע אויגן:

„זאָל שוין זיין גענוג".

אָבער זלמן פאַרשטייט איצט נישט קיין שטילע שפּראַך. ער שרייט אויך:

— געוויס, זיך דורכפאָרן.

— אַן אויטאָמאָביל — רופט עמעצער אָפּ, אַן אויטאָמאָביל. רובינשטיין, ווערסט אפשר אָפּרופן?

ער באַגעגנט זיך מיט רובינשטיינס פרעגנדן בליק, אַט דער פריילעכער יונג איז עפּעס נישט געווען אַזוי פריילעך היינט אָוונט, און איצט שטייט ער אויך ווי אַ נישט חשובער גאַסט. האָט אים פלאָראַ עפּעס דערציילט? וואו איז פלאָראַ? גוט, וואָס זי איז נישטאָ דערביי. ער נעמט אַן רובינשטיינען אונטערן אָרעם.

— קום, מיר וועלן צוזאַמען גיין ברענגען אַן אויטאָמאָביל.

רובינשטיין שטעלט אים אָפּ אין ווינקל, וואו ער וויל געפי־נען זיין היטל.

— זלמן, וואָס איז מיט דיר היינט? זאָג דעם אמת, וואוהין פאָרסטו?

— קום, קום שנעלער, איך וועל דיר אַלץ דערציילן.

ווען זלמן און רובינשטיין זענען געקומען מיטן אויטאָמאָביל, האָט רובינשטיין געכאַפּט אַ קוק אויף פלאָראַן, וועלכע איז געשטאַ־נען און געצויגן דעם קאָלנער פון איר האַרבסט־מאַנטל אַרויף־צו, געזען ווי זי וואַרט זלמנען ער זאָל זיך פאַרקנעפּלען ביזן האַלז און האָט זיך אַ שווייגנדע אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל. אויך זלמן איז אַנטשוויגן געוואָרן, און דאָס שווייגן האָט זיך איבערגעגעבן צו די איבעריקע. דאָס שווייגן האָט זיי געדריקט, און רובינשטיין האָט זיך גענומען זינגען אויף אַזאַ הויכער שטימע, אַז ער האָט זיך גלייך איבערגעריסן. מ'האָט אָבער געזונגען.

זלמן איז געזעסן איינגענורעט אין זיין ראָק, טוליענדיק זיך צו פלאָראַן און אויפציטערנדיק פון צייט צו צייט.

— דיר איז קאַלט.

— ניין.

ער דריקט איר האַנט.

אים איז נישט געווען קאַלט, בלויז אַ קאַלטער שוויס האָט

דעקט זיין שטערן, מאַכנדיק אים קאַלט און פייכט. דערפאַר אָבער זענען די ליפּן געווען טרוקן, אין האַלז האָט געברענט, אין ברוסט געפּרעסט. ער האָט פון צייט צו צייט אָפּגעהוסט, ווייניק וואָס גע-רעדט און גאָרנישט געזונגען, לאָזנדיק רובינשטיינען אָנפירן דעם קאָמישן אויטאָמאָביל-קאָנצערט.

אַזוי, הייסט עס, רובינשטיין וועט זיין זיין פאַרטרעטער. כם... אַזוי איז עס. אַנדערש קען עס בישט זיין. עס קען נישט זיין.

די רייזע איז געענדיקט, מ׳געזעגנט זיך צום לעצטן מאָל. רובינשטיינס האַנט פאַרהאַלט זלמן לענגער, און מ׳קוקט זיך שטום אָן.

— שרייב! — זאָגט בלויז אַרויס רובינשטיין און פאַרשווינדט אין דער פינסטערניש.

זלמן און פלאָראַ זענען אַרויף אין צימער. פּאַפּיראָסן-רויך און אַ וויין-גערוך האָט זיי אַ זעץ געטאָן אין נאָז. זיי זענען גע-בליבן שטיין אין די מאַנטלען ווי באַטראַכטנדיק אַלץ, און אויפהייבנ-דיק די אויגן, שטום אַרויפגעפאַלן איינער דעם צווייטן אויפן האַלז.

די לעצטע נאַכט.

זיאַמע! פלאָראַ! בלימעלע מיינס!

געציילטע ווערטער האָבן זיך בלויז געהערט דורך די שטי-לע אויסגאָגנדיקע קושן, זודיקע טרערן. ליידנשאַפט האָט אויפגע-ריסן אַלע צוימען און זיך ווילד געטראָגן פאַרשלינגנדיק אים מיט איר...

זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט צו זען, אַז בלויז אַ פּאָר שעה איז געבליבן, און ווען פאַרשידענע קלייניקייטן, ווי איינפּאַקן געוויסע זאַכן, אַריבערציִען דעם רימען איבערן רענצל, זענען געווען אָפּגע-טאָן, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז בלויז פאַרבליבן צייט אָפּצו-עסן, און דאַן פאָרן.

אַלץ פּאַרטיק. פלאָראַ איז אָנגעטאָן, זלמן אויך, און מ׳שטייט ביידע באַטראַכטנדיק דאָס צימער צום לעצטן מאָל, אין שטום פאַלט פלאָראַ אויף זלמנס האַלז.

— נו, שאַ, מיין קינד, נישט געוויינט.

נאָך איין שטילער לאַנגער קוש, און מ׳פאַרלאָזט דאָס צימער.

שווייגנדיק זעצן זיי געזעסן אין דעם באַקוועמען פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל, זיך געוויגט. זלמן האָט בלויז פון צייט צו צייט נענטער צוגעצויגן פלאָראַן צו זיך און שטיל געקושט אירע האָר. אָט דערנענטערט זיך דער אויטאָמאָביל שוין צום פיער. ווידער אַ פּאָר־צויגענער קוש.

— זיי געזונט.

— זיי־געזע!

איר זלמן האָט שוין פאַרהאַקט דאָס טירל, באַצאָלט דעם טרייבער און הייסט אים פאָרן צוריק.

פלאָראַ עפנט דאָס טירל און שלעפּט כמעט אריין זלמנס קאָפּ אינעווייניק. נאָך אַ שטילער לאַנגער קוש, און פלאָראַ וואַרפט זיך אָפּ אין אַ ווינקל פון אויטאָמאָביל, נישט זעענדיק אַפילו, ווי איר זלמן דערווייטערט זיך פון איר, ווערט פאַרשוואונדן אויפן וועג צו דער קראַנקן־וועלט.

VI.

קלאַפּן די רעדער זייער ריטמישן קלאַפּ, און וואָס דער מענטש וויל הערן אין דעם געקלאַפּ, הערט ער.

אויף דעמזעלבן וועג איז זלמן געפאָרן מיט בלויז אַ פּאָר חדשים צוריק, און דאַן האָט ער געהערט: איך לעב, איך ליב, איך לעב, איך ליב. אָן אויפהער, אַזוי די גאַנצע צייט. דאַן איז אויך פלאָרא מיטגעפאָרן מיט אים, זיי זענען ביידע געפאָרן אין די בערג אויף צוויי וואָכן וואַקאַציע. און איצט, פלאָראַ... זי מוז איצט ליגן איינגעגראָבן אין קישן און וויינען, און ער, ער וויינט נישט, ער הערט זיך צו צו דעם געקלאַפּ און ער הערט:

קראַנק, קראַנק, קראַנק.

ביז אין מוח הייבט אָן טומלען. ער קוקט אין פענסטער, אָבער זעט כמעט גאָרנישט. גערן וואָלט ער אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון פענסטער, אָבער ער האָט מורא פאַר זיין שכן, וואָס זיצט לעבן אים. ער האָט באַמערקט אויף דעם שכנס געזיכט אַ נייגעריקייט, אַ פאַרלאַנג צו פרעגן:

„וואוהין פאָרט עס אַ ייד"?

און וואוהין, זאָל ער אים זאָגן, פאָרט ער, סיידן אָנווענדן די זעלבע טאַקטיק, וואָס מיט אַ גזלן, זאָגן אים צוויי סטאַנציעס

ווייטער און אַראָפּשפּרינגען, ווען ער וועט קומען צו „זיין" שטעטל.

זינגט דער קאָנדוקטאָר מיט זיין סקאַרבאָוון פאָנפעוואַטן ניגון נעמען פון פאַרשידענע שטעטלעך, און די ווערטער קומען אַרויס פון זיין מויל ווי צעקייט, מ׳קען בשום אופן נישט הערן, וואָס ער זינגט, און זלמן שרעקט זיך שוין, ווי אַ העכטער פּראָווינצערל, טאָמער וועט ער פאַרהערן דעם נאָמען פון דער סטאַנציע, אָבער אָט זינגט אויס דער קאָנדוקטאָר דעם נאָמען פון „זיין" שטעטל, און ער פילט, ווי די פיס נעמען אים אָפּ, אונטערן האַרץ ווי אויסגעהוילט.

ער וואַרט ביז דער צוג שטעלט זיך אָפּ. ערשט דאַן כאַפּט ער זיין רענצל און לאָזט זיך אין איילעניש אַרויס פון וואַגאָן, נישט קוקנדיק אויף צוריק, פּונקט ווי איינער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אויף זיין זיץ-פּלאַץ אַ צעריסענעם פּאַראַסאָל און האָט מורא, מ׳זאָל אים נישט נאָכלויפן און זאָגן:

אָט דאָ איז עס, איר האָט עס פאַרגעסן.

ער שטייט און זעט, ווי דער צוג רירט זיך, און ווען דער לעצטער וואַגאָן פאַרשווינדט, פילט זלמן, ווי דער לעצטער פאָדעם, וואָס האָט אים צוגעבונדן צו דער געזונטער וועלט, איז איבערגעריסן געוואָרן, און איצט הייבט זיך אָן די קראַנקן-וועלט. שטייענדיק מיט זיין רענצל אין האַנט, דאַכט זיך אים, אַז אַלע מענטשן, וואָס שטייען דאָ דערביי, ווייסן וואוהין ער פאָרט. און ווען אַן אויטאָמאָביל-מאַן קומט צו און פרעגט, וואוהין ער וויל פאָרן, ענטפערט ער שטיל:

אין סאַנאַטאָריום.

און דאַנקט גאָט, ווען ער געפינט זיך שוין אין אויטאָמאָביל. דאָ זעט אים כאָטש קיינער נישט. ער נעמט אַרויס זיין שאַכטל פּאַפּיראָסן, שאַרט דאָרט נערוועז מיט די פינגער, און טאַפּט אַ צווייי, די לעצטע צוויי פּאַפּיראָסן, פאַרייכערט צום לעצטן מאָל.

ער פאַרייכערט, פאַרציט טיף און ער פילט ווי דער רויך בייסט אַזוי אָנגענעם זיין צונג, און ווען זיינע פינגער הייבן אָן צו ברי׳ען, נעמט ער אַרויס דעם צווייטן פּאַפּיראָס, צינדט אים אָן ביים ברענענדן שטיקל פּאַפּיראָס און פאַרציט זיך אויפסניי.

— אָט אַזוי, פאַרפאַסטן ריכטיק.

און מיט כּעס וואַרפט ער אַרויס דאָס ליידיקע שאַכטל.

— גיכער, גיכער זאָל ער פאָרן, וואָס נעמט עס אַזוי לאַנג? — און דאָך איז ער צופרידן, וואָס ער איז נאָך אויפן וועג, נישט דאָרט נאָך. אָבער אָט זען זיך שוין געביידעס פונדערווייטן, און ער בייגט זיך איבער צום טרייבער און פרעגט, אויב דאָס איז דאָס, און קריגנ־דיק אַ פּאָזיטיוון ענטפער, קען ער מער נישט איינזיצן. ער דרייט זיך אין אַלע זייטן, און ווען ער קומט צום אַריינפאָר, צום טויער פון סאַנאַטאָריום, קומט אים אַרויף אויף זינען, אַז איבער דעם טויער וואָלט געדאַרפט זיין אָן אַרק מיט דער אויפשריפט:

„לאָז אין דער זייט דיינע האָפנונגען".

ער וואַרפט זיך אָפּ אויף זיין זיץ אין אויטאָמאָביל, איינ־קורטשענדיק זיך ווי אַ הונט, ווען ער דערזעט דעם שטעקן, וואָס איז געהויבן איבער אים און ער קען שוין נישט אַנטלויפן.

ערשט ווען דער אויטאָמאָביל בלייבט שטיין, כאַפּט ער זיך אויף. נערוועז ציט ער דאָס פּאַפּירענע געלט צו באַצאָלן דעם טריי־בער, און ווען ער הייבט אויף דאָס רענצל און וויל מאַכן אַ טריט, קוקט ער זיך אַרום. ער דערזעט פאַר זיך אייניקע מענטשן, זייע־רע אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו אים. קוקט ער זיי אַלעמען אָן מיט איין קוק און זיינע אויגן פרעגן:

„וואו בין איך דאָ? ווער זענען זיי? זענען זיי קראַנקע? איז אָט דער הויכער בלאָנדער יונג מיט די שיינע רויטע באַקן, ער וואָלט געמעגט שווערן דאָס איז אַ דייטש, איז ער אויך אַ קראַנקער?

און דער פעטער, דיקער, פוזעוואַטער מאַן מיטן גראָבן בויך, איז ער אַ קראַנקער? און דער, און דער?"

און זיי לאַכן אַזוי פריילעך, רעדן זיך איבער. זעענדיק אים, ווי ער שטייט אַ פאַרווירטער, דערנענטערן זיך אייניקע צו אים: וועמען וויל ער זען, און מ׳צייגט אים אָן, וואו ער קען זען דעם פאַרוואַלטער.

גייענדיק, הערט ער ווי מ׳מאַכט השערות וועגן אים, איז ער, דער קראַנקער, געקומען אַלס פאַציענט, אָדער, זיי וואָלטן געמעגט שווערן, אַז דאָס איז דער וואַרטעריגס, מיס־ שוואַרצס אַ ברודער. אַזוי ענלעך צו איר. אַזוי, הייסט עס, זיי מאַכן אויך אַ טעות אין אים. און ער טראַכט: באַלד, באַלד, און איר וועט שוין וויסן, ווער איך בין.

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און ער אַליין האָט זיך דערוואוסט, ווער ער איז. די וואַרטערין, אַ ברונעטקע, מיט אַ יידישן עטוואָס האָרבאַטן נעזל, מיט טיף טונקל־ברוינע, כמעט שוואַרצע אויגן, מיט געשווירענע האָר, נעמט אים אויף מיט אַ שמייכל, פרעגט זיין נאָמען און בעט אים נאָכפאָלגן. גייט ער נאָך, באַטראַכט אַלץ אויף זיין וועג, פילט ווי יעדער איינער, וואָס זעט אים גיין, באַטראַכט אים, און ס׳נעמט נישט לאַנג און ער געפינט זיך אין שפיטאָל.

— דאָ איז זיין בעט, — ווייזט אים אָן די וואַרטערין, וועמען מ׳האָט חושד געווען אין זיין זיינע אַ שוועסטער, — ער וועט אַזוי גוט זיין זיך איבערטאָן אין שלאָף־קליידער, און זיך אַריינלייגן אין בעט.

— אין בעט! — ער לאָזט ראָש אַראָפּ זיין רענצל, און מיט שטאַרע אויגן קוקט ער אויף דעם קליינעם מיידל מיט די געשווירענע האָר, און אַ זידל־וואַרט רייסט זיך און וויל אַרויסגעזאָגט ווערן.

— וואָס מיינט זי?

— עס מיינט, — הייבט זי אָן גאַנץ רויִק, און קוקט אויף אים דורכדרינגלעך, — ער זאָל זיך איבערטאָן אין שלאָף־קליידער און זיך אַרייַנלייגן אין בעט.

איר רויִק איבערחזרן די ווערטער דערצערנט אים נאָכמער און מיט כּעס זאָגט ער:

— אָבער איך בין דאָך נישט אַזוי קראַנק, איך זאָל דאַרפן ליגן אין בעט אינמיטן העלן טאָג.

ער פילט, ווי צו נעמען דאָס רענצל און לויפן, אַנטלויפן פונ־דאַנען, פון דעם בעט. אָבער דאָס מיידל רעדט אַלץ מיט דעמזעלבן רויִקן טאָן און מיט שטילע רייד.

— אמת, ער איז נישט קראַנק, אָבער יעדער איינער, ווע ער קומט, מוז ער זיך אויסרוען פון דער רייזע, און אַמבעסטן קען מען זיך אויסרוען אין בעט ליגנדיק. ער פאַרשטייט, יעדער איינער קיין אויסנאַמען.

זיינע הענט לאָזן זיך אַראָפּ. דער קאָפּ זינקט, ער זעט שוין נישט מער די וואַרטערין פאַר זיך, ער זעט נישט, ווי זי באַטראַכט אים, ווי ער שטייט אַזוי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און כאַפּט זיך ערשט אויף, ווען זי דערמאַנט אים נאָכאַמאָל, וואָס ער דאַרף טאָן אויף איר פראַגע, אפשר איז ער הונגעריק, ענטפערט ער בייז:

— ער וויל נישט עסן.

און מיט דער מינע פון אַ קליין ייִנגל, וועלכער וויל נאָך אויף זיין, און די מאַמע טרייבט אים שלאָפן, הייבט ער אָן אַרונ־טערציִען די קליידער פון זיך

ווי ער האָט זי פיינט, די וואַרטערין.

אָנגעטאָן אין זיינע שלאָף־קליידער שטייט ער, באַטראַכט דאָס בעט, זעט ווי זיינע שכנים פאַלגן נאָך מיט זייערע אויגן, און ער קריכט פּאַמעלעך אַריין אין בעט. דעקט זיך צו ביזן האַלז און

קוקט פאַר זיך. ער זעט, ווי ביי זיינ׳ע בעט־שכנים שפּילט אַ שמייכל אויף די ליפּן און ער האַסט זיי שוין:

וואָס שמייכלען זיי, די אידיאָטן.

ער קערט זיך אָפּ אָן אַ זייט קוקט אַרויס אין פענסטער, דורך וועלכן עס זען זיך די שיינע בלויע בערג און די ביימער, וועלכע שפּילן מיט זייערע פאַרשידנאַרטיקסטע שיינע האַרבסט־קאָלירן אַנטקעגן דער שיינענדער זון, און ער זאָגט ש׳ער נישט אַרויס צו זיך: ס׳אַ שיינער טאָג.

ער האָט ווי ערשט דערזען, דערפילט די שיינקייט פון טאָג, און אַ קוק טוענדיק אויף זיך, אַ וואַרף טוענדיק אַ בליק אויף זיינע שכנים, פרעגט ער זיך אַליין:

וואָס טוט ער דאָ אין בעט אין אַזאַ שיינעם טאָג, אין אַ שפּיטאָל, אין שכנות מיט...

ער הויבט אָן באַטראַכטן זיינע שכנים.

דער, וואָס ליגט מיטן פּנים אַנטקעגן אים, קוקט אויס אַזוי בעזונט: רויטע באַקן, אַ פעסט געבויטער יונגאַטש, דערפאַר אָבער זיין צווייטער שכן, וועמענס פיס זענען קעגנאיבער זיינע אין דער לענג פון צימער, יענער... אַ מאָדנעם הוסט האָט יענער געטאָן, אַ דרייגאָרנדיקן. עס דאַכט זיך, אַז ער, דער הוסט, שפּאַרט זיך, רייסט זיך, וויל אַרויס, אָבער נאָך דריי „קכיס" פאַרמאַכט זיך דאָרט אינעווייניק ערגעץ אַ טירעלע און לאָזט מער נישט, זאָל זיין אויף שפּעטער.

אַ גרויל גייט איבער זיין לייב פון דעם הוסט, און ער שרעקט זיך אַ קוק צו טאָן אויף דעם מענטש, וועלכער הוסט אַזוי, אָבער זיינע אויגן צי׳ען זיך אַהין, און ער זעט אַ שרעקלעך בלאַס געזיכט מיט אַ גרינלעך־בלוילעך־שוואַרצן אָפּשיין, די אויגן טיף אַריינגע־רוקט, די ברעמען געדיכטע, פעך־שוואַרצע, טיילן זיך אויס אויף דעם בלאַסן פּנים, באַזונדערס אָבער טיילט זיך אויס אַ שוואַרץ

פינטל אויף דער לינקער באַק. דאָס פינטל אויף דעם בלאַסן פנים זעט אויס, ווי אַ פליג אין אַ וואַסערדיק גלאָז מילך, און ס׳בעט זיך צוגיין און אַראָפּנעמען דאָס פינטל.

ווי שרעקלעך ער הוסט.

און אָט דער מענטש מיט דעם הוסט איז זיינער אַ קאָלעגע. ענדלעך אין ריכטיקן פלאַץ.

יענער הוסט שוין נישט מער. זלמן כאַפּט אַ קוק אויף זיין געזיכט, זיינע אויגן זענען פאַרמאַכט. ער מוז וועלן איינדרימלען, און זלמנס אויגן ווענדן זיך צום געזונט־אויסזעענדן, ווי ווילנדיק ביי אים דערגיין, ווער איז זיין גלייכן, ער, דער געזונט־אויסזעענדער אָדער יענער, דער נוטה למות.

דער געזונט־אויסזעענדער גיט אַ שמייכל מיטן פולן מויל, אויפדעקנדיק צוויי שורות ווייסע, געזונטע, גרויסע ציין, און זאָגט:

— גוט, וואָס איר זענט געקומען היינט. ווען איר קומט נעכטן, וואָלט איר קיין בעט געהאַט. דער, וואָס איז געלעגן אויף אייער בעט, איז ערשט נעכטן געשטאָרבן.

— וואָס! — אין אַ מאָמענט איז די אויבערדעק פאַריסן, ער שפרינגט אַראָפּ פון בעט, בלייבט שטיין אַ דערשראָקענער, אַ פאַרווירטער, זיין גאַנצער קערפּער ציטערט, גרייט אַנידערצופאַלן, ער פילט, ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, פרעגן, אָבער ער קען נישט, ער קוקט בלויז אויף דעם מאַן, וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט די שרעקלעכע ווערטער. יענער קערט זיך אָפּ מיטן קאָפּ צו דער וואַנט, און אין אַ מאָמענט אַרום, ווען ער דרייט ווידער אום זיין קאָפּ און דערזעט זלמנען אין דער זעלבער פּאָזע, קען ער שוין מער נישט אויסהאַלטן און פּלאַצט אויס אין אַ געלעכטער, אויף וועלכן דער הוסטנדער ענטפערט מיט אַ שמייכל.

די וואַרטערין איז אַריינגעקומען.

— וואָס איז דאָ פאַר אַ טומל? — פרעגט זי דעם לאַכנדן, באַלד אָבער פירט זי איבער איר בליק אויף זלמנען, ווי ער שטייט ביים בעט. ער דערזעט די וואַרטערין, מאָמענטאַל איז ער אין בעט, ציט אַרויף אויף זיך די אויבערדעק.

דערוואוסט זיך, וואָס דאָ איז געשען, רעדט די וואַרטערין אויס די שכנים פאַר זייער גראָבקייט און גאַרישקייט, גייט צו צו אים און הייבט אים אָן באַרויקן. ער ציט אַרויף העכער דעם צו-דעק און פאַרענטפערט זיך פאַר זיין נעגליזשע. ער באַמערקט אַ שאָטן פון אַ שמייכל אויף אירע ליפן און זעט אירע אויגן, דאָס מאָל שוין נישט אַזוי שטרענג, פאַרקערט, זיי קוקן אויס מילד, און וואָלט זי אַפילו אים נישט געפרווווט באַרויקן מיט ווערטער, וואָלט ער אויך געפילט, אַז זי וויל אים באַרויקן.

— דאָס איז בלויז אַ מין אַריינגעמען אַ נייעם סאָלדאַט אין קאַזאַרמע. ער קומט דאָך פון רוסלאַנד, ניין?

— אַזעלכע אידיאָטן, סוואָלאָטשעס, — רעדט ער צו איר אין... רוסיש.

זי באַרויקט אים, ער זאָל זיך נישט ערגערן, ער דאַרף זיך בלויז אויסרוען אַ פּאָר טעג, און דאַן וועט דער דאָקטאָר אים אַרויס-לאָזן אויף דער פרייער לופט.

באַרויקט אים, אָנגעזאָגט די שכנים, זיי זאָלן מער אַזעלכע שפּאַסן נישט מאַכן, און אין אַלגעמיין זיין שטיל, פאַרשווינדט זי ווידער. די שכנים שמייכלען זיך איבער, זיי רעדן שוין אָבער מער נישט, און ער קוקט שוין נישט מער אויף זיי.

שטיל, און אין דער שטילקייט טראָגן זיך אַזוי פיל מחשבות.

ענדלעך געלאַנדעט. דאָס איז דער פּלאַץ. די זענען דיינע שכנים. אַזוי איז עס. דער דאָקטאָר, אַרויסלאָזן אויף דער פריי, ווער איז דאָס מיידל? געשווירענע האָר, פאַרשטייט רוסיש. אפשר פאַרפירן אַ ראָמאַנס. — ער שמייכלט צו זיך אַליין. — צייט שוין.

פלאָרא. פלאָרא, וואו ביסטו ערגעץ? פילסטו, וואָס דיין זלמן פילט איצט, ווייסטו וואו ער געפינט זיך? אין אַ שפּיטאָל צווישן קראַנקע, שטאַרבנדע, אַליין אַ קראַנקער, אַ שטאַרבנדער.

אַ רחמנות צו זיך אַליין נעמט אים אַרום. ער פילט זיך אַזוי שוואַך, אַזש וויינען ווילט זיך. אַ פּאַפּיראָס, רויך. דאָס וואָלט אים געשטאַרקט.

ער פילט אין מויל דעם טעם פון טאַבאַק-רויך, ער ציאַמקעט מיט די ליפּן, זיינע פינגער קריכן אויס רגילות צום פלאַץ, וואו זיין קעסטל פּאַפּיראָסן פלעגט זיך געפינען, און טאַפּט אָן זיינע ווייכע שלאָף-קליידער. נישטאָ קיין רויך. אַ פּאַפּיראָס. איין צי. אַ האַלב קעניגרייך פאַר אַ פּאַפּיראָס. ער וואַרפט זיך נערוועז אויף זיין געלעגער. ווי ער זאָל זיך נישט לייגן, דערפילט ער, עפּעס קוועטשט אים, ס׳ליגט זיך נישט.

וואו געפינט ער זיך? וואָס שווייגן זיי דאָ אַלע? וואָס איז דאָ אַזוי שטיל, זענען קיין מענטשן דאָ נישטאָ?

עס זענען דאָ מענטשן. אויסגערוט נאָכן מיטאָג אַ פּאָר שטונדן, הייבט מען זיך אָן אַרויסוויזן, ווער אין אַ שלאָף-ראָק און ווער אָנגעטאָן אין געוויינטלעכע קליידער. די אַריינקומענדע פרעגן: וואָס מאַכט מען, און באַמערקנדיק זלמנען, פרעגט מען קיינעם און אַלעמען — אַ נייער? ווען געקומען? ערשט? שוין איינגעשוואוירן?

אַ ציטער לויפט דורך איבער זיין לייב. וואָס מענטשן זענען ער ווייסט, ווי סטודענטן שווערן איין אַ בייעם מיטגליד, אָנטוענדיק אים שווערע פיין, אָבער אַז מענטשן, עלטערע מענטשן און קראַנקע, זאָלן אַזוי גייסטיק פייניקן אַ מענטש, אים איינשווערן... אַ שייגע איינשווערעניש.

ער באַטראַכט די רעדנדע און באַמיט זיך צוצוהערן צו זייער געשפּרעך.

— איז וואָס האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט?

— איר קענט דען דערגיין בײַ אים אַ טאָלק? ער זאָגט, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט.

— וואָס מיינט מען גאָרנישט, נישט קיין האַרץ, נישט קיין לונגען?

— ער זאָגט, יאַקאָבי, אַז מ'האָט גאָרנישט אויסגעפונען. על פּי טעות געשיקט אַהער.

— נו, יאָ, מיר ווייסן שוין דעם פּזמון, געקומען אויף אַ דאַטשע. האָט מורא מ'וועט בײַ אים אויסכאַפּן.

— און איר דענקט, אַז ער האָט עס? ער קוקט אויס גאַנץ געזונט. אַ יונג, אַ יש, איר האָט באַמערקט זיינע פּלייצעס, די ערד ציטערט דאָך אונטער זיינע פיס, ווען ער שטעלט אַ טריט.

— קוקט אויס גאַנץ געזונט! איר רעדט ווי אַ גרינער. און איר זעט אויס קראַנק? אַ שיינער עפּל, אויסנווייניק שיין און אינעווייניק צעפוילט.

— נו, שניידט מען אויס דאָס צעפוילטע און דאָס גאַנצע לאָזט מען איבער.

— עי, ווען מ'זאָל קענען אויסשניידן, נעמט מען אַרויס די „זעקלעך", מ'שניידט אויס דאָס צעפוילטע, פאַרנייט, פאַרלאַטעט, און פּטור.

— איר רעדט אָט פּונקט ווי וועגן בהמות. איך געדענק מיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען אַ שוחט, פלעגט ער אַרויסנעמען די ריאה, דער קצב פלעגט אָנבלאָזן, און דער טאַטע פלעגט שוין זען, אויב ס'איז נישטאָ קיין סרכה, נישט געווען, איז אָפּגעריסן אַ שטיקל און פּטור. ער איז געווען אַ בריה צו אַ סרכה.

דאָס וואָרט האָט ווי אַ קלין זיך אַריינגעשניטן צו זלמנען אין קאָפּ. ער האָט פאַר זיך דערזען די געעפנטע בהמה, אַ רויע לונג, אַ קצב, אַ שוחט, מ'שטייט און מ'בלאָזט, און מ'זוכט די סרכה. איצט ווייסט ער שוין. אַ סרכה האָט ער, אַ סרכה, וועלכע

מ׳דאַרף אַראָפּנעמען, און קען מען די סרחה נישט אַראָפּנעמען, איז די בהמה טריף.

ער האָט שוין מער נישט געהערט זייער געשפּרעך. ער האָט געטראַכט וועגן דעם איינעם וואָרט סרחה, און יעדער אות פון וואָרט האָט אָנגענומען אַ געשטאַלט פון אַן אינזעקט מיט טויזנטער פיסעלעך, וועלכע דרייען זיך אַרום אים. ער פילט זיי נישט נאָר אויף זיינע לונגען, נאָר אויף זיין פּנים, אויף זיין נאָז זיי קריכן אַרום, און מיט שרעק און עקל, שאַרט ער זיי אַראָפּ פון זיך.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אַראָפּגעשאַרט אַ טרער. ער וואַרפט אַ קוק אויף די אַרומיקע צו זען, אויב עמעצער האָט באַמערקט זיין טרער. אַ פּאַפּיראָס, א ביסל רויך, איין צי כאָטש, צו באַרויִקן די נערוון... אַ ביסל רויך. אָבער דאָס ביסל רויך איז נישטאָ און ער נורעט איין זיין קאָפּ אין קישן...

VII.

צוויי טעג איז ער אין שפּיטאָל, אָבער יעדער טאָג איז אַן אייביקייט. די זייטן טאָן ווי פון ליגן און ער פילט, ווי עס שטעכט אים אונטער דער לאָפּאַטקע, עס דרייט ביים אַקסל, און אין ברוסט איז אַ גיהנום. ער וועט דאָ קראַנק ווערן, און שטאַרבן וועט ער אַ משוגענער. רויק, רויק. איין פּאַפּיראָס, איין מאָל זיך פאַרציִען מיט אַ פול מויל רויך. אין זיין דורשט נאָך רויך האָט ער נישט באַגרייפט, ווי קאָמיש עס איז געווען פון זיין זייט צו בעטן ביים... דאָקטאָר אַ פּאַפּיראָס, און נאָך ווערן אין כעס אויף זיינע בעט־שכנים, וואָס זיי האָבן זיך צעלאַכט דערביי.

— פאַרגעסט דערין, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט מיט אַ שמייכל — ער אַליין האָט גערייכערט צוועלף יאָר און אויפגעהערט פלוצלינג.

— כאָטש איין פּאַפּיראָס.

— אַפילו אַ האַלבן נישט. פּאַפּיראָס גורר פּאַפּיראָס. דאָס גלייכסטע איז, אָפּגעשניטן מיטאַמאָל און פטור.

— יאָ, ער איז גערעכט, דער דאָקטאָר, — אָפּגעשניטן מיטאַמאָל, און פטור. — אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. אָפּגעשניטן פון דער וועלט, פון פלאָראַן, פון אַלץ, פון אַלעמען.

פלאַראַן האָט ער אַ בריוו געשריבן. געשריבן און צעריסן, געשריבן און צעריסן, ענדלעך דאָך אָנגעשריבן אַ לעצטן זיי־געזונט. געשריבן, זי זאָל נישט שרייבן, און וועט זי שרייבן, וועט ער נישט ענטפערן. דער בריוו ליגט נאָך ביי אים אונטערן קישן, און ער טראַכט: אַוועקשיקן, אָדער נישט אַוועקשיקן. קען ער איר עפּעס אַנדערש שרייבן, קען ער איר שרייבן, וואָס ער פילט ליגנדיק אויפן בעט, אויפן... טויטן בעט.

יאָ, דאָס איז אַ סטאַנציע אויפן וועג צום טויט.

זי וועט לייענען און רחמנות האָבן אויף אים, פאַרגיסן אַ רחמנות־טרער. ער דאַרף נישט איר רחמנות.

אפשר גאָרנישט שרייבן.

ניין, זי וועט זיך צופיל באַאומרויִקן, איבערטראַכטן, אַ רחמנות אויף איר, צו וואָס נאָך די מאַטערנישן.

ער איז אָנגעקומען געזונט, ער האָפט, זי א י ז געזונט און וועט זיין געזונט, ער דאַנקט איר פאַר אַלץ... ווינשט איר אַלץ דאָס בעסטע.

יאָ, דעם בריוו וועט ער אַוועקשיקן, וועמען גיט מען דעם בריוו אויפלייגן? דער וואַרטערין. די וואַרטערין, זי וועט מסתּמא באַלד אַריינקומען. דערווייל נעמט ער אָפּער פון אונטערן קישן: קליינעם באַנד קיטס לידער, וואו דער בריוו ליגט, באַטראַכט דעם אַדרעס — אַוועקשיקן! — און נעמט זיך לייענען.

... נאָך אַלץ אַזוי בלאַס? דאַן וויין, טייערע;
וויין, איך וועל ציילן די טרערן,
און יעדע טרער וועט זיין אַ ברכה
פאַר דיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

טריט פון דער וואַרטערין. ער פאַרמאַכט דאָס בוך, האַלטנדיק דעם גראָבן פינגער אויף דער זייט, וואו ער האָט געלייענט, און

ריכט די אויגן צו דער טיר, צו דערזען די וואַרטערין, גלייך ווי זי וועט אַריינקומען.

— ער וויל עפּעס?

— זי וועט אים אַנטשולדיקן פאַרן באַמיִען זי, אָבער זי זעט דאָך, ער ליגט אין בעט און ער דאַרף אָוועקשיקן אַ בריוו, זאָל זי אַזוי גוט זיין...

— געוויס, געוויס, — שמייכלט די וואַרטערין, און נעמט דעם בריוו.

— אַגב, וואָס לייענט ער? קיעטס! — זי ווייזט אַרויס אַ אומצופרידענע מינע.

— וואָס, קיעטס לידער געפעלן איר נישט?

זיי געפעלן איר אַפילו זייער גוט, אָבער...

— אָבער וואָס?

— גלייכער וואָלט געווען, ער זאָל לייענען מאַרק טווענס. דעם בריוו וועט זי אָוועקשיקן.

גלייכער לייענען מאַרק טווען. אָט אַ נאַריש מיידל, זי ווייסט אַפּנים נישט, אַז אין מעלאַנכאָליע קען מען געפינען מער טרייסט ווי אין געלעכטער. ער האָט דאָך ביז איצט נישט פאַרשטאַנען אָט דעם צאַרטן דיכטער אַזוי גוט, ווי ער פאַרשטייט אים אַצינד.

„ברודער מיינער! אויב געזונט וועט ווידער שמייכלען
אויף דעם אויסגעצערטן גוף און דער פיבערישער באַק"...

אַלנפאַלס, קענטיק אַן אינטעליגענט מיידל. מ'דאַרף זיך מיט איר באַקענען. זי וועט איבערלייענען דעם אַדרעס אויפן קאָנווערט. נו איז וואָס, נאָך בעסער. זאָל זי מיינען אַ געליבטע, אַ כּלה. כּם... אַ געליבטע, אַ כּלה, פלאָרא. וואָס טוט זי איצט. וואָס טראַכט זי איצט טראַכט זי איצט פון אים?

ער פאַרטראַכט זיך, ער פאַרשווינדט פון בעט, פון דער קראַנקן וועלט, ער איז אין שטאָט, און דער גרויסער, רעשיקער, קאָכיקער

שטאָט, און לעבט מיטן שטראָמיקן לעבן פון דער שטאָט, ער און פלאָרא.

דער דאָקטאָר רייסט אים אַרויס פון דער געזונטער וועלט־עקזאַמען, הוסטן, אָטעמען, ווידער הוסטן, אַריינאָטעמען, אַרויס־אָטעמטן אין אַ הוסט טאָן, און דאַן אַן אויספרעגעניש:

— איז ער געווען אַמאָל קראַנק? ווענערישע קראַנקהייטן?

דאָס פרעגט דער דאָקטאָר בלחש.

— ווי אַלט איז געווען זיין פאָטער, ווען ער איז געשטאָרבן, פון וואָס איז ער געשטאָרבן?

ער באַמערקט, ווי דער דאָקטאָר טוט אויף אים אַ קוק, קריגנדיק דעם ענטפער, און ער פרעגט:

— גייט עס איבער בירושה?

— ניין, ניין און ניינציק פראָצענט נישט, און דער איינער אויך נישט.

— טאָ וואָרום פרעגט ער?

— אַ, דאָס דאַרפן זיי, דאָקטוירים, וויסן גלאַט אַזוי זיך — און ער שרייבט עס אַריין אין אַ העפט.

אַ ספר היוחסין וויל דער דאָקטאָר צוזאַמענשטעלן, — טראַכט זלמן, און ער קריגט שוין פיינט דעם דאָקטאָר, הערט אים אויף צו גלייבן, הערנדיק, ווי דער דאָקטאָר רעדט צו אים, אַז ער וועט געזונט ווערן. ער האַלט נישט זייער ווייט, וואַרפט זלמן אַ קוק אויף דעם שאַנק מיט די פולע העפטן, וואָס געפינט זיך אין קאַבינעט און טראַכט:

אויך צו די מענטשן, וועמענס נעמען און געשיכטעס מ׳האָט דאָ פאַרשריבן, האָט ער, אָדער אַ אַנדערער דאָקטאָר, געמוזט זאָגן דעם זעלבן פזמון.

זיי ליגן, ליגן אַלע.

פאַרוואָס זאָלן זיי נישט זאָגן דעם אמת — האָסט נאָך זעקס חדשים, אַ יאָר, צוויי צום לעבן. וואָרום זאָגט ער עס נישט?

זלמנען פאַלט איין אַ פרעג צו טאָן גלייך דעם דאָקטאָר, ווי לאַנג, דענקט ער, וועט זלמן שאַץ נאָך לעבן. אָבער אַ קוק טאָג־דיק דעם דאָקטאָר אין די אויגן, פרעגט ער, ווי לאַנג וועט ער מוזן פאַרבלייבן דאָ.

— דאָס קען ער נישט ענטפערן. עס ווענדט זיך, ווי אַזוי די קראַנקהייט וועט אָנגיין, קיינער קען נישט זאָגן גענוי. עס קען זיין זעקס חדשים, און ס׳קען זיין מער. קיינער קען נישט וויסן גענוי. דער עיקר איז, זייענדיק דאָ, רוען, רוען מיט כוונה, רוען גלויבע־ריש, שבת ויִנפש, עס זאָל רוען דער קערפּער און דער גייסט, נישט באַוועגן זיך צו פיל, בלויז צען, נו, פופצען מינוט אַ טאָג שפּאַצירן פּאַמעלעך, נישט טאָן גאָרנישט, לייענען וואָס ווייניקער, און נישט טראַכטן, רוען, פולשטענדיק רוען. און איצט איז ער פריי, מ׳וועט אים איבערפירן פון שפּיטאָל אויף דער וועראַנדע. דאָס שפּיטאָל איז דאָך אים נישט אַזוי צום האַרצן, — שמייכלט דער דאָקטאָר. דאָרט וועט ער זיך פילן פרייער און פריילעכער. די הויפּט־זאַך איז פריילעך זיין, מונטער, נישט פאַרלירן די האָפנונג.

— זיי מונטער, פריילעך, זלמן שאַץ, הם... זיי לייגן, אַלע זאָגן זיי ליגנס. יענער זאָגט זעקס חדשים און דער זאָגט זעקס, און אפשר מער, מ׳קען נישט וויסן. אָבער ער ווייסט, אַז זיי זאָגן ליגנס, בלויז דאַן, ווען זיי זען דעם טויט, זאָגן זיי, דאָס איז דער טויט, און אַ׳יך דאַן זאָגן זיי נישט אָן אמת, נאָר באַשטעטיקן אַ פאַקט. רוען, רוען, רוען. ליגן און ליגן, נישט לייענען, נישט טראַכטן. זלמן שאַץ, דו זאָלסט נישט טראַכטן. לעבן ווי אַ חיה. ניין, אַ חיה באַוועגט זיך, לויפט, יאָגט זיך, קריגט עסן, איז אין כעס און פריילעך, לעבט, לעבט און טראַכט אויך און ער, דער מענטש, דער בחיר היצירה, ער דאַרף נישט טראַכטן, ער דאַרף

וועגעטירן, לעבן ווי דאָס גראָז. און אַזוי לעבעדיק, וועט ער פּאַר־לענגערן זיין לעבנס־טערמין אויף אַ חודש, צוויי, זעקס, אַ יאָר. און דאָס הייסט — לעבן. ער איז פריי, פריי צו שפּאַצירן פּיפּצען מי־נוט אַ טאָג, און דאָס חלילה נישט מאַכן אַ גיכן טריט.

צום טיוול מיט אַזאַ לעבן!

דאָך, גיט וואָס ער דאַרף נישט ליגן אין שפּיטאָל, דאָרט וואָלט ער „קראַנק" געוואָרן, אויף דער ווערענדע זענען דאָך „גע־זונטע" מענטשן.

קומט ער אויף דער ווערענדע, באַטראַכט „זיין" בעט, רופן זיך אָן די שכנים, מ'דאַרף אים איינשוורן.

— ווער איז געשטאָרבן אויף דעם בעט נעכטן? — פרעגט ער מיט אַ שמייכל.

— ער איז דאָך קיין גרינער!

— אויב אַזוי, איז גוט, ווילקאָמען אין אונדזערע פּאַלאַצן.

און מ'נעמט אים אויף פריינטלעך, מ'ווייזט אים ווי צו טאָן געוויסע זאַכן, מ'העלפט אים אַרויס, און פּאַרטיק ווערנדיק מיטן איינאָרדנען זיך אין דער נייער קוואַרטיר, ליגט זלמן ווידער אויף אַ בעט אויף דער אָפענער ווערענדע, אונטערן פרייען הימל. ער ליגט און טראַכט: משנה מקום, משנה מזל. אַ ניי בעט, נייע מענטשן. ווער ווייסט וויפיל מענטשן זענען שוין איבערגעלעגן אויף דעם בעט און וואו זיי געפינען זיך איצט, ווער ווייסט אויב זיי געפינען זיך ערגעץ. דאָס בעט איז שטום, און די מענטשן אַרום, אַלץ, וואָס זיי ווייסן צו זאָגן איז, אַז עמעצער איז דאָ נעכטן געשטאָרבן. ער שמייכלט צו זיך אַליין פון זיין שרעק, וואָס האָט אים אַרומ נעכאַפּט, דערהערנדיק עס צום ערשטן מאָל, און איצט אַרט עס אים נישט, ער אַליין האָט נאָכגעזאָגט די „חכמה" מיט אַ שמייכל

יאָ, אים אַרט עס נישט, אים אַרט גאָרנישט. ער ליגט אַ רוט, רוט מיט כוונה.

— זעסט, דער גרינער ליגט דאָך טאַקע און שווייגט. ער מיינט אַפּנים ס'וועט אים העלפן. מיסטער, ס'האָט קיינעם געהאָלפן, ס'וועט אייך אויך נישט העלפן.

— העי דו, פילאַדעלפיער, ווילסט נאָך זען דיין ווייב און קינדער, ליג איינגעלייגט און שוויג.

— ווער רעדט עס דאָרט? אָ, גרינבלאַט! דו דענקסט אַפּנים ס'וועט דיר העלפן, ליגסט דאָך שוין עפּעס אַ זעקס חדשים, און וואָס האָסטו אויסגעליגן וואָס?

— וואָס לענגער געליגן, אַלץ העכער געשטיגן... דעם לעצטן זאַץ זינגט דער רעדנער אויס מיטן ניגון פון ל. אַנדרעיעווס „שנעל ווי די כוואַליעס זענען די טעג פון אונדזער לעבן".

— מאַך צו, — שרייט גרינבלאַט, — מאַך צו, לאָז געזונט ווערן, האָסט שוין אַ לענגערע צייט קיין פּאָזימקעס*) געזען? ליג איינגעלייגט.

„מ'הייבט אָן מיט הוסטן, מ'ענדיקט אין קאַסטן", זינגט ווייטער דער חברהמאַן מיטן זעלבן ניגון, ווי רייצנדיק זיך.

— ווערסט נישט אַנטשוויגן, דו קאַליקע, דו, איך וואַרף דיר באַלד אַ שוך אין קאָפּ. האָט זיך פאַרבענגט נאָך „רויטס". ווייזט אויס.

— טאָמער וואָלסטו טאַקע אַנשטומט געוואָרן, — הייבן שוין אָן נאָך אייניקע, און ס'ווערט שטיל.

זלמן ליגט און קוקט דאָ אויף גרינבלאַטן און דאָ אויפן זינגער, קוקט און טראַכט, ווער איז מער טראַגיש, גרינבלאַט דער פּאַטיקער, וואָס רוט טאַקע מיט כוונה, אָדער דער זינגער. ווי דער

---

*) פּאָזימקעס — זשאַרגאָן פאַר שפּייען מיט בלוט.

זינגט עס, ווי יענער רעדט עס. „פּרוסקאָוועקעס, רויטס". כּי הדם הוא הנפש, און זיי רעדן עס אַזוי האַמעטנע, אַזוי גראָב, בררר...

ער זעט פֿאַר זיך בלוט, און אַ גרויל לויפֿט דורך איבער זיין לייב. האָבן זיי פֿאַרלוירן די מורא, אָדער ס'איז בלויז אַן אָנשטעל? גיכער פֿאַר אַלץ, שוין געוווינט געוואָרן. ווי פֿלעגט זיין מאַמע זאָגן: זאָל מען נישט געפּרוווט ווערן צו דעם, וואָס מ'קען געוואוינט ווערן. און ער וועט אויך געוואוינט ווערן דערצו, און ווען איינער וועט מיט זיין רעדן אים שטערן צו רוען מיט כּוונה, וועט ער אים אויך זאָגן דאָס זעלבע. פֿוי. בררר... ווי מיאוס, ווי גראָב, ווי עקלהאַפֿט. נישט טראַכטן, נישט טראַכטן דערפֿון, גאָרנישט טראַכטן.

ער ליגט און קוקט אינדערהייך, ער פֿאָלגט נאָך די שוואומענדע וואָלקנס.

בלוי איז דער הימל, אָבער כמאַרעס האַלטן אין איין קומען און פֿאַרגיין. אָט קומען שיינע, ווייסע וואָלקנדלעך, ווי ווייס־געשוירענע וואָל־שעפּעלעך, און באַלד קומען זיי זיך צוזאַמען, פֿאַרמערנדיק פֿאַרשידענע געשטאַלטן. קעמלען, אייזלען, בערג, פֿייגל, פֿיש, ספֿינקסן, מענטשלעכע געזיכטער, אַלץ קען ער זען אין די וואָלקנס.

באַלד, און איבער די ווייסע וואָלקנס פֿאַרציִען זיך גרויע, אַ גרויע פּראָצעסיע ציט זיך אינדערהייך, פֿויל און פֿאַמעלעך באַוועגט זיך די מאַסע, און גייט פֿון קיינעם געפֿירט, באַ קיינעם דעם וועג געפֿרעגט.

אָט זעט זיך אַ גרויסער קרייז בלוי, און אַרום גרויע וואָלקנס, די לעצטע שטייען אָפּ פֿון דעם בלוי און ס'דאַכט זיך, אַז דאָרט ערגעץ ווייט שטייט אַ גרויסע, ריזיקע געביידע מיט אַ בלויען קופּאָל און די גרויע וואָלקנס זענען דראַפּירונגען, און די דראַפּירונגען בייטן זיך אַלע ווילע, ווייסע, גרויע, טונקל־גרויע.

הערבסט. ס'כמאַרעט זיך. באַלד וועט אָנהייבן רעגענען, שוין לאַנג אַזאַ שפּעטער הערבסט נישט געווען. געשענקט זייבען די טעג,

אָבער דער רעגן איז שוין אין וועג, ער טראָגט איבער זיין קוק אויף די ביימער פאַר און אַרום אים, ווי זיי ווערן דאָס נאַקעטע פון שעה צו שעה. גיט זיך אַ יאָג אַ ווינט, אַזוי פליען בלעטער. פאַלן הויפנס בלעטער אַרום די ביימער און געלע בלעטלעך אויף די ביימער. ווי אונטערגעפליקטע גענז קוקן אויס די ביימער, און באַלד וועלן זיי אויסזען ווי האָבדירקעס, אינגאַנצן נאַקעט, וואו נישט וואו אַ בלעטל וועט בלייבן, וועט קומען דער רעגן און זיי צעווייקן, וועט קומען נאָכדעם דער שניי און זיי באַדעקן. רעגן, שניי, ווינטער און דאַן ווידער פרילינג, דער בוים וועט ווידער גרינען, אויפלעבן, אָבער ער, זיין געלע לאַטע...

— צייט אויפצושטיין, — הערט ער.

די רו־שטונדן זענען געענדיקט, און איצט קען ער...

וואָס קען ער טאָן! לייענען! אים ווילט זיך נישט, ער קען נישט לייענען. שרייבן בריוו? וועמען? סיידן רובינשטיינען, נאָך אָנשרייבן. ער׳ט בעסער אַרויסגיין. פופצען מינוט. אָט אַ נאַרישער דאָקטאָר: צען, נו זאָל זאָל זיין פופצען מינוט. און ווי, אַז ס׳וועט חלילה זיין זעכצען, זיבצען.

ער מוז גיין. ער קוקט אַרויס אויפן וועג, איבער וועלכן ער איז געקומען און זעט דאָרט עמעצן גיין. ער זשמורעט איין די אויגן, ער זעט דייטלעך, אַז דאָס איז אַ פרוי. אָבער ווער איז דאָס? ער וואָלט געמעגט שווערן די ווירטערין. ער גייט שפּאַצירן.

— אָ, הער שאַץ! גוט. ער איז שוין פריי, ער גייט שוין אַרום. איצט, האָפט זי, איז ער שוין נישט אין כעס אויף איר, אָדער ער איז נאָך אַלץ אין כעס? — זאָגט די ווירטערין שמייכלענד.

— ער איז נישט געווען אין כעס, ער איז בלויז...

— נישט געווען אין כעס? ער האָט זי דאָך געוואָלט דורכשטעכן מיט די אויגן.

— נו, אירע אויגן האָבן זיך פאַר די שפּיזן, דאַכט זיך, נישט

דערשראָקן. יאָ, ער האָט זי פּיינט געהאַט דאַן. ווען זי זאָל אָבער פאַרשטיין, ניין, דאָס קען מען נישט פאַרשטיין. ווען זי זאָל פילן, האָבן אַ באַגריף, וואָס ער האָט דאַן געפילט.

— זי ווייסט עס, אָבער זי וויל האָפן, אַז ער איז שוין נישט מער איר שונא.

— אַ שונא גאָר! — ענטפערט זלמן מיט אַ שמייכל, און באַגעגנט זיך מיט אַ שמייכלענדיקן קוק. זי קוקט אים אויס אַזוי פריינטלעך און ליבלעך. רעדנדיק אין אַ האַלב שפּאַסיקן טאָן, קוקט ער אויף איר פון צייט-צו-צייט און טראַכט:

אַ קלוג מיידל, דאָס דערקענט מען גלייך, האָט שיינע אויגן אויך, אָבער די געשווירענע האָר, אַן „איינוואוינערין פון גרינוויזש ווילעדזש"? אַן אינטעליגענטקע, אַנאַרכיסטקע, סאָציאַליסטקע? זי מוז רייכערן.

דער געדאַנק כאַפּט אים אַרום מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער הערט מער גאָרנישט, וואָס זי רעדט. זיינע נאַז-ווענטלעך ציטערן, ער ציט די לופט ווי אַ הונט, וועלכער דערשמעקט פאַרגראָבן פלייש. ער שמעקט רויך. זי האָט גערייכערט. זי באַמערקט זיין אומרויקייט פון זיין בלייבן הינטערשטעליק אויף אַ שפּאַן, און אָפּשטעלנדיק זיך, פאַרקוקט זי אים אין פּנים.

ער כאַפּט זי אָן ביי דער האַנט:

— גיט מיר אַ פּאַפּיראָס!

זי האָט תּוך כדי דיבור אַרויסגענומען אַ פּידעלע פּאַפּיראָסן, און האַלטנדיק עס געעפנט, גענומען צעגערן, שאַרן מיט די פינגער אינעווייניק, קוקנדיק אויף אים, אויף זיינע אויפגעבליצטע אויגן.

ער כאַפּט דעם פּאַפּיראָס צו די ליפּן. זי האַלט אָפּ זיין האַנט.

— דאָ קען מען דערזען.

אָבער ער מוז פאַררייכערן.

— באַלד, זי וועט אים ברענגען אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל.
— ס'איז ווייט?
— ניין, דאָ באַלד.

ער שטעלט גרויסע שפּאַן, אַזוי, דאָס זי האַלט אים קוים נאָך. אַ פּאָר מינוט, און מ'איז אונטער אַ באַרג לעבן אַ טייכל און אַ האַלב אָפענער געביידע, וועלכע דינט אין זומער אַלס אַ מין „קופּאַלניע".

— דאָס איז „דאָס געסל פון די ליבהאָבער", — זאָגט זי מיט אַ שמייכל.

— אַ דאַנק, — ענטפערט ער, פאַרצי'ענדיק זיך מיט רויך. זיין קאָפּ פאַרדרייט זיך אָט פונקט ווי דאַן, ווען ער האָט אויסגערייכערט דעם ערשטן פּאַפּיראָס אין זיין לעבן. ס'איז אַרום אַזוי גוט, ערשט איצט פילט ער דעם אמתן טעם פון אַ פּאַפּיראָס. אירע הענט וואָלט ער געקושט פאַר דעם פּאַפּיראָס.

זי קוקט ווי ער רייכערט מיט אַזאַ זשעדנעקייט, און זאָגט:

— אַ שיינע וואַרטערין בין איך, גיב אַ פּאַפּיראָס אַ פּאַציענט צו רייכערן.

— ער וויל האָפן, אַז זי איז נישט קיין וואַרטערין איצט.

— וואָס-זשע, ער האָט טאַקע פיינט אַ וואַרטערין?

— נו...

— זאָגט... זאָגט...

— ער האָט נישט ליב די „באַרמהאַרציקע" און אפילו נישט די „שוועסטער", אין דער באַרמהאַרציקער שוועסטער, דאָס מיידל...

— איז ער שוין ווען געווען אין אַ שפּיטאָל?

— קיינמאָל.

— אַזוי איז שוין פאַרשטענדלעך. וואָס איז איר אָבער אומפאַרשטענדלעך, איז, ווי איז דאָס אים איינגעפאַלן צו בעטן אַ פּאַפּיראָס, ביי איר, ביי אַ... באַרמהאַרציקער שוועסטער?

עד האָט שוין דעם פּאַפּיראָס כמעט ווי אויסגערייכערט, און אַ באַרויִקטער דערקלערט ער איר, אַז ער ווייסט אַליין אויך נישט ווי אַזוי אים איז דאָס איינגעפאַלן, גיכער פון אַלץ איז אין דעם שולדיק איר רוסיש רעדן און אירע געשוירענע האָר.

— הייסט עס, אַז די צוויי דערשיינונגען זענען אַ מין רעקלאַמע פאַר אים: „דאָ קריגט מען פּאַפּיראָסן?“

זלמן שמייכלט.

— נו, נישט דווקא אַזוי. — אים געפעלט די פראַגע ווי זי האָט זי געשטעלט, און שמייכלענדיק קוקט ער אויף איר. ער זעט, אַז די פּעך-שוואַרצע געשוירענע האָר פּאַסן איר. ער פּרובירט זיך פאָרשטעלן זי מיט לאַנגע האָר, צעלאָזענע אָדער פאַרפלאָכטן אין צעפּ, און פאַר זיינע אויגן באַווייזט זיך פלאָרא מיט אירע שיינע לאַנגע, בלאָנדע, ווי שפּינוועבס ווייכע האָר.

ווי ליב ער האָט געהאַט יענע האָר, באַהאַלטן זיין געזיכט אין דער געדיכטער ווייכער האָר-נעץ, דער ריח פון אירע האָר פלעגט אים פאַרשיכורן, עס פלעגט זיך מאַכן, אַז אַ באַריר פון איין האָר פלעגט אַ קיצל טאָן זיין נאָז און ער פלעגט זיך אויפטרייסלען. זלמן טוט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער.

— אים איז קאַלט? — פרעגט די וואַרטערין באַאומרויִקט.

— ניין, וואָרום דענקט זי אַזוי. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן? דאָס איז גאָרנישט. דער פּאַפּיראָס האָט אים אַ ברי געטאָן.

ער וואַרפט אַוועק דעם פּאַפּיראָס און בעט זי נאָכאַמאָל, אַז איצט זאָל זי נישט זיין אַ וואַרטערין, נאָר אַ מיידל, און באַטראַכטן אים נישט ווי אַ פּאַציענט, נאָר ווי אַ מענטשן.

— וואָרום צוגעבן אַזאַ שרעקלעכקייט צום וואָרט פּאַציענט? —

— שרעקלעך, נישט שרעקלעך, אָבער נישט איבעריק אָנגענעם צו הערן דאָס אַלע מאָל, צו פילן זיך אַלע מאָל אַלס אַזעלכער,

ער איז איר דאַרום אמת דאַנקבאַר פאַר דער אַרקאַדיאַ, וואָס זי האָט אַנטדעקט פאַר אים, ער וועט אַהער קענען אַנטלויפן פון דער קראַנקן-וועלט.

כמעט יעדן טאָג איז ער געלאָפן אין דעם „געסל פון די ליבהאָבער" און „צופעליק" זיך געטראָפן מיט דער וואַרטערין, וועלכע האָט זיך אויסגעהיט נישט צו זיין קיין וואַרטערין אין דער צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט מיט זלמנען. בלויז ווען מען האָט זיך ווידער באַדאַרפט אומקערן, זי צו איר אַרבייט און ער צום רוען, פלעגט זי אים דערמאָנען, אַז עס איז צייט, און זי פלעגט באַמערקן ווי זיין פּנים ענדערט זיך דערביי, א וואָלקן פאַרציט זיך איבער זיין געזיכט.

— דער יונג דאַרף צעשטרייאונג. ער וועט זיך צוגעוואוינען, זיי געוואוינען זיך אַלע צו, דערווייל אָבער וואָלט נישט געשאַדט ער זאָל אויף אַ פּאָר שטונדן זיך אַרויסרייסן פון דער קראַנקן-וועלט, זי וועט אַ רעדט טאָן מיטן דאָקטאָר וועגן דעם.

אויף מאָרגן האָט זלמן געקריגן אַן איינלאַדונג זיך דורכצו־פאָרן אַ ביסל אין אַן אויטאָמאָביל.

— איין שעה אין אויטאָמאָביל איז מער ווערט ווי צוויי אויף דער וועראַנדע, — האָט צוגעגעבן דער דאָקטאָר.

זלמן ווייסט נישט צי ס'איז טאַקע בעסער אין דעם זין וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, ער ווייסט אָבער, אַז פאַר אים איז עס בעסער, און ער איז צופרידן. זיין צופרידנקייט שטייגט נאָך, ווען ער זעט, אַז אויך די וואַרטערין זעצט זיך אַריין אין אויטאָמאָביל.

— זי אויך?

— יאָ, זי אויך, פאַרוואָס נישט?

איבער זיין צופרידענעם געזיכט לויפט איבער אַ שאָטן.

„האָט זי דער דאָקטאָר נישט געשיקט אַמאָל אַלס שומר?".

אָבער אָט דערקלערט זי אים, אַז היינט אַרבעט זי נישט, עס איז איר טאָג רו, און זי פאָרט זיך דורך אַ ביסל, זי וויל האָפן, אַז איר געזעלשאַפט וועט אים נישט זיין צו שווער.

— פאַרקערט, אים איז העכסט אָנגענעם.

ער פאָרט און קוקט זיך איין אין די שיינע בלויע בערג, אין דיביימער. דער גאַנצער רייץ פון זומער־אונטערגאַנג, די פולע שיינקייט פון שקיעת־האַרבסט שווינדלט פאַר זיינע אויגן. ווייכער געל, חשובער ברוין, רייצנדער באָרדאָ, פלאַמיקער ווין־קאָליר, טונקעלער רויט, טיפער פיאָליעט, און צווישן זיי די אייביק־גרינע סאָסנע.

אַ סימפאָניע פון קאָלירן, וואָס רופט און רייצט.

ווי עס גליט אין זיין פילפאַרביקייט יענער הויכער באַרג. זייענדיק ווייט פון אים, נישט זעענדיק קיין שטאַמען פון ביימער, קיין קרומע אויסגעדרייטע צווייגן, דאַכט זיך — אַ טעפיך איז אויס־געשפרייט איבערן באַרג, אַ דיקער ווייכער טעפיך מיט לאַנגע ווייכע האָר, אויף וועלכן עס מוז זיין גוט צו טרעטן מיט שטילע טריט.

דער אויטאָמאָביל דערנענטערט זיך צום באַרג.

דער טרייבער האָט זיך „צעלאָזט", וויל אַרויספאָרן מיט פולן שוואונג אַרויף, אָבער דאָס מאַשינאָווע פערד ווערט שנעל מיד, הייבט אָן פריכען, ניסן, דער טרייבער גיט זיך אונטער, טוט אַריין די קליאַמקע אין די „צווייטע ציין", און סאַפענדיק שווער, קריכט דער אויטאָמאָביל פאַמעלעך אַרויף־באַרג.

די פאַסאַזשירן דערפילן זיך, אַז זיי האָבן צייט צו קוקן, באַטראַכטן.

די וואַרשערין טוט זלמנען אַ פרעג:

— איז דאָס נישט וואונדערבאַר!

— עס א י ז שיין!

זיין אַנטציקטער אויסרוף פאַרשאַפט איר פאַרגעניגן. אַ דאַנק איר, זעט ער דאָס היינט, און... זי איז צופרידן, וואָס ער פאָרט מיט איר.

— אין אים מוז זיין עפּעס אָריענטאַלישעס, — זאָגט זי מיט אַ שמייכל, — דערפאַר אַפּעלירן צו אים אַזוי די האַרבסט־קאָלירן.

— וואָס הייסט ע פּ ע ס אָריענטאַלישעס? ער איז דאָך אַ ייִד.

דער ייִד, זלמן שאַץ, האָט זיך ווי געכאַפּט, אַז ער האָט עובר געווען אויף „מה נאה אילן זה". זיין אויג רייסט זיך אָפּ פון די בערג און ביימער און ווענדט זיך צום שטעטל, וואוהין מ'דער־נענטערט זיך.

אָט זעט ער ווי מענטשן ליגן האַלב־זיצנדיק, אָדער זיצן האַלב־ליגנדיק אויף לען־שטולן, איינגעוויקלט אין פּלעדן, מ'זעט מער נישט אַרויס ווי דאָס פּנים, דאָך זלמן זעט ווי האַלב־ליגנדיק זיי שטרעקן אויס די הענט אַרויף צום הימל־צו און בעטן אין ביאַליקס ווערטער: גאָט, מער ליכט, מער ליכט! און נישט נאָר זיבן זונען, נאָר זיבן מאָל זיבן וואָלטן זיי נישט צופרידנגעשטעלט: „גאָט מער ליכט, מער ליכט!"

— זענען די אַלע קראַנקע? — פרעגט ער אומרויִק.

— זאָל עס אים נישט וואונדערן און אויך נישט באַאומ־רויִקן. — ענטפערט די וו[illegible]רטערין, — דאָס גאַנצע שטעטל באַ־שטייט כּמעט פון קראַנקע און געוועזענע קראַנקע. מ'ווערט געהיילט און מ'פאַרבלייבט אין די בערג, און מ'אַרבעט, און מ'לעבט, און מ'פירט געשעפטן. דאָ איז דער גן עדן פאַר קראַנקע.

יאָ דאָ איז דער גן עדן, און ער איז אָדם, דאָרט ביי זיין זייט זיצט חוה. דאָך ווי ער בענקט נאָכן גיהנום, נאָך דער שטאָט מיט אַלע אירע איבלען, די שטאָט, וואו דאָס לעבן באַשטייט נישט

פון ליגן און רוען, נאָר אין זיין אומרויק, זיך באַוועגן, אין טאָן, זיין אַקטיוו, שאַפן, לעבן, ליבן. פלאָרא. אָבער דאָס אַלץ איז פאַר אים געשטאָרבן, איצט מוז ער זיין אינם טויטן גן עדן און וואַרטן ביז ער וועט קענען אַריינגענומען ווערן אין דער פמליה של מעלה און לעבן מזיוו השכינה...

VIII.

ווי פעך ציִען זיך די טעג, ווי טשערעפּאַכעס רוקן זיך די ווײַ־ ערס, אַנצייגנדיק די צייט פון עסן אַלס אָפּוועקסלונג פון רוען, פון ליגן. זלמן ציילט די טעג. ער האָט גענומען ציילן ספירה, אין יעדן טאָג זיך אַליין געזאָגט דעם יסוד. היינט איז שוין אַ דאַנקען גאָט תפארת שבגבורה, און מאָרגן — „ווער ס'לעבט איבער אַ טאָג און זאָגט, אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס דער טאָג איז פאַריבער, איז נישט ווערט, וואָס ער האָט געלעבט דעם טאָג", אַזוי האָט, דאַכט זיך, גע־ זאָגט רוססאָ. ער איז גערעכט געווען, אָבער ער, זלמן שאַך, איז אויך גערעכט, ווען ער ווינטשט זיך, ווי אין דער תוכחה: בבקר מי יתן ערב, ובערב מי יתן בקר.

וואָס ברענגט אים דער טאָג?

יאָ, געציילט זענען זיינע טעג, יעדער טאָג דערנענטערט אים צום טויט, אָבער וואָלטן כאָטש די טעג געווען שטורמישע, ער וואָלט זיך אין זיי איינגעקלאַמערט ווי אין אַ קלאָץ ביי שיף־בראָך, ער וואָלט געלעבט 24 שטונדן אַ מעת־לעת. אויב אָבער ער וויל פאַרלענגערן זיין לעבן, אויב ער וויל, אַז די צאָל פון די געציילטע טעג זאָל נישט פאַרמינערט ווערן, דאַן מוז ער וועגעטירן, ליגן און רוען, און

רוען. ליגט ער אויף דעם בעט, קוקט אין הימל אַריין, פאָלגט נאָך דעם וואָלקן־שפּיל.

ווי שטיל דאָ איז.

בלויז אַ פּאָר מאָל אין טאָג שלענגלט זיך פאַרביי אַ צוג, ער הערט דאָס קאַלאַקאַטשען פון די רעדער, זעט די ווייסע קנוילן רויך, ווי זיי צייכענען זיך אויס דייטלעך אין דער בלויקייט אַרום, און טראַכט: דאָרט גייט די ציוויליזאַציע. אָט הערט ער זי, זעט ער זי, הגם דעם ריח פילט ער נישט, צו ווייט צו פילן דעם ריח. אָבער הונדערט און צוואַנציק מייל פונדאַנען, בלויז פיר שטונדן רייזע, און מ'פילט די ציוויליזאַציע. ער הערט דאָס געקלאַפּעריי פון שטאָל און אייזן, ער זעט די מאַסיווע שאַרף־קאַנטיקע גראַד־ליניקע מויערן, וואָס שניידן זיך אַריין אין רוים, פאַרשטעלנדיק די זון, און ביי די פיס פון די ש־יינערנע גיגאַנטן שאַרן זיך אַרום ווי מוראַשקעס עפּעס מענטשלעך, ס'שוויבלט און גריבלט מיט מוראַשקעס, יעדע איינע איז פאַרנומען, לויפט, האָוועט, שמייעט, נישט אָפּצושטעלן זיי.

וואָס האָבן זיי אַזוי קיין צייט?

וואוהין לויפן זיי?

דאָס לעבן איז קורץ און זיי ווילן אַרייַנכאַפּן אַלץ אין דעם קורצן געגעץ צווישן וויגל און קבר, און זיי ווייסן גאָרנישט, אַז מיט זייער איילעניש זענען זיי מקצר זייער לעבן. זיי איילן זיך, רייטן אויף דעם שטאָלערנעם פערד, און זיי זען גאָרנישט, אַז דאָס פערד איז אַ בלינדס, עס דערנענטערט זיך צו אַ גרוב, און אַנשטאָט אָפּשטעלן עס, טרייבן זיי עס נאָך אַלץ שנעלער, שנעלער. און אויב אַמאָל האָט מען געזאָגט: ואם בגבורות שמונים, זאָגט מען איצט: ואם בגבורות ארבעים. וועט ער נאָך זיין בגבורות? אויך קיין צייט געהאַט, אויך מיטגעלאָפן דעם ווילדן געלויף, מורא געהאַט צו פאַר־שפּעטיקן אַ מינוט, דאַן, ווער האָט אפילו געהאַט אַ באַגריף ווי לאַנג אַ מינוט קען זיך ציִען. אָבער איצט האָט ער צייט, אָ, ווי

פיל צייט. ווי לאַנג דער טאָג איז, און ווי לאַנג עס ציט זיך אַ שטונדע ווען מ'ליגט און מ'קוקט דורכאַנאַנד, ווי די ווייזערלעך דרייען זיך.

ער האָט קיינמאָל געוואוסט, אַז אַ מינוט איז אַזוי לאַנג, איצט ווייסט ער שוין ווי לאַנג זי איז.

ער קוקט אויפן זייגערל און זעט דאָס רגע-ווייזערל ביי דער אַרבעט. ער ציילט וויפיל מאָל אַ מינוט שלאָגט זיין פולס, וויפיל מאָל אַ מינוט ער אָטעמט, זעכצען מאָל אַ מינוט, נייַן הונדערט און זעכציק מאָל אַ שטונדע. אָ, ווען ער זאָל קענען אָטעמען בלויז צען מאָל אַ מינוט, ער וואָלט דאַן איינגעשפּאָרט דריי הונדערט און זעכציק מאָל אָטעמען.

עס הויבט אים אָן שווינדלען אין די אויגן, ער כאַפּט זיך, אַז עס איז פּשוט אידיאָטיש. אָבער, וואָס טוט מען נישט אויס לאַנגווייליע. אָט זיצט לייבאָוויטש און שטעלט אויף פון דאָמינאָ אַ געביידע, ער טוט עס מיט אַזאַ ערנסט, שוין אַלץ אויפגעבויט און איצט אַרויסנעמען דעם לעצטן ביין פון אונטן און אים אַרויפשטעלן אַלס נאָדל אויף דעם הויכן טורם, אָבער ביים אַרויסנעמען פאַלט איין דער טורם מיט אַ קראַך, און לייבאָוויטש נעמט אויפסנייבויען אַ טורם.

די לאַנגווייליע האָט אים אויפגעעפנט איר מויל און ווי אַ היענע איז זי גרייט איינצושלינגען יעדן איינעם. איז נאָך שיין, זיצט מען נאָך אין דרויסן, גייט מען אַרום פּאַמעלעך, אָבער אָט האָט אָנגעהויבן רעגענען. אַ קאַלטער דראָבנער האַרבסט-רעגן, געיאָגט פון אַ קאַלטן האַרבסט-ווינט, וועלכער שמייסט דעם רעגן, יאָגט אים, אוממעגלעך צו זיין אין דרויסן, זיצט מען אינעווייניק, און מען בויט הייזער פון דאָמינאָ-ביינדלעך, מען שפּילט דאָמינאָס און מען רעדט, און מען באַרעדט.

שטייט זלמן ביי דעם פענסטער, קוקט אַרויס, זעט ווי אַ גרויקייט האָט זיך פאַרצויגן אינדערהייך, און די גרויקייט באַוועגט זיך, ציט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, שפּרייטנדיק גרויע נעצן צווישן הימל און ערד, און אויף דער ערד אַ גרויקייט שטייט, און דער מענטש, וואָס שניידט דורך די גרויקייט, איז אויך אַ גרויער. גרוי אַרום און אַרום, גרויער הימל, גרויע ערד, גרויע מענטשן.

— עך בין קראַנק! — היצט זיך גלוסקער; אַ יונגערמאַן מיט אַן אומנאַטירלעכער רויטער פאַרב אין די באַקן און טרוקענע בלוילעכע, בלוטלאָזע ליפּן. — עך בין קראַנק! — שרייט ער מיט אַ פאַלצעטאָ. — „צוואַי דאָקטוירים האָבן מיר געזאָגט כ׳בין גע-זונט, איך האָב גוניש, מער נישט אַ ביסל אַרונטערגעפאָרן, זעך איבערגעאַרבעט. דריי חדשים, דאָס העכסטע, וואָס כ׳על דאָ זיין".

— ער איז נישט קראַנק, ווייס איך וואָס, — ענטפערט ראַט-מאַן — ער האָט בלויז הינעראויגן אָט אַזוי די גרייס, — צייגט אָן ראַטמאַן אויף זיין אָנווייזנדיקן פינגער, — ער וועט אויסהיילן די הינעראויגן פאָרט ער אַהיים, אָבער קראַנק, „נאָר צוואַי דאָקטוי-רים האָבן געזאָגט ער האָט גונישט". אַז איך זאָג אויך ער האָט גאָרנישט — נישט קיין האַרץ, נישט קיין לונגען.

די לעצטע ווערטער זאָגט ראַטמאַן אַרויס עטוואָס שטילער, מיט אַ וואונק צו די אַרומיקע. גלוסקער אָבער וויל נישט ליידן, וואָס מ׳זאָגט, אַז ער איז געקומען בלויז צוליב זיינע הינעראויגן, און דערהיצנדיק זיך נאָך שטאַרקער, הייבט ער אָן:

— ער קיבעצט מיך מיט הינעראויגן. פונדעסטוועגן וואָלסטו זיך ווינטשן צו זיין אַזוי קראַנק ווי איך. יאָ, יאָ.

— מוחל, מוחל, דו קאַליקע, איך האָב געווּג מיינע אייגע-נע, — זאָגט ראַטמאַן — אַזאַ קאַליקע, שילט זיך גאָר, האָסט עס, האַלט זיך דערמיט, ווינטשט עס גאָר יענעם.

— אַז פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, — שרייט שוין גלוסקער מיט טרערן אין די אויגן, — אזא...

אַ טומל, אַן אויפרעגונג. זלמן קערט אָפּ דעם קאָפּ פון פענ־סטער. וואָס טומלען זיי זיך, וואָס היצן זיי זיך. וואָס אַרט עס זיי ווען אַ נאַר וויל זיך נאַרן, צוואָס עפענען די אויגן דעם, וואָס האָט מורא אַ קוק צו טון. ער גייט צו צו גלוסקערן:

— הערט אים נישט, וואָס ער זאָגט, און רעגט זיך נישט אויף, איר׳ט פאַרן אינגיכן אַהיים.

— אָבער פאַרוואָס זאָלן זיי זאָגן, אַז איך בין קראַנק, ווען כ׳בין נישט.

— געוויס זענט איר נישט קראַנק.

זלמן באַטראַכט די געדיכטע רויטע בלוט־פלעקן אויף גלוס־קערס באַקן, זעט זיינע טרוקענע בלוטלאָזע ליפּן, זעט די ליימענע הויט־גרויקייט אַרום זיינע אויגן, און טראַכט:

„יאָ, דו ביסט נישט קראַנק, דאָך אויפרעגן זיך, אויף צו באַווייזן דאָס, לוינט זיך נישט.

עס האָט זיך נישט געלוינט. דער טומל איז איינגעשטילט. ווער עס לייענט פאַר זיך, ווער עס שפּילט אַביינדל, און ווער עס רעדט פריינדלעך מיט אַ צווייטן, פאַרטרויענדיק אים זיין פּעקל צרות, ווען מיטאַמאָל הערט זיך:

— גלוסקער חלשט.

זלמן לויפט צו און זעט ווי גלוסקער זיצט דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן, דאָס בלוט פון געזיכט איז פאַרשוואונדן און די באַקן האָבן אָנגענומען דעם קאָליר פון נאַר־וואָס אָפּגעלאָשענעם רויטן צעגליטן אייזן, אַ געמיש פון גרוי און ווייס. זיינע דינינקע, כינעזישע, קליי־נע בלאָנדע ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן צו דער נאָז ווי אָפּשטעלנדיק זיך, די הענט אויסגעצויגן — טוט מיט מיר וואָס איר ווילט.

מ׳טוט, מ׳שפּריצט וואַסער, מ׳קוועטשט די שלײפן, מ׳בינדט איבער דעם אָרעם, מ׳שרײַט.

אַ װעכטער לױפט אַרײַן, בײגט אײַן גלוסקערס קאָפּ, דאָס בלוט הײבט װידער אָן קומען אין געזיכט אַרײַן, אָט הײבט מען אונטער זײַן קאָפּ, ער איז שױן געקומען צו זיך. ער רעדט נישט, בלױז מיטן קאָפּ שאָקלט ער, װי זאָגנדיק: נײן, נײן. מײנט ער נאָך אַלץ צו זאָגן נײן. נײן: איך בין נישט קראַנק, אָדער זאָגט ער איצט: נײן, נײן, איך בין װירקלעך נישט געזונט?

אונטער די אָרעמס פירט מען אים אין שפּיטאָל אַרײַן, אי־בערלאָזנדיק אַ דריקנדעס שװײגן, ביז עמעצער פּלאַצט אַרױס:

— אַ קראַנקן מענטש, נעמט מען און מ׳רעגט אים אויף.

— װער האָט אים אױפגערעגט, װער? — שרײַט ראַטמאַן — אַ מענטש האַלט אין אײן טענהן ער איז נישט קראַנק, געקומען בלױז אױף אַ דאַטשע, נו, װעט ער איצט האָבן די ריכטיקע דאַטשע.

— ער איז נישט אַזאַ געפערלעכער חולה, אַ װאָס ער האָט געחלשט, אַ געזונטער מענטש קען אױך חלשן, װען מ׳רעגט אים צו פיל אױף. און, מ׳שטײנס געזאָגט, די גבורים, װאָס יעדער אײ־נער פון אונדז איז. די גלײַכסטע זאַך איז — נישט צו אַרגומענ־טירן, נישט צו אַמפּערן זיך.

— װער אַרגומענטירט, װער, װער װיל דאָס אַרגומענטירן? — קײנער װיל נישט אַרגומענטירן, שטיל, װער ס׳זיצט און לײענט, װער ס׳זיצט און שרײַבט אַ בריװ, נאָך אַ פּאָר שטונדן און מ׳װעט זיך לײגן שלאָפן.

זלמן שטײט בײַם פענסטער און קוקט דורך די שױבן אין דער פינסטערער נאַכט אַרײַן. שטאָק פינסטער, און פון דער פינס־טערניש, אין דער פינסטערניש יאָגט זיך אַ דין שטעכיק רעגנדל, טױזנטער לאַנגע נאָדלען. די פײַערלעך פון די פענסטער פון די אַרומיקע געבײַדעס שטעכן דורך די פינסטערניש, זײ טוקן זיך

ווי נישט וועלנדיק פאַרשלונגען ווערן אין דעם חושך, אָבער מיט זייער שיין צייגן זיי, אַז זיי קענען די פינסטערניש נישט צעזייען און מאַכן די פינסטערניש אַרום נאָך שטאַרקער, געדיכט, וימש חושך. און פינסטערער פון דער נאַכט איז זלמנס קוק. אָט הייבט ער אָן ברומען „מא קא משמע לן דער רעג׳, אָבער ער הערט באַלד אויף. די ישיבה, ווי לאַנג צוריק דאָס איז געווען. די גמרא שוין לאַנג פאַרמאַכט. אין דער צייט פלעגט מען שוין לערנען אויף דער נאַכט, דאַן טיאַפּען אין דער בלאָטע מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט. שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. שטעטל, שטאָט, שטעט, לענדער, אַ נייַ לאַנד, און איצט אַ נייע ישיבה, נייע חברים...

זלמן קערט אָפּ זיין קאָפּ פון פענסטער, באַטראַכט זיינע נייע חברים, זיין אויג וויל זיך אָפּשטעלן אויף איין געזיכט, וואָס זאָל אים זאָגן:

„איך פאַרשטיי דיך“.

אָבער אַזאַ געזיכט זעט ער נישט. און קוקנדיק ווידער אין פינסטערניש, שיינט פאַר אים אויף פלאַראַס געזיכט. וואָלט זי אים פאַרשטאַנען? פאַרשטייט זי אים, פילט זי, אַז אָט איצט שטייענדיק ביי דער שוואַרצער שויב, קוקנדיק אין דער פינסטערניש, ווייט זיין האַרץ צו איר. האַרץ פילט האַרץ, פילט זי איצט ווי זיין האַרץ ווערט צוזאַמענגעפרעסט פון בענקעניש נאָך איר? וואָלט ער בע־קענט צוגיין צו איר און זאָגן: קום, קום מיט מיר, דאָס אַלץ איז געווען אַ בייזער חלום, פאַרגעס, וואָס איז געווען, קום מיט מיר אויף די קני וואָלט ער געפאַלן פאַר איר, זי געבעטן, און זי וואָלט געגאַנגען. אָבער ער קען נישט, ער קען נישט, דאָס איז נישט קיין חלום, דאָס איז אַ ווירקלעכקייט, די ווענט פון דער געביידע, די בעטן, אָט די פינסטערע שויב, ביי וועלכער ער שטייט איצט, דערציילן אַ ווירקלעכע טרויעריקע געשיכטע: פאַרסמט איז זיין לעבן, סם טריפט פון זיינע ליפּן, זיין האַרץ איז אַ חורבה, אַ

פּיסטע, וואו שדים טאַנצן, און ער קוקט צו דעם שדים-טאַנץ. אָבער ער מוז זיין דער איינציקער צושויער, ער און מער קיינער.

וואָלט ער כאָטש געקענט וויינען, ער פילט, ווען ער וויינט זיך גוט אויס, וואָלט אים גרינגער געוואָרן, אָבער צוזאַמען מיטן געלעכטער איז פאַרשוואונדן די טרער, זיין פרייד איז פאַרשוואונדן, זיין ווי איז פאַרגליווערט געוואָרן, און אויפן האַרץ פּרעסט אַזאַ שווערער שטיין, אַזוי שווער...

— אפשר גאָר אָנשרייבן רובינשטיינען?

ער נעמט אַרויס אַ בריוו און לייענט:

„פלאָראַן איז כמעט נישט צו דערקענען... קוים זי אַרויסגענומען אין גאַס אַ ביסל שפּאַצירן..."

שיין בלימעלע מיינס, בענקסט נאָך דיין גערטנער? פאַרגעס אָן אים, פאַרגעס.

וועט פאַרגעסן, וועט זיך איבערווייגען, וועט גיין שפּאַצירן, אויף בעלער, קאָנצערטן, מיט אים, מיט אַנדערע.

וואָרום שרייבט ער אים וועגן איר? ווער האָט אים געבעטן, האָט ער דען אָנגעפרעגט?

און ער לייענט ווידער דעם פּלאַץ, וואו רובינשטיין שרייבט וועגן פלאָראַן. ער וויל פון די טויטע בוכשטאַבן אַרויסלייענען רובינשטיינס געזיכט, פלאָראַס.

— טייערער רובינשטיין, דאָך טאַקע נישט געבעטן, אָבער ווי דאַנקבאַר פאַר די פאָר ווערטער! שרייב, שרייב מער איינצלהייטן וועגן איר. מ'דאַרף אים אָנשרייבן. אָבער ער האָט מורא, אַז זיין פען וועט אים אַרויסגעבן, די פינסטערניש פון דער האַרבסטנאַכט וועט אַריסקוקן פון זיין בריוו. ניין, ער וועט היינט נישט שרייבן, היינט וועט ער זיך לייגן שלאָפן. שוין טאַקע באַלד ניין אַ זייגער.

שטילקייט באַדעקט די פינסטערניש. אויסגעלאָשן כמעט אַלע

ייערן, שטאָק פינסטער, און די שטילקייט ווערט געשטערט בלויז
ן רעגנדל און פון כראָפּען. גאָט, ווי דאָס זעגט זיינע נערוון.
ר דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, פאַרשטעקט די
ייערן, פאַרמאַכט די אויגן. איינשלאָפן, איינשלאָפן, אָבער דער
לאָף קומט נישט און דער שכן דאָ דערביי כראָפּעט, שנאָרכט,
וי מיט אַ טעמפּער זעג סענקעס געזעגט, ווי אַן עלעפאַנט וואָלט
טייך אַריינגעצויגן. אַראָפּגיין, אים דערשטיקן, דערווערגן, אָ,
לאך פון שלאָף, פאַרוואָס שטייסטו ביי איינעם צוקאָפּנס און רוימסט
ים אַ חלום אין אויער, און ביי איינעם צופיסנס, קוקסט אין די
ויגן, לאָזסט נישט שלאָפן. אַנטשלאָפן ווערן, אָבער דער שלאָף
קומט נישט.

מאָרגן וועט ער בעטן מאָרפין, ער מוז שלאָפן. האָט דען אים דער דאָקטאָר נישט געזאָגט — פּאַראַליזירט דעם מאַרך, אַבי ראַכט נישט, — ער וועט פּאַראַליזירן דעם מאַרך, אַבי איינשלאָפן, יינשלאָפן.

ער הערט זיך צו צום רעגן און אין די טראָפּנס, וואָס קאַ־ פּעט פון רינווע קען ער הערן אַלץ, וואָס ער וויל. ער ציילט די טראָפּנס, ציילן ביז זעכציק, ער ציילט אַזוי לאַנג, ביז ער הערט ישט, וואָס ער ציילט, זידלט זיך אויס פאַר דער אידיאָטישקייט און נורעט זיך איין, ווען זיין שכן וואַרפט זיך דורך, דערלאַנגט אַ הוסט.

זלמן ענטפערט אים מיט אַ הוסט.

— דאָס איז נישט קיין טעלעפאָן, — זאָגט דער שכן, — אַז איך הוסט, דאַרפט איר נישט ענטפערן, איך בין שוין אַן אַל־ טער סאָלדאַט, איך מעג, אָבער איר, ליגט און שלאָפט.

און ער קערט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט אַליין איינצושלאָפן.

א גרויער, אַ צעבראָכענער שטייט זלמן אויף צו טרעפן א גרויען פרימאָרגן.

דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט צו גיסן, ער איז אָבער געבליבן הענגען אין דער לופטן ווי ישובענדיק זיך, ווייטער פאַלן אָדער נישט.

עס איז קעלטער געוואָרן, און די אַסטראָנאָמען צווישן זייבע בעט־שכנים זאָגן: עס וועט שנייען.

ווי זיי ווייסן אַלץ.

און עס שנייעט ווירקלעך.

גרויסע, נאַסע שניי־פליטערן פאַלן און פאַרשווינדן אַזוי שנעל ווי זיי פאַלן אַרונטער, אַ שניי און אַ רעגן, אָדער נישט קיין שניי, נישט קיין רעגן, אַ מוטנע געמישעכץ פאַלט פון דער הויך, און אויפן האַרצן ווערט נאָך מוטנער.

שטייט ווידער זלמן ביים פענסטער און קוקט אַרויס אין דער גרויקייט, זעט ווי אַ שנירל פייגל ציט זיך הויך אונטער די וואָלקנס, ער הערט זיך צו צו זייער געשריי, און אים דאַכט זיי שרייען:

— אַנטלויף, אַנטלויף!

יאָ, אַנטלויפן. אפשר וואָלט ער טאַקע איצט באַדאַרפט זיין אין אַ וואַרעמען פלאַץ, וואו די זון שיינט יעדן טאָג. אָבער וואָס איז דער חילוק? און אַז די זון שיינט? ער מוז דאָך סיי ווי אין שאָטן בלייבן...

— ווער האָט געזען גלוסקערן?

— ער קומט היינט צוריק.

— וואָס איז אים געווען?

— גאָרנישט, דער מאָגן.

— אַז דאָ איז דאָך אַלץ מאָגן, — טענהט ראַטמאַן — ס׳טוט ווי דער קאָפּ — מאַגנעזיע, ס׳טוט ווי אַ פוס — ביטער זאַלץ,

כ׳באַקלאָג זיך ס׳שווינדלט מיר אין די אויגן, ערשט מ׳האָט מיר אַריין אַ דאָזע ריצנאייל. סטייטש, היתכן? קיין מענטש, זאָגט דער דאָקטאָר, ־קען נישט אויסלעבן זיין לעבן אָן ריצנאייל, און צי דו קענסט, צי דו קענסט נישט פאַרטראָגן, מוזט עס נעמען, מוזט אויפהאַלטן דעם דאָקטאָרס אויטאָריטעט.

— אַ ביטערער יונג, דער ראַטמאַן, — טראַכט זלמן, — אָבער גערעכט איז ער, דער מענטש ווערט דאָ רעדוצירט צו אַ מאָגן. און ער מוז אויפהאַלטן דעם דאָקטאָרס אויטאָריטעט... און דאָס איז בלויז נאָך פיר וואָכן זיין דאָ. יאָ, ער איז שוין דאָ פיר וואָכן מיט צוויי טעג, גבורה שבהוד. אָט אַזוי קריכן די טעג און ס׳פליט די צייט. איין חודש אַוועק, און דאַן נאָך אַ חודש, און דאַן...

— גלוסקער קומט! — שרייט עמעצער אַרויס. גלוסקער קומט אַריין מיט אַ שמייכל פון אַ מענטש, וואָס ווייסט זיין ווערט.

— וואָס דען, אין שפּיטאָל וועט ער זיין? דאָרט איז אַ פּלאַץ פאַר אַזעלכע קאַליקעס ווי ראַטמאַן. אוי, ליגן דאָרטן קאַליקעס. אָלשאַנסקי האַלט שמאָל, ס׳איז אַ סברא...

— וואָס־זשע?

— ער ווייסט נישט, אָבער, אַז מ׳לאָזט נישט צו צו אים קיינעם, איז שוין אַ גוטער סימן, ער האָט נאָך אַנדערע קרענק דערצו. ס׳אַ סברא, אַז ער׳ט זיך אַריבערפּעקלען. און געזאָגט איך ווייזט אויס אויך גוט אין דער אַרבעט, מ׳האָט אים איבערגענומען אין אַ חדר מיוחד. ער איז אַזוי שוואַך, קען קוים רירן מיט אַ האַנט, געהערט מ׳וועט אים אַוועקפירן פון דאַנען.

— וואוהין וועט מען פירן אַזאַ קראַנקן?

— און אַז ער וועט שוין האַלטן ווי אָלשאַנסקי, וועט זיין בעסער?

— אַזוי שמאָל האַלט ער?

מ׳שטייט אין אַ רעדל אַרום גלוסקערן, און ער דערציילט זיין מיסיע אַלס נייעס-ברענגער, ביז קימעלפעלד, אַ מאַן מיט אַ לאַנגלעכן בלאַסלעכן פּנים, וואָס דערמאַנט אָן די גרין-געלבלעכע לענגלעכע עפּל מיט קנופּען באַם קאָפּ, צערייבט דאָס רעדל, אַרויסגייענדיק דערפון, און רעדט בערוועז:

— האָט שוין קיין בעסערע נייעס נישט געקענט ברענגען, גיב נאָר אַ קוק ווי מ׳האָט זיך אַנידערגעשטעלט און מ׳הערט זיך צו ווי דער האַלט שמאָל און דער האַלט ברייט, ווער וויל דאָס וויסן, ווער, זיך צערעדט!

קימעלפעלד אַנטלויפט פון רעדל און די, וואָס בלייבן שטיין, ווינקען זיך איבער, און מ׳רעדט:

— ציטערט פאַר דער פעל, ציטערט ער, דערהערט טויט, איז ער געוואָרן אַ טויטער.

— יענער!

דער געשפּרעך גייט שוין דאָך מער נישט אָן.

— שפּילט עפּעס אויף אַ פריילעכס, — זאָגט עמעצער.

און באַלד שפּילט שוין די וויקטראָלאַ אַ פריילעכס, ווערכעס ווערט באַגלייט פון אונטערברומעריי און אונטערפּליעסקעריי מיט די פינגער, און ס׳דאַכט זיך, אַז די אונטערברומער און אונטערפּליעסקער ווילן מיט זייער ברומען און פּליעסקען פאַרטרייבן דעם קלאַנג פונם שרעקלעכן וואָרט, וואָס גלוסקער האָט אַרייַנגעבראַכט.

IX.

דאָס וואָרט טויט איז געלעגן ביי יעדן אויפן צונג און מ'האָט באַדאַרפט זיין שטאַרק פאָרזיכטיק דאָס נישט אַרויסצובררענגען. אויב מ'האָט די ליפּן געקענט ווי ס'איז איינהיטן, האָט מען דערפאַר אָבער נישט געקענט קאָנטראָלירן די אויגן. אַלעמענס אויגן האָבן געפרעגט:

— וואָס הערט זיך, איז ער שוין? — דער איינציקער, וואָס קען געבן דעם ריכטיקן ענטפער, איז דער דאָקטאָר, אָבער אָט קומט ער, זאָגט, ווי דער שטייגער איז, אַ העפלעכן גוטן אָוונט, פרעגט יעדן איינעם צי דער מאָגן אַרבעט גוט, שמייכלט מיט אַ דשענטל-מאַן-שמייכעלע און זאָגט אַ דזשענטלמענישע גוטע נאַכט. מערקווירדיק, די מענטשן, וועלכע ליגן און הערן זיך צו צו זייערע קערפּערס און זענען שוין געוואוינט געוואָרן אַלע מאָל זיך באַקלאָגן, אַז עפּעס טוט זיי וויי, אַפילו גרינבלאַט, ווען ס'דאַכט זיך אַלע מאָל, אַז ער האָט אַ לייכטע פאַרקילונג און ער וואָלט וועלן האָבן די און די פּיל — ער איז שוין אַ האַלבער דאָקטאָר און ווייסט שוין די נעמען פון די פּילן, וועלכע ווירקן אויף אים זייער גוט — אויך ער האָט זיך דעם אָוונט נישט באַקלאָגט, ס'האָט זיך אים גאָר נישט געדאַכט. אַלע זענען געזונט. וואָס זיי וואָלטן יאָ געוואָלט וויסן, איז: וואָס מאַכט אָלשאַנסקי, אָבער ווי ווייסט מען דאָס? און אויב

מ׳ווייסט נישט, וואָס ער מאַכט, רעדט מען כאָטש וועגן אים, ווי לאַנג ער איז שוין דאָ, ווי קראַנק ער איז געווען, ווען ער איז גע־קומען אַהער.

— יענער איז געקומען אַהער, האָט ער שוין געהאַלטן ווייט.

— וואָס דרייט איר אַ מוח געהאַלטן ווייט, — מישט זיך אַריין דער נערווועזער קימעלפעלד, — איך האָב אים געטראָפן אַרומגיין, ער איז דאָך געווען טאַקע דאָ, געשלאָפן אויף דעם בעט, וואו... גרינבלאַט שלאָפט. מענטשן רעדן. דער דאָקטאָר האָט אים געהאַלטן פאַר נישט קיין שלעכטן חולה.

— יאָ, דער חולה איז נישט קיין שלעכטער, אָבער ער האָט אַ גוטע קרענק, — זאָגט ראָטמאַן.

קימעלפעלד וואַרפט אַ צאָרנדיקן קוק אויף ראָטמאַנען.

— אַ גוטע קרענק. לאָמיך אייך זאָגן, די קרענק איז אַ גוטע, מער נישט אַ קאַפּריזנע. איך אַליין ווייס פון אַ מאַן, וואָס לעבט מיט איין לונג, מערקט אייך, איין לונג איז ביי אים אינגאַנצן אַטראָפירט. מ׳האָט זיך שוין ווירקלעך נישט געריכט אויף אים — דאָקטוירים האָבן אים שוין אויפגעגעבן, און ער לעבט, האָט אַ ווייב מיט אַ קינד, איר פאַרשטייט, איין לונג!

— געוויס איז דאָס אַ גוטע קרענק, — ווייצלט זיך ווייטער ראָטמאַן, — מ׳פילט זיך נישט קראַנק, ווען מ׳איז כלומרשט געזונט, און מ׳איז כלומרשט געזונט ווען מ׳איז קראַנק, און די נשמה גייט אַרויס אַזוי שטיל, אָן אַ זיי־געזונט אַפילו.

— איר זענט אַ גראָבער יונג, — האַקט אָפּ קימעלפעלד און פאַרלאָזט די רעדנדע. דער עולם קוקט זיך איבער — אַ מענטש זאָל עס אַזוי ציטערן פאַר דער פעל.

— אַ נאַר, מער ווי איינמאָל שטאַרבט מען דאָך נישט, און ווי זאָגט דער גוי: ווען מ׳זאָל נישט אויפן בית עולם פירן איז אַ טאָג פאַרלירן. עד!...

אַ אומעט פֿאַרשפּרייט זיך פֿון דעם „ער״. מ׳רעדט נאָך, מ׳וויצלט זיך נאָך, מ׳פֿילט אָבער, אַז מ׳רעדט, ווייל מ׳האָט מורא אַנטשוויגן צו ווערן, און יעדער איינער קוקט אויפֿן צווייטן, ווען ער רעדט, און טראַכט דערבײַ וועגן אַלשאַנסקין, ווי אויך וועגן דעם, אַז זײַן מיטרעדנער טראַכט אויך דאָס זעלבע. מיט אומגעדולד קוקט מען אויף די ווייזערס, און ווען עס קומט די שטונד „ניין״, פּרוּווט מען נישט, ווי דער שטייגער אַלע אָוונט, אָפּציִען נאָך אַ צען מינוט, נאָר מ׳נעמט זיך גלײַך גרייטן צום שלאָפֿן.

דאָס ערשטע, וואָס זלמן האָט דערהערט, ווען ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן, איז געווען די ניַיעס, אַז אַלשאַנסקי איז געשטאָרבן. ווי אַזוי האָט מען זיך דערוווּסט אַזוי שנעל? איז עס זיכער? ווער האָט עס געזאָגט?

— וואָס הייסט ווער? איך האָב אַליין געהערט אַן אויטאָמאָביל איז צוגעפֿאָרן. דאָס איז געווען פֿיר פֿאַרטאָג, און כ׳האָב שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עס.

— ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עס. איך האָב געהערט ווי די הינט האָבן גענומען בילן, איך האָב אומישנע אַ קוק געטון אויפֿן זייגערל, ווייסט ז׳אָך, אויף מײַן זייגערל זעט מען אין דער פֿינסטער. ס׳איז געווען אַרום דריי, פֿינף צו דריי. ווען איך האָב דערהערט די הינט און דערנאָך דעם אויטאָמאָביל צופֿאָרן, האָב איך שוין געוווּסט, ס׳האָט נישט גענומען קיין פֿופֿצן מינוט איז ער שוין געפֿאָרן צוריק.

— איז פֿון וואַנען ווייסט מען, אַז דאָס איז עס געווען?

— דער ייִד רעדט דאָך ווי אַ טפּש. פֿון וואַנען מ׳ווייסט. דער אויטאָמאָביל איז געקומען זאָגן דעם דאָקטאָר אַ גוט מאָרגן.

— אַז מ׳זאָגט געשטאָרבן, זאָלט איר גלייבן.

— ווי אַלט איז איר געווען?

— אָ, אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק.

— לאנג געקרענקט!

— ווער ווייסט. מ׳קען וויסן, מ׳איז קראַנק געוואָרן? וואָס איז דער חילוק, פּריִער, שפּעטער, געשטאָרבן, באַגראָבן, און פאַרטיק, פּטור, נישטאָ מער. אַזוי איז עס, קומט, איר גייט עסן?

— מיר איז אָפּגעפאַלן דער גאַנצער אַפּעטיט, נו, וואָס, נאָך אַ גלאָז מילך, נאָך אַ פּאָר אייער...

— גייט שוין גייט, און אַז איין ייִדענע שטאַרבט אין קימ־פּעט, גייט שוין די צווייטע נישט אין מקווה? האָסטו געהערט: כּל זמן שהנשמה בקרבי איז רב״ב מאָטיע, דער מאָגן וויל נישט וויסן, מאַכט זיך נישט באַ־ריש, קומט, איר גייט?

און מ׳גייט, און מ׳עסט. עסנדיק רעדט מען בלויז ווינציקער ווי געווײנטלעך. און אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צום דאָק־טאָר. יענער דערשיינט ווי אַלע פרימאָרגן מיט דעם געווײנטלעכן גוט מאָרגן, מער נישט ער קוקט אויס אַ ביסל נישט אויסגעשלאָפן.

— א י ך האָב אים געפרעגט, וואָס האָב איך מורא וואָס? זאָגט ער, מ׳האָט אים צוגענומען אין אַ צווייטן שפּיטאָל. אין אַ צווייטן שפּיטאָל נעמט מען צו פאַרטאָג, מיר ווייסן שוין די מעשׂיות. דער־ציילן דער באַבען, געשטאָרבן, וואָס פאַר אַ פראַגע. איר האָט נאָך געצווייפלט? אוי, ווי מ׳האָט עס אים אָוועקגעכאַפּט איינס, צוויי. נישט געוואָלט מ׳זאָל זען, אַ נישט ווייסט מען נישט, הייסט עס? כּל מקום...*)

אַלע ווייסן, אַפילו גינגאָלד, וועלכער ליגט אין אַ חדר מיוחד ווייט פון דעם פאַרשטאָרבענעם, האָט געוואוסט, אַז אָלשאַנסקי איז

*) כּל מקום — איראָניע אויף כּל מקום נפש אחת..

איז די נאַכט געשטאָרבן, און ווען זלמן קומט צו אים אַריין גע־וואויר ווערן וואָס ער מאַכט, זאָגט גינגאָלד גלייך:

— הייסט עס, אַז אָלשאַנסקי איז שוין נישטאָ.

— יאָ, מ׳האָט אים צוגענומען אין אַ צווייטן שפּיטאָל, — ענט־פערט זלמן רויִק.

— איר אויך, — זאָגט גינגאָלד מיט אַ פאָרוואורף, אומ־קערנדיק דעם קאָפּ עטוואָס צו זלמנען, — שוין גענוג, אַז דער דאָקטאָר פּארעדט מיר די ציין, אָבער איך וויים, איך ווייס, איך קען שוין זיינע טריט. דערהערט די הינט בילן האָב איך שוין פאַר־שטאַנען ווער ס׳קומט. געקומען, גענומען זיינס און אַוועקגעגאַנגען. אַזוי איז עס, היינט דער, און מאָרגן ווער?

גינגאָלד קערט אָפּ דעם קאָפּ, אים איז שווער צו רעדן, און זלמן שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ערשט ווען גינגאָלד גיט אַ שוואַכן הוסט, הייבט ער אויף דעם קאָפּ און טרעפט זיך אָן מיט גינגאָלדס אויגן. דער לעצטער הייבט אָן ווידער רעדן אָפּגעהאַקטע זאַצן, ווי צו זיך אַליין.

נישט היינט איז מאָרגן, איבערמאָרגן. מ׳נע, וואָס שטייט איר, זעצט זיך צו. ס׳רעגנט נאָך? גענומען אַ פראָסטל? אוי, דער רעגן. וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? שוין נישט געהאַלטן קיין צייטונג. אין האַנט אַ היפּשע פּאָר טעג. שווער אויפצוהייבן אַ האַנט, נישט פאַר אייך געדאַכט.

— אויב איר ווילט, וועל איך פאַר אייך פאָרלייענען אַ היינ־טיקע צייטונג.

— אַ דאַנק, אויב איר ווילט נאָר, נעמט דאָס בענקל, זעצט זיך צו.

זלמן זעצט זיך צו, לייענט די צייטונג, און לייענענדיק מע־כאַניש די נייעסן, טראַכט ער דערפון, ווי מאָדנע עס איז, אַ מענטש ליגט אויפן טויטן בעט, ועט שוין באַלד איבערגיין אין דער וועלט

פון אייביקן שווייגן, און די רעשיקע וועלט האָט אים נאָכנישט אַרויסגעלאָזט פון איר גריף, אָט דער מענטש איז נאָך פאַרינטערעסיר[illegible] אין דעם ווער ס'איז געהרגעט געוואָרן אין אַ באַנען־צוזאַמענשטוי[illegible]

לייענענדיק און טראַכטנדיק, באַמערקט נישט זלמן ווי די ו[illegible]טערין באַווייזט זיך אונטער אים און קוקט אויף אים מיט שטרע[illegible] אויגן. ערשט ווען ער דערהערט איר באַגריסונג, הייבט ער אויף ד[illegible] אויגן און הייבט זיך אויף פון בענקל.

— ווער האָט אים געגעבן די דערלויבעניש אַריינצוקומען אַהער ? — פרעגט זי שטרענג, און אַ צעמישטער ענטפערט זלמן : ער האָט ביי קיינעם געפרעגט.

— נישט פרעגן, הייסט נאָך נישט מעגן, — און זי קוקט אויף אים מיט אויגן, וואָס זאָגן : פאַרנעם זיך פונדאַנען, און וואָס שנעלער.

גינגאָלד פרוווט זיך אָננעמען פאַר אים. — ערשט אַריינגעקומען, אַ פאָר מינוט, אויסרעדן אַ פאָר ווערטער מיט אַ מענטש, מ'ליגט איינער אַליין.

די וועכטערין ענטפערט נישט גינגאָלדן, זי קוקט אַלץ אויף זלמנען, וואַרטנדיק ער זאָל ארויסגיין.

— אַ דאַנק, — זאָגט גינגאָלד, ווען זלמן געזעגנט זיך מיט אים, — קומט אַריין מאָרגן.

ווען זלמן שטייט שוין אויף יענער זייט טיר, יאָגט אים אָן די וועכטערין :

— איך וויל אייך זען היינט אין אָוונט נאָך זיבן, — און פאַרשווינדט צוריק צו גינגאָלדן אין צימער.

זלמן איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפט. ער האָט זיך דערפילט ווי מ'וואָלט אים צוערשט אָפּגעשמיסן און דאַן אויף אים קאַלט וואַסער אַרויפגעגאָסן. זי וויל אים זען היינט אָוונט. אַרויסגעטריבן, פשוט אַרויסגעטריבן, און זי וויל אים זען. ער וועט נישט אַרויסקומען.

פול מיט פאַרדרוס, קערט זיך זלמן אום אויף דער וואַרענדע,

לייגט זיך אַריין אין בעט, וועלנדיק זיך פונאַנדערקלויבן אין אירע פּאַר ווערטער, אין גינגאָלדס רייד, אין זיין אויסזען, אָבער די שכנים לאָזן נישט. גרינבלאַט, דער פּאַנאַטיקער, וועלכער ליגט טאָג ווי נאַכט, וועלכער האָט מורא אַריבערצורוקן זיין בעט, ווייל דאָס איז שוין צופיל באַוועגט, האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. אַרונטערגעלאָזט די פיס גרייט אַראָפּצוגיין.

— כ'האָב עס אין דרערד, כ'ליג נישט מער. וואָס קומט אַרויס פון רוען, אַז יאָ גערוט נישט גערוט, מ'שטאַרבט דאָך סיי ווי סיי.

די איבעריקע שכנים זעצן זיך האַלב אויף.

— אַזוי, גרינבלאַט ווערט שוין אויך אַן אַפּיקורס. געמעגט שווערן ער וועט נאָך היינט גיין אויף אַ שפּאַציר, יאָ, גרינבלאַט?

— אַ, כ'האָב עס אין דרערד.

— כ'האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, — הייבט אָן ראַטמאַן, אַז די איינרעדעניש אַליין, דאָס ליגנדיק וועט מען אויסליגן די קרענק, איז אַ קרענק. ווייסט ווי אַנדרעיעוו האָט געזונגען אין זיין „די טעג פון אונדזער לעבן"?

שנעל ווי דער טייוול ווירקט די קאַטוטע,*)
מ'קוקט זיך אַרומעט, ס'איז שוין קאַפּוטע.

אָבער וואָס ווייסטו פון אַנדרעיעוון, דו ביסט דאָך אַ גאַלי־ציאַנער. אַט הער, גרינבלאַט, דו הערסט ווי דער הונט וואָיעט, זיין שפּראַך פאַרשטייסטו דאָך, דאָס גייט דער לץ, דאָס איז נאָך דיין קאָפּ. נאָך איין טרומנע איז פאַרבליבן. אָלשאַנסקי איז דאָך געשלאָפן אויף דיין בעט.

גרינבלאַט גייט אַראָפּ פון בעט.

---

*) זשאַרגאָן פאַר שווינדזוכט.

— אָ, כ'האָב עס אין דרערד, — און גייט אַריין אין אַל־געמיינעם צימער.

— נו, אַז גרינבלאַט רוט שוין נישט, דאַרף שוין קיינער נישט רוען, — זאָגן די איבעריקע, און מ'פּאַרלאָזט די בעטן.

זלמן דערפילט אַ מורא, קוקנדיק אויף די ליידיקע בעטן אַרום זיך, און הייבט זיך אויף.

ווי ווערט שוין נאַכט.

— זלמן, דו האָסט היינט אַ ראַנדע־וואו מיט דער „ב[illegible] דאַם סאַנס מערסי״. וואָס, דו וועסט נישט גיין? אַנו, גיב נאָר אומישנע אַ קוק אויפן זייגערל, נאָך צוויי שטונדן, ביסט אומגעדולדיק, האַ? נו, יאָ ער וויל זי זען, און ער וועט איר באַצאָלן אירס, זלמן איז נאָך קיין בעל חוב קיינעם געבליבן.

אַזוי שנעל ווי דער רו־פּעריאָד איז געענדיקט, כאַפּט זלמן אַרויף ראָק און היטל און לאָזט זיך אַרויס אויפן וועג, וואו ער דאַרף זי טרעפן. ער דערזעט זי גיין פּאַרויס, פּאַמעלעך, און טראַכט: ער וועט פּאַרבייגיין נישט זאָגנדיק גאָרנישט. יאָ, אַזוי וועט ער טאָן, ער איז שוין אַזוי נאָענט, אַז ער הערט אירע פּאַמעלעכע טריט, זי זייגע מוז אוודאי הערן, זי ווייסט, אַז דאָס איז ער, טאָ פּאַרוואָס שטעלט זי זיך נישט אָפּ, קערט זיך נישט אום, ער וועט פּאַרבייגיין שנעל, ביין, זי וועט וויסן, אַז דאָס איז אומישנע געטאָן, און דאָס איז נאַריש, ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט איר. גוטן אָוונט.

— גוטן אָוונט, גוט וואָס איר זייט געקומען.

— שטאַרק געבענקט נאָך מיר?

— איך האָב אייך געוואָלט זען, קודם כּל, אַנטשולדיקט פּאַר מיין גראָבער האַנדלונג, איך בין א־יואַר וערין, און גרינגאָלד איז שטאַרק קראַנק, טאָר זיך נישט באַוועגן, טאָר נישט רעדן, איר פּאַרשטייט. דערצו בין איך געווען אויפגעבּרעגט, נערוועז, לעצטע נאַכט נישט געשלאָפן.

— ווען איז ער געשטאָרבן?

— ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן. ער איז נישט געשטאָרבן, מ׳האָט אים צוגענומען אין אַ צווייטן שפּי־טאָל.

— איך האָב געדענקט, אַז איצט זייט איר קיין ווײַטעריק, און אַפילו ווען יאָ אַ ווײַזערין, איז נאָך אַ פראַגע אויב זאָגן ליגן איז אַ טייל פון דער פּראָפעסיע.

— אַהאַ, איר רעכנט זיך אָפּ מיט מיר, — האָט זי געענט־פערט מיט אַ געלעכטערל, אין וועלכן ס׳האָט זיך געהערט אַ בייזע נאָטקע, — ווייטער, ווייטער, רעדט, רעדט!

— נישטאָ וואָס צו רעדן, איר ווייסט, אַז איר זאָגט ליגנט, און איר ווייסט, אַז קיינער, אָבער איר הערט, קיינער? קיין איינ־ציקער גלייבט דעם ליגנט. אַלע, אַלע ביז איינעם ווייסן, אַז ער איז געשטאָרבן, און איר פּרוווט איינרעדן ווי אַ קינד: ער איז נישט געשטאָרבן, מ׳האָט אים צוגענומען אין אַ צווייט שפּיטאָל. ווײַטערין וואָס איר זענט!

— פאַרוואָס האָט איר שוין בעסער נישט געזאָגט ליגנערין וואָס איר זענט, — האָט זי ווידער געענטפערט מיט אַ געלעכטערל, דאָס מאָל שוין אַ גוטמוטיקס.

— נו, זי פאַרשטייט דאָך, ער האָט זי נישט געוואָלט באַ־ליידיקן, כאָטש ווערט איז זי... אָבער ער קאָן נישט פאַרטראָגן ווען מ׳וויל דערוואַקסענע מענטשן רעדוצירן צו קינדער, מ׳האָט מורא ס׳וועט שלעכט ווירקן.

— אויף אייניקע ווירקט עס טאַקע זייער שלעכט.

— הייסט עס, אַז מ׳באַהאַלט דעם אמת איז שוין בעסער. ער איז נישט געשטאָרבן, ער איז נפטר געוואָרן, דאָס איז שוין בע־סער. מ׳האָט אים נישט באַגראָבן, מ׳האָט אים באַהאַלטן, דאָס איז שוין גוט. אָ, איר!

זלמן האָט האַסטיק פאַרויכערט.

— רויכערט איר שוין נישט אַמאָל צופיל? — האָט זי גע־פרעגט.

— איך האָב געדענקט, איר זענט איצט קיין וועכטערין, אויב אָבער איר קענט זיך נישט באַפרייען דערפון דאַן...

— גייט צו אַלדע קלאָגן, וואָס האָט איר מיך גערופן אַהער, — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל. — נישט אַזוי? נו, נו, זייט רויק. — זי האָט אָנגענומען זיין אָרעם. איך בין שוין איצט נישט מער אַ וועכטערין, אָבער איר זענט צעטראָגן היינט מער ווי אַלע מאָל, ווי עס ווייזט אויס, האָט עס אויף אייך אויך געווירקט נישט איבעריק גוט.

— ··· איז ער געשטאָרבן?

— צו וואָס רעדן דערפון?

— איר זענט געווען דערביי, ווי ער איז אויסגעגאַנגען? דער־ציילט ווי איז ער געשטאָרבן?

— צו וואָס? שוין אַזוי אויך צופיל.

— איך בין אייך מקנא, איר האָט צוגעזען, ווי אַ מענטש איז געשטאָרבן.

— מקנא!

— יאָ, אינטערעסאַנט צו זען, אינדערפרי האָט ער נאָך מסתּמא געלייענט זיין צייטונג, ער איז דאָך געשטאָרבןביים קלאָרן פאַר־שטאַנד, ניין? דערציילט, וואָס שווייגט איר?

— איך וויל דערהערן, צי פרעגט איר פשוט אויס בייגערי־קייט, אָדער אויס מורא... זאָגט דעם אמת, שאַץ, איר האָט מורא פאַרן טויט? פאַרגעסט נישט, איך פרעג דאָס נישט אַלס וועכטערין, נאָר אַלס מענטש.

— יאָ, ס׳ האָט מורא.

— טאָ פאַרוואָס־זשע פרעגט ער זיך אַזוי נאָך?

— מורא האָבן פאַר אַ וואָלף, הייסט נאָך נישט שרעקן זיך צו גיין אין וואַלד. מ׳קען מורא האָבן און דאָך נישט זיין קיין פייגלינג. איבעריקנס, ווייסט זי דעם טעם פון קראַצן אַ זיך יאַטערנדע וואונד?

— איר דאַרפט אַזוי נישט רעדן.

זלמנען האָט זיך געדאַכט, אַז ביי די ווערטער האָט זי שטאַרקער צוגעדריקט זיין אָרעם.

— ער קען נישט און טאָר זיך נישט פאַרגלייכן מיט אַן אַלשאַנסקין אָדער גינגאָלדן. יענע זענען געווען חולאים מסוכנים, ווען זיי זענען געקומען, און ער, ער האָט דאָך אַפילו קיין רעכט זיך אָנצורופן קראַנק. ער טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז ער איז יונג, ער וועט דאָ אָפּזיין אייניקע חדשים, וועט ער געזונט ווערן, אַגב, ווי לאַנג איז ער שוין דאָ? שוין צוויי חדשים! ווי די צייט לויפט. אָט געדענקט זי דעם ערשטן טאָג, ווי ער איז אָנגעקומען, דעם ערשטן קוק, וואָס ער האָט איר געגעבן, זי וועט דעם קוק, דאַכט זיך, קיינמאָל פאַרגעסן.

— וואָס האָט זי געטראַכט וועגן אים, אָבער דעם אמת, אינטערעסאַנט צו וויסן.

ווידער זיצט מען אין דעם „געסל פון די ליבהאָבער" און מ׳גייט איבער די פאַסירונגען פאַר די עטלעכע וואָכן. גערן פירןביידע דעם געשפּרעך — אָט ווי אימיגראַנטן זענען אַלע מאָל גערן צו דערציילן זייערע פאַסירונגען אויף דער רייזע קיין אַמעריקע, ווען עס קומט אָבער צו דעם היינט, ווען מ׳הייבט אָן רעדן פונם מאָרגן, כאַפּט זיך ביי זלמנען אַרויס אַ וואָרט מיט אַ טאָן פון אומענדלעכער פאַרצווייפלונג און איר אויער כאַפּט עס אויף.

— ער טאָר אַזוי נישט רעדן. ער איז צו יונג צו רעדן פון טויט, ער וועט נאָך לעבן, לעבן...

— וואָס איז דאָס? — טראַכט זלמן — אַ ליבעס־דערקלע־רונג? זי איז צו קלוג דאָס צו טון אַזוי אומגעלומפּערט, סיידן ביי־געריקייט. זי האָט דאָך, דעם ערשטן טאָג, מסתּם איבערגעלייענט דעם אַדרעס און איצט וויל זי דערגיין, אויב ער האָט ערגעץ אַ געליבטע. נאַריש מיידל, נישטאָ, נישטאָ אין ערגעץ. און אויב זי איז אַפילו דאָ, זי איז אין די צוויי האַרבסט־חדשים פאַרוועלקט געוואָרן, גע־שטאָרבן פאַר אים.

ער געשפּרעך קלעבט זיך נישט. ער זיצט האַרט לעבן איר, דאָך איז ער אַזוי ווייט פון איר. זי פילט זיין ווייטקייט, זי ווייסט, אַז ער איז איצט נישט דאָ, זי זעט אָבער נאָך זיין שווייגן, אַז די וועלט, וואו ער געפינט זיך איצט, איז נישט אַזאַ פריילעכע, און אויף אירע פאַרזוכן אים אַרויסציִען פון דאָרט, אים פאַרציִען אין אַ געשפּרעך, קריגט זי די סאַרקאַסטישע פראַגע:

— איר ווילט מיך אונטעהאַלטן, גייט עס, רעדט, אָבער בע־סער וואָלט געווען, איר זאָלט גאָרנישט זאָגן, ווען איך וועל ווידער פאַרייכערן. דאָס איז בלויז היינט רייכער איך עטוואָס מער, און אויב איר ווילט... ביטע.

ער דערלאַנגט איר דאָס פידעלע פּאַפּיראָסן, און מ׳רייכערט ביידע שווייגנדיק.

זי האָט אויף אים שטאַרק רחמנות, ווי טרויעריק ער איז, ווי אומעטיק אים איז, אָבער זי איז מאַכטלאָז קעגן זיין טיפן טרויער, קעגן זיין שווערן אומעט, פאַרקערט, זי פילט, ווי זי ווערט אויך דורכגעדרונגען מיט דעם טרויער און אומעט און זי פאַר־דריסט, פאַרוואָס זי האָט אים גערופן היינט אָוונט באַלד פאַרזינקט זי אין זיך און פילט שוין אויך נישט זיין אָנוועזנהייט. שווייגנ־

דיק זיצט מען, ביז מיט אַמאָל גיבן זיך ביידע אַ הייב אויף, און שוויגנדיק גייט מען צוריק יעדער אויף זיין פּלאַץ, בלויז ביים געזעגענען זיך דריקט ער שטאַרק איר האַנט און פילט, אַז אויך זי ענטפערט מיט אַ שטאַרקן, האַרציקן האַנט־דרוק.

X.

ווי איינצלנע טראָפּנס, וואָס האַלטן זיך ביים ברעג פון שינדל און פאַלן אַרונטער, איינער און דאַן אַ צווייטער, און ווען מ׳הערט זיך צו צו די פאַלנדע טראָפּנס, דאַכט זיך, אַז ס׳נעמט אַ שטיק צייט פון איין פאַל ביזן צווייטן, אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג פאַר זלמנען. אָבער פונקט ווי די טראָפּנס, ווען זיי פאַלן אומאויפהערלעך, לעכערן זיי דורך אפילו אַ שטיין, אַזוי האָבן די טעג געלעכערט די צייט, זיך אַריינגעשניטן אַלץ ווייטער און ווייטער. די ספירה האָט שוין זלמן לאַנג געענדיקט, ער האָט שוין נישט געציילט מער די טעג, ער האָט געציילט וואָכן און אָנגעהויבן טראַכטן פון ציילן חדשים. דער פאַרבענקטער אָקטאָבער, דער וויינענדיקער נאָוועמבער זענען שוין געוועזן הינטער אים, דער מרהשחורהדיקער דעצעמבער איז באַלד פאַרשוונדן, דער מרה־לבונהדיקער יאַנואַר האָט זיך שוין געזען.

דער שניי האָט פאַרנומען דעם רעגנס־פּלאַץ, און געפאַלן איז ער שוין אויף אַ האַרט פאַרפרוירענעם באָדן, שפּרייטנדיק אַ וועג פאַרן ווינטער־שליטן.

שוין לאַנג, לאַנג, אַז זלמן האָט נישט געזען אַן אמת׳ן ווינטער, אַן אמת׳ן שניי, וועלכער זאָל זיך אַנידערלייגן און ליגן

אַ שניי, וועלכער זאָל סקריפּען אונטער די פיס און אַרויסגעבן אַ שניידנדיקן קלאַנג פון אונטערן שאַרף פון שליטן. דאָ אין די בערג זעט ער, ווי דער ווינטער פונדעווועט זיך איין.

ער האָט געזען, ווי דאָס טייכל איז פאַרפרוירן געוואָרן. איבער נאַכט האָט עס פּאַסירט, אַ פראָסט האָט אַ קלאַפּ געטון, און דאָס טייכל, נעכטן שווער באַוועגלעך, קלאָר און לויטער, און בלוי פון קעלט, איז פאַרגליווערט געוואָרן. ער האָט געזען דאָס דינע הייטל, וואָס האָט זיך פאַרצויגן און באַמערקט די קליינע כוואַליעלעך, וועלכע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן, גייענדיק צום ברעג און פאַרגלי-ווערט געוואָרן, פאַרמ־רנדיק פעלבלעך אויף דער אויבערפלאַך.

— האָבן זיך פאַרשפּעטיקט די חברה, — האָט זלמן גע-טראַכט, — פאַרשפּעטיקט צו גיין שלאָפן.

עס האָט אויסגעזען, ווי דער פראָסט האָט געכאַפּט דאָס טייכל אין ערשטן שלאָף און אַרויפגעוואָרפן אויף דעם זיין אייזענעם צודעק. און איצט שלאָפט דאָס טייכל.

וואָס אַ טאָג איז דאָס אייז דיקער געוואָרן, אַ שפּיגל גלאַנצנ-דיק אַנטקעגן דער זון, און באַלד האָט זיך איבער דעם שפּיגל אַ ווייסער טוך פאַרצויגן. דאָס האָט דער ווינטער צוגעדעקט דאָס טייכל, זאָל זיין וואָס וואַרעמער צו שלאָפן. און נישט נאָר דאָס טייכל, אויך די בערג און טאָלן און די ביימער האָט דער שניי געגנומען באַדעקן. עס זענען זיך נאָך שוואַרצע פלעקן. די קליאַן-ביימער מיט זייער צימרינג־קאָליר שטאַרצן אַרויס ווידערשפּעניקנ-דיק דעם ווייסן שניי. אָבער ער טוט זיך זיינס, גייט אַ טאָג, ריט זיך אָפּ און גייט ווייטער. ווי אַ פאַרבער וואָלט געגאַנגען און גע-פאַרבט איין זייט פון יעדן בוים מיט גלייכע, לאַנגע, ווייסע פּאַסן, אַזוי פאַרבט דער שניי, גלייך אָפּגעצויגן, פאַרדעקנדיק דעם צימרינג-קאָליר פון קליאַן, און דעם גרויען ליימענעם קאָליר פון דער בע-רעזע, און די יונגע סאָסנעלעך, די אייביק גרינע ביימעלעך,

טײַלװײַז באַדעקט מיט שנײ, קוקן אױס אין אָװנט װי באַלױכטן מיט װײַסע עלעקטרישע לעמפּלעך. די צװײַגן, װי נאַקעטע פֿלײש־לאָזע פֿינגער, װעלכע פֿלעגן אַזױ קנאַקן בײַ יעדער מינדסטער באַװעגונג פֿון װינט, האַלטן אױף זיך דעם פּוכקן שנײ, װאָס מען האָט אױף זײ אַרױפֿגעלײגט, און האָבן מורא זיך אַ ריר צו טאָן, אַ שנײעלע זאָל נישט אַראָפּפֿאַלן. עס דאַכט זיך, אַז מען קען אָנגעמען דעם שנײ, װאָס אױף די צװײַגן בײַ אײן עק און, װי אַ שטיקל װײַסע קאָרע, אָפּשײלן. שטיל. נישט אַ װינטל.

בײַנאַכט אַ פֿראָסט, און אינדערפֿרי שײַנט אױף די זון, די טיפּמאַמע זון, װעלכע שײַנט און װאַרעמט נישט. זי פּרוּװט אַפֿילו שמעלצן דעם שנײ, און עס געלינגט איר טײלװײַז.

אָט זעט זיך אַ גרױסער טראָפּן הענגענדיק אױף אַ שפּיץ צװײַג, גרײט אַראָנטערצופֿאַלן. ער האַלט זיך אָבער נאָך און פֿינקלט אַנט־קעגן דער זון מיט אַלערלײ קאָלירן, און װען אָנגעשפּילט זיך גענוג מיט דער זון, פֿאַלט ער אַראָפּ. קערט זיך אָבער אָפּ די זון פֿונעם טראָפּן, הערט אױף צו שפּילן זיך, װערט ער פֿאַרגליװערט, נעמט אָן אַ מאַטאָװן קאָליר און ערשט אַנטקעגן דער שײַן פֿון די עלעק־טרישע לעמפּלעך אין אָװנט נעמט ער, און זײַנע מיטברידער טראָפּנס אין דעם אײז־צעמפּל, אָן דעם קאָליר פֿון קרישטאָל. קרישטאָלע־נע פֿינקלדיקע פֿינגער זענען אױף די דינע צװײַגעלעך אױפֿן בױם.

װי שײן איז דער װינטער־פֿאַרנאַכט, װען די זון זעצט זיך אױן די שײַן פֿון אירע לעצטע שטראַלן פֿאַלט אױף די מיט שנײ־באַדעקטע בערג, פֿאַרװאַנדלענדיק זײ אין אַ טײַך פֿון צעשמאָלצע־נעם זילבער, װאָס מינעט זיך און בײַט די קאָלירן אין יעדן אױגנ־בליק.

און דאָרט, װוּ דער הימל קומט זיך צוזאַמען מיט דער ערד, איז אַ ים פֿון גאָלד, און אין דעם ים פֿון גאָלד שװימען

אַרום בלויע אינזלען, בלויע אינזלען אין אַ ים פון גאָלד, ווי שיין ווי פאַנטאַסטיש דאָס זעט אויס פאַר זלמנען!

זיינע אויגן זענען געווענדט צו מערב. ער טראָגט זיך איבער אויף יענע צויבער־אינזלען, ווערט פאַרפאַלן אין די געדיכטע וועלדער, ביז ס'ווערט דאָרט שטאָק פינסטער. דאַן ערשט קערט זיך זלמן אום און גיט אַכטונג אויף „זיין" שטערן אין הימל.

אַ שטילע ליבע פירט זלמן מיט דעם שטערן. ווי איינזאַם ער איז. ער איז אַלע מאָל דער ערשטער אַרויסצוקומען. און „פאַרשפעטיקט" דער שטערן אַרויסצוקומען אויף אַ פּאָר מינוט, אָדער אַ וואָלקן פאַרשטעלט אים, איז זלמן אומרויִק, פונקט ווי ער וואָלט וואַרטן אויף זיין געליבטער.

ווי מאַיעסטעטיש ער באַוועגט זיך, מיט חשיבות, מיט ווירדע, אָן אַ זייט פון אַלע אַנדערע שטערן, און שיינט אויך ליכטיקער, זעט אויס גרעסער ווי די איבעריקע.

אויך אין יענע וועלטן זענען דאָ שטערן און שטערנדלעך.

ווי גרויס דער שטערן מוז זיין. וואָס פאַר אַ גרויסע, גרויסע וועלט, אומגעהייער, אומענדלעך; די ערד — אַ שפּילקע־קעפּעלע קעגן די אַלע וועלטן, און ער אַ פּיציִנקע באַשעפעניש׳ל אויף דעם שפּילקע־קעפּעלע, און ער מאַכט עס פון זיך אַ וועזן. ווי קליין ער איז אין פאַרגלייך מיט אָט דער גרויסער וועלט, און זיין טראָפּן ווי קען דאָך בטל ווערן ב... אָבער דער טראָפּן איז זיינער, און ווי אַ טראָפּן אייל אויף וואַסער שווימט ער אַרויף...

ליגנדיק און קוקנדיק אינדערהייך, דאַכט זיך אים, ער פילט נישט די ערד אונטער זיך, ער ״ויט צווישן הימל און ערד, זיין בעט איז אין דערלופטן, ער זעט די לבנה מיט איר נאָנט־פּנים, ווי זי שלייכט זיך, און אים דאַכט זיך, אַז זי קוקט מיט באַדויערן אויף אים, וואָס ער מוז נעבעך שטאַרבן יונגערהייט, דערפאַר אָבער אָט די דריי שטערן, וואָס גייען אַלעמאָל צוזאַמען, ווי אויך די

איבעריקע, ספּעציעל די גרעסערע פון זיי, וועלכע זען אויס ווי שפּיזן, קוקן אויף אים מיט שטעכיקע אויגן:

וואָס טוסטו נאָך דאָ?

און די הימל־בלויקייט דערציילט אים פון אַן אַנדערער וועלט, אַ ריינער, אַ שיינער, אַ שטילער, אַ נישט דאָיִקער.

„פאַרשווינדן ווערן דאָרט אין דער בלויקייט, פאַרשווינדן, נישט זיין מער".

ווי שטיל.

אַ מורא באַפאַלט אים, ער פילט זיין בעט אונטער זיך, און פריייט זיך, וואָס זיין בעט שטייט דאָך אויף אַ פעסטן באָדן. אָבער אים דאַכט זיך, אַז ער הערט, ווי די ערד פּאָדערט פון אים עפּעס, ער פילט, ווי די ערד ציט צו זיך, מאָנט איר חוב! קומסט פון מיר, באַלאַנגסט צו מיר, קום צו מיר. נישטאָ קיין אויסוועג, פון דער הייך, פון דער נידער, טויט, טויט, און דער שניי איז שוין נישט מער אַ ווייסע, ריינע וועלט, נאָר תכריכים.

טויט, טויט, טויט.

שיינע טעג, שיינע נעכט. ווי ליב ער האָט זיי. ער קען זיך נישט העלפן. ער מוז קוקן און באַוווּנדערן דעם שיינעם, ווייסן שניי. וויפיל ריינקייט אין אים. ער רופט ביי אים אַרויס די פאַרשטעלונג פון אַן אומשולדיק, צאַרט, יונג מיידעלע, און דער צימענט־שטויב וואָס איז פאַרשפּרייט אויף דעם שניי און פינקלט קעגן דער זון דאָס איז די איידעלע פאַרב אויף אירע בעקלעך, דער יונגער זאַרגלאָזער, שפּילעוודיקער שמייכל.

ער האָט אויך ליב די שיינע, ערנסטע טיף־פאַרטראַכטע ווינטער־נאַכט, ווען „השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע", ער האָט ליב די שיינקייט, זעט עס, באַוווּנדערט עס, ער קען זיך אָבער נישט העלפן, ווען, זייענדיק באַצויבערט פון דער שיינקייט,

ער ווערט מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט פון דעם געדאַנק, פון דעם וואָר
טויט.

אין דעם ווייסן שניי, אין די דימענט־שפּרינקעלעך, אין דע
בלויקייט, וואָס פּילט אָן דעם חלל צווישן איין באַרג און צווייט
אין דער לבנה, אין די שטערן, איבעראַל זעט ער, הערט ער, פּי
ער דאָס וואָרט טויט, און אַפילו די ריינע, פרישע, שאַרפע, טר
קענע לופט, וועלכע ער, פילט ער, ציט אַריין אין זיך, דאַכט זי
איז דער קאַלטער אָטעם־צוג פון טויט. אָ, ווי ער וויל פּטור ווע
פון די מחשבות, פון דעם וואָרט, ווי ער טרייבט עס פון זיך, אָבע
טאָג איין, טאָג אויס דאָסזעלבע, דאָסזעלבע, נישט צו פאַרטרייב
נישט צו פאַרגעסן. און יעדער טאָג איז אַזוי פאַרדאַמט ענלעך צו
צווייטן, יעדער הייבט אַ קינד פון נעכטן און אַ טאַטע פון מאָרגן,
אַלע דריי צורות ענלעך איינער צום צווייטן. ער פאַרגעסט, וואָ
פאַר אַ טאָג עס איז, און טרעפט די טעג לויט די מאכלים, וואָ
ער עסט.

שבת, וואָך, קיין המבדיל, קיין חול, אָבער אויך קיין קודש,
און ער בענקט אַזוי נאָך אַ קדושה, זאָל זיין ערגער, אַבי אַנדערש.

אָט קומט ניי־יאָר. וואָס איז פאַר אים ניי־יאָר. אמת, גאָרנישט,
אַ טאָג ווי אַלע טעג, און די נאַכט, די שוועל צווישן דעם אַלטן און
נייעם יאָר, איז אויך דיזעלבע ווי אַלע נעכט. וואָס פלעגט אים
דען ברענגען דאָס נייע יאָר אויסער אַ נייעם קאַלענדאַר אויף דער
וואַנט, און דאָך ווי מ׳פלעגט עס פאַרברענגען די נאַכט. אין רעש,
אין געפּילדער, מיט ווייַן און געזאַנג, דאָס בלוט האָט צירקולירט
פעסטער, ער איז לעבעדיק געווען, ער האָט געלעבט, געליטן.

ער זעט פאַר זיך ניו־יאָרק, די שטאָט, וועלכע לעבט יעדע
מינוט פון מעת־לעת, און וועלכע לעבט יענע נאַכט אין יעדער מי
נוט לעבנספול.

ער זעט פאַר זיך די שטראָמען מענטשן, וועלכע ציִען זיך ...יף דעם ווייסן וועג. אַ ים פון ליכט, קינסטלעכע ליכט, אָבער ווער ...ענקט עס דאַן וועגן קינסטלעך און נאַטירלעך. די „נאַטירלעכע״ לבנה מעג זיך דאָך שעמען קעגן דער עלעקטרישער באַלייכטונג. אַ ים פון ליכט, און מאַסן מענטשן באָדן זיך דערין. און ווען דאָס ליכט בלענדט צו שטאַרק, געפינט מען אַ מקום מקלט אין אַ קאַפע. אין אַ שיינעם רעסטאָראַן, וואו מ׳טרעט אויף טעפּיכער מיט ווייכע שטילע טריט, וואו מ׳ווערט באַרוישט פון דעם טונקל־רויטן ליכט און פאַרשיכּורט פון ווייַן, ווייב און געזאַנג.

אַזוי פיל מענטשן, פריילעכע, צופרידענע, זאָרגלאָזע, מ׳טרינקט ביז צום שיכּרות און מ׳באַגעגנט דאָס נייע יאָר במחולות ותופים, בשופרות והצוצרות. דאָס איז משוגע, ווילד, היינט דער מאָרגן? אָבער ס׳איז דאָך אַזוי באַרוישנד, אַזוי גוט. ווי גערן ער וואָלט באַרוישט היי־יאָר ווי פאַראַיאָרן. פאַראַיאָרן, די נאַכט, פלאָראַ... און היי־יאָר וועט ער פאַרברענגען, ליגנדיק אויפן בעט, און קוקן אין פוסטן רוים.

און זי?

וועט זי פאַרברענגען ווי פאַראַיאָרן?

מיט וועמען?

וואָס איז דער אונטערשיד?

ער וועט ליגן דאָ. ניין, ער וועט דאָ נישט זיין, די נאַכט פון ניי־יאָר מוז ער פאַרברענגען אויסער דער קראַנקן־וועלט. דאָס איז מעגלעך זיין לעצטע ניי־יאָר נאַכט, ער מוז די נאַכט זיין אויף דער פריי. זאָל עס זיין אַבערגלויבן. ער פילט אָבער, אַז זאָל ער די נאַכט פאַרבלייבן דאָ, וועט מיט אים עטוואָס שלעכטס פאַסירן.

אַרויס פונדאַנען!

און וואָס נעענטער די נאַכט רוקט זיך אָן, אַלץ שטאַרקער

ווערט דאָס געפיל. קיין ניו-יאָרק איז אים נישט דערלויבט צו פאָרן. ער איז געווען נאָריש צו בעטן אַ דערלויבעניש, אָבער אין דערבייזיקן שטעטל קען ער פאָרן, ער וועט שוין נישט זיין אַזוי נאָריש צו פרעגן דעם דאָקטאָר. הו—ף, די דאָקטוירים, ווי ער האָסט זיי. זיי קענען גאָרנישט פאַרשטיין, אַז אויסער לונגען האָט אַ מענטש אויך אַ קאָפּ, אַ האַרץ, אַ ווילן, אַ פאַרלאַנג.

אַרויס, אַרויס פונדאַנען, פון דער קראַנקן-וועלט אויף דער איינער נאַכט. און דאָס, וואָס ער דאַרף זיך אַרויסגנבענען, מאַכט אים נאָך פילן דעם טעם פון זיין חירות-נאַכט נאָך געשמאַקער.

זלמן איז אַזוי איבערוועלטיקט פון זיין איצטיקער אידעע-פיקס, דאָס ער מוז עס עמעצן פאַרטרויען, און זעענדיק זיך מיט דער וו־ו־טערין, גיט ער איר איבער זיין באַשלוס, און אויף דער פראַגע, צי ער האָט די דערלויבעניש פון דאָקטאָר דאַרויף, ענטפערט ער גאַנץ רו־ק, אַז יאָ. מער נישט, האָט אים געבעטן, ער זאָל עס און בשתיקה, עס זאָל נישט זיין קיין פרעצעדענט פאַר אַנדערע פאַציענטן: מ׳מוז דאָך אויפהאַלטן דעם דאָקטאָרס אויטאָריטעט. זי וועט אים העלפן דאָס דורכפירן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט וויסן. ער טראַכט זיך אַריין אינם טאָן פון זיינע רייד: צי האָט ער זיך חלילה נישט אַרויסגעגעבן, אפשר האָט זי געכאַפּט אַ פאַלשן טאָן, און זי צווייפלט אינם אמת פון זיין... ליגן. הערנ-דיק אָבער, ווי זי איז אויך באַגייסטערט פון דעם פּלאַן, ווי זי רופט אויס: „מיר וועלן דאָס שטעטל רויט פאַרבן!״ טראַכט ער זיך: „בראַוואָ, זלמן, ביסט אַן אויסגעצייכנטער ליגנער״, און ער רעדט ווייטער וועגן דער נאַכט.

— ער ווייסט נישט, וואָס מ׳קען טאָן אין אַזאַ שטעטל, אָבער... בענקט זי נישט נאָך ניו-יאָרק?

— אַ, די נאַכט אין ניו-יאָרק!

לעבן זאָל ניו־יאָרק, זענען ביידע איינשטיטי׳, אָבער, ז
קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער. זיי וועלן אָבער זען די
נאַכט זאָל זיין אַ גאַלאַ־נאַכט, און ביידע נעמען זיך גרייטן פאַר
דער קומענדער, גרויסער נאַכט.

XI.

●

אָנגעהויבן האָט זיך די נאַכט זייער פרייליך.

אַריינזעצנדיק זיך אין שליטן, וואָס האָט זיי ביידע באַדאַרפט אַרויספירן פון דער קראַנקן-וועלט, האָט זלמן איבערגעלעבט דעם זעלבן געפיל, וואָס ער פלעגט האָבן ענדע זמן, ווען ער פלעג פריי ווערן פון חדר און האָט שוין נישט מער געדאַרפט גיין צום זעלבן רבין, דער סימן מובהק, אַז ער האָט שוין מער קיין מורא פאַרן רבין, איז געווען: שעלטן דעם רבין אין טאַטן אַריין, און איצט, הגם ער האָט נאָך באַדאַרפט ווידער קומען אין חדר צום זעלבן רבי, האָט ער דאָך זיך באַדאַרפט איינהאַלטן נישט אויסצושרייען:

„דאָקטאָר, מען פייפט אויף דיר, מיר זענען פריי".

קומענדיק אין שטעטל, דערזעענדיק די איינציקע שוואַך באַלויכטענע גאַס און זעלטענע דורכגייער, איז זיין פרייליכקייט וואָס געזעצט געוואָרן, דאָך נעמט ער די וועכטערן אונטער אָרעם:

— לאָמיר זיך קודם אַ ביסל דורכשפּאַצירן אויף „בראָדוויי"

שפּאַצירט מען אויף „בראָדוויי", מען שפּאַסט, און מען לאַכט, זעענדיק אויף דער „מעין-סטריט" אַלץ, וואָס מען קען זען אויף־

ראַדווייִ. און ווען די גאַס איז איבערגעגאַנגען הין און צוריק, גייט מען אַריין אין אַ „קאַפע". דאָרט באַשטעלט זלמן אַזעלכע טייערע מאכלים ווי „פראַנקפורטלעך", געררייכערט, געפעפערט פלייש, זויערע שטאַרק זויערע אוגערקעס, פעפערלעך, דער עיקר שאַרף, עס זאָל בייסן אין צונג, און אַריינרוימענדיק דעם רעסטאָראַטאָר אַ סוד אין אויער, באַווייזט זיך אויפן טישל אַ פלאַש ווײַן.

זי קוקט, ווי ער קוועלט אָן פון די מאכלים און ווערט אויך אָנגעשטעקט פון זיין פריילעכקייט, קריגט אויך אַפעטיט צו די זעלטענע מאכלים, וועלכע זי האָט שוין לאַנג נישט פאַרזוכט, און פון אַ גלעזל ווײַן זאָגט זי זיך אויך נישט אָפ.

קלאַפט מען גלאָז אין גלאָז, מ׳טרינקט פאַר דער באַקענטשאַפט, פאַר דעם קומענדיקן נייעם יאָר. ווען זי טרינקט פאַר זיין געזונט, מאַכט ער אַ באַוועגונג מיט דער האַנט:

— נישט רעדט דערפון איצט, איצט איז ער אַ בן חורין, ער איז נישט קראַנק און וויל נישט וויסן פון קיין געזונט־טאָאַסטן.

טרינקענדיק, פילט ער ווי אַן אומעט קלויבט זיך אַרויף אויף זיינע פלייצעס, דריקט און פרעסט, זיין קאָפ איז געבויגן און ער קוקט מער אין גלאָז ווי אויף זיין מיטטרינקערין. דער פאַראיאָרן שטעלט זיך צווישן אים און איר, און ער קען זי מער נישט זען, ער וויל די נאַכט נישט טראַכטן, ער וויל בלויז איין נאַכט פריילעך זיין, און אויב ער קען דאָס נישט זיין דאָ, זיצנדיק ווי־זאַ־ווי מיט אסתרן, טרינקענדיק ווײַן, וועט ער גיין מיט איר צווישן מענטשן.

ער טרייסלט פון זיך אַראָפ דעם אומעט, הייבט ער אויף דעם קאָפ און מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט זאָגט ער:

— דער אָנהייב איז גאָרנישט שלעכט, ווײַן איז דאָ, ווייב אויך — נו, זי מוז עס נישט נעמען אין אַ שלעכטן זין — און איצט איז געזאַנג. מ׳דאַרף גיין אין „היפאָדראָם" זען די „פאָריבערגייענדיקע פאָרשטעלונג", נישט אַזוי? געוויס. און מ׳גייט אַריין אין דעם

איינציקן ביליקן וואָדעוויל־הויז, וווּ מ'צייגט אויך לעבעדיקע בילדער.

זיצט ער זייט בײַ זייט מיט אסתרן, קוקט אויף דער בינע, זעט דאָרט ווי אַ יונגער בחור אין אַ בלוי רעקל און ווײַסע הויזן פּאַדעט אַרום אַ מיידל, קנאַקט זייער שאַרפֿע וויצן, זינגט שרעקלעך זיסע לידלעך, און אַ ביטערער שמייכל שפּילט אויף זלמנס ליפּן. ער וואָלט אָנגענומען אסתרן ביים אָרעם און גלייך שוין אַרויסגעגאַנגען פֿון דאַנען, אָבער אפשר געפֿעלט דאָס איר. ער קוקט אויף איר, פּרוּווט דערגיין, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק די „פֿאָרשטעלונג“ מאַכט אויף איר, און זעט, זי זיצט מיט דער גלייכגילטיקער מינע פֿון „וואָס גייט עס מיך אָן“.

פֿונדעסטוועגן, זיצן נאָך אַביסל, טראַכט זלמן.

זיצט ער, קוקט זיך איין און הערט זיך צו צו די געלעכטערס, און אַ שנאה דערוועקט זיך אין אים צו די לאַכנדיקע.

— הירזשען ווי פֿערד, אַמוזירן זיך — און אַזוי פֿאַרדאַמט הייס. אָט האָט איינער לאַכנדיק זיך פֿאַרהוסט. זלמן טוט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער, קוקט זיך אַרום זען, פֿונוואַנען דער הוסט קומט, און נישט זעענדיק, בלייבט ער ווידער זיצן, אָבער פֿונקט שפּילקעס וואָלטן געווען אויפֿן זיץ. ער דרייט זיך אַהין און אַהער, ביז אסתר באַמערקט עס.

זי פֿאַרקוקט אים אין די אויגן.

— דענקט ער נישט, אַז ס'איז שוין גענוג געזעסן דאָ. ער וויל אַרויסגיין?

הונדערט יאָר זאָל זי לעבן. אַ חכמה אַ מיידל. זי איז גערעכט, — אַרויסגיין.

— או—הוף! — ציט ער אָפּ דעם אָטעם, ווען זיי זענען אינדרויסן. אַ קליין שיטער שנייעלע האָט זיך געטראָגן אינדערלופֿטן. אַזוינע קליינע, שיינע, ווײַסע פֿליטערלעך, בלימעלעך, וועלכע פֿינקלען אַזוי שיין אַנטקעגן דער שייַן פֿון די עלעקטרישע לאָמפּן. און

פאָרט פאַרביי אַן אויטאָמאָביל, אַזוי זעט זיך אַנטקעגן דער שיין פון רעפלעקטאָר אַ זייל דימענט-שטויב, אַ שניי-בויגן.

זלמנען כאַפּט אַרום אַ שטיפערישע שטימונג צו כאַפּן די שנייעלעך, וואָס טראָגן זיך אינדערלופטן. אַ שניי-פליטערל פאַלט אויף זיין וויִע ביים ווינקל פון אויג.

זעסט אַ ווייסער חברהניק! האָט שוין קיין אַנדער אָרט נישט געפונען, ווי ביי מיר אויפן אויג. ווי שיין עס איז! און אין אַזאַ אָוונט זיצן אין אַ נאַרישן וואָדעוויל-הויז און זיך צוהערן צו די קלוגע וואָדעוויל-חכמות, אָט נאַראָנים.

— נו, נו, ס׳מאַכט נישט, — ענטפערט די ווערטערין מיט אַ שמייכל, — מ׳האָט דאָך געמוזט זען די פאָריבערגייענדיקע פאָר-שטעלונג. און איצט, און איצט האָט זי אַ פּלאַן, אַ גוטן פּלאַן. נע-מען דאָס שליטעלע און פאָרן, סתם פאָרן. די נאַכט איז נאָך גרויס, ס׳איז אַזוי שיין, אַ שנייעלע פאַלט...

— אַ געניאַלע אידעע, — כאַפּט זיך אָן זלמן, -- ווי ער איז אַ ייִד. אַ שליטל, אַ שליטל! הונדערט יאָר זאָל זי לעבן. אַי, גוט, פיין! — און נישט אַכטנדיק, וואָס מ׳שטייט ביי׳ע אין גאַס, נעמט ער זי מיט איין אָרעם אַרום ביים אַקסל, אַזוי אַרום אויסדריקנדיק זיין דאַנקבאַרקייט פאַר איר געניאַלער אידעע.

פריילעך קלינגען די גלעקלעך, לייכט גליטשט זיך דאָס שלי-טעלע אויף דעם גלאַטן איינגעפאָרענעם וועג, און דער וועג, דאַכט זיך, איז אַן אומענדלעכער.

מ׳איז שוין אַרויסגעפאָרן פון שטעטל.

פאַר זייערע אויגן שפּרייט זיך אַ גרויסע, אומענדלעכע ווייסע וועלט. אָט זעט זיך פונווייטנס אַ הויכער ווייסער באַרג, בלויז עטלעכע סאָסנעלעך, די אייביק-גרינעביימעלעך טיילן זיך אויס אין דער ווייסקייט, און זלמנען דאַכט זיך, אַז דאָרט שטייט אַ מאַרמאָרנער ווייסער פּאַלאַץ, אין וועלכן אַלע ליכט זענען אויסגעלאָשן, דערפאַר

קוקן די שויבן — די יונגע סאָסנעלעך — אויס אַזוי שוואַרץ. דער וועג ציט זיך אין אַ זייט פון באַרג, און זלמנען טוט באַנג, וואָס מען מיידט אויס אַזאַ שיינעם פּאַלאַץ, אָבער ער טרייסט זיך דערמיט, וואָס אָט באַלד פאָרן מיר אַריין אין וועלדל.

דאָס וועלדל קוקט אויס פונוויטן ווי אַ טונקעלע שוואַרצע וואַנט, וועלכע וויל פונאַנדערטיילן די ווייסע וועלט, אָבער אָט זענען זיי שוין ביים וועלדל, מען זעט שוין די ביימער אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן, און זיי זען אויס ווי שיטערע אַש-קאָליר-האָר אויף אַ פּליכעוואַטן ווייסן קאָפּ. דערפאַר אָבער דער וועג צווישן די צוויי שורות ביימער איז אַזאַ גוטער, עס פאָרט זיך אַזוי היימלעך, און די גלעקלעך קלינגען אַזוי פריילעך.

— ווי גוט דאָ איז, — זאָגט די ועכטערין, און ער שטימט איין: — דאָס איז וואונדערבאַר, אַן אמת רוסישע, פּראַסטיקע נאַכט, זי קען דאָך רוסישע לידער, זאָל זי זינגען עפּעס.

זי לאָזט זיך נישט בעטן און פאַנגט אָן מיט אַ ברייטן טאָן:

אידאַ, דריידל, אַ שניי אַ ווייכ.ר,
אַ נאַכט אַ פּראָסטיקע זיך שפּרייט,
לייכט די לבנה, אַ זילבער בלייכע,
טראָגט זיך אַ פּאָרל זאַלבערצווייט...

— ניין, נישט דאָס לידל, — טראַכט זלמן איינהערנדיק זיך אין איר זינגען און אונטערברומענדיק דעם מאָטיוו. דאָס איז פאַר אים צו פאַרשייט, צו ברייט, ספּעציעל איצט, ווען די אומענדלעכע ווייסע וועלט האָט בײַ אים אַרויסגערופן אַזוי פיל בענקשאַפט, און דאָס קליינע וועלדל האָט דער בענקשאַפט צוגעגעבן אַ ביסל אומעט אויך.

— קען זי זינגען „נאַכט" פון פּאַלאַנסקי—טשאַיקאָווסקי?

— נישט נאָר זי קען עס, נאָר זי האָט ליב דאָס ליד. —

און מיט אַ גאַנץ אַנדערן טאָן, אַ מער אויפריכטיקן און פאַרבענקטן, פאַרציט זי זיך:

צוליב וואָס האָב איך דיך ליב, דו ליכטיקע נאַכט?...

פול מיט בענקעניש איז איר זינגען, און זלמן ברומט אונ־טער, פריער שטילערהייט, אָבער באַלד הייבט ער אָן זינגען מיט אַ פולער שטימע, זינגט מיט האַרץ, און ווען דאָס זינגען איז גע־ענדיקט, בלייבט ער זיצן האַלטנדיק די לייצעס אין איין האַנט, נישט פילנדיק, אויב ער טרייבט אַ פערד אין שליטל, נישט פילנ־דיק דאָס מיידל ביי זיין זייט.

ווי שיין, מיט וויפיל געפיל פלעגט פלאָרא זינגען דאָס ליד!

זיצט זי איצט ביים פענסטער, קוקט דער שיינער נאַכט אין די אויגן און זינגט שטיל דאָס ליד, אָדער זי דרייט זיך איצט אינם ווירבל פון דער נאַכט־פריילעכקייט, די נאַכט פון ניי־יאָר?

ווידער שטעלט זיך דער פאַראיאָרן אין וועג און לאָזט נישט זלמנען זען גאָרנישט. ערשט ווען דער שליטן טוט זיך אַ דריי, שיער נישט איבערקערנדיק זיי, כאַפּט ער זיך אויף, הערט, ווי די וועכטערין הייסט אים זיין פאָרזיכטיק, און גיט אַ צי מיט אַמאָל די לייצעס, טרייבט דאָס פערד, און ווען דאָס פערד, דאַכט זיך אים, גייט נישט שנעל גענוג, שטעלט ער זיך אויף און שמייסט דאָס פערד.

שנעלער, שנעלער, זאָל עס פאָרן:

ווי אַ ווינט זאָל עס זיך טראָגן, און אַ זאַווערוכע זאָל ווער, עס זאָל ווייען און דרייען, מען זאָל נישט זען, וואוהין צו פאָרן, און ער זאָל אַזוי שטיין אין שליטן און זיך טראָגן אין דער ווייטער ברייטער וועלט, זיך טראָגן ביז ער וועט פאַרשווינדן ווערן אָט אַזוי מיטן שליטן, מיטן פערד, נישט בלייבן.

— פאַרזיכטיק, שאַ. וואָס טרייבט ער אַזוי שטאַרק, מען וועט זיך דאָך איבערקערן, זאָל ער זיך אַנידערזעצן.

וואָס וויל זי פון אים האָבן? ווער איז זי? דערלאַנגען אַ שטויס מיטן עלנבויגן, זי אַראָפּוואַרפן פון שליטן, און ווען זי וועט זיך נאָך האַלטן אין קייקלען איבערן שניי, זיך שוין טראָגן ווייט אַוועק מיט אַ ווילדן געלעכטער, איבערלאָזנדיק אַ שניי-שטויב אויף אַן עכאָ נאָך זיך.

אים ווילט זיך איצט אויספלאַצן אין אַ ווילדן געלעכטער, לאַכן דער נאַכט אין פּנים אַריין, אָבער די וועכטערין זעצט אים אַנידער, נעמט אַרויס די לייצעס פון זיינע הענט.

— זי וועט אַביסל טרייבן.

פּאַמעלעך גייט דאָס פערד אַרויף אַ באַרג, אַרויסגעבנדיק אַן אָפּגעריסענעם גלעקל-קלאַנג, און זי, זעענדיק דאָס פערד גייט באַרג אַרויף, לאָזט נאָך די לייצעס און מאָסטעט זיך בעסער איין אין שליטן.

זלמן פילט ווי איר פוס וואַרעמט זיינעם, און אַ קוק טוענדיק פון דער זייט אויף איר, כאַפּט אים אָן אַ ווילדער פאַרלאַנג, זיך אַרויפוואַרפן אויף איר דאָ אין שליטל, זי דערשטיקן...

דאָס פערד איז אַרויף דעם באַרג. פאַר זיי שפּרייט זיך איצט אַ ברייט, ווייס פעלד, און אַ שנייעלע קוים זעבאַר שפּרייט זיך.

— ווי גוט דאָ איז!

— ווי שטיל דאָ איז!

מ׳שטעלט אָפּ דאָס פערד, מ׳הערט נישט מער דאָס געקלאַנג פון די גלעקלעך, שטיל, אַז מ׳הערט, ווי דער שניי פאַלט.

— אַראָפּגיין אַביסל.

מ׳גייט אַראָפּ און מ׳שטייט ביידע, און מען קוקט אין דער הייך, אין דער ברייט.

— ווי שטיל דאָ איז.

— הז־אַ! — שרייט אויס די וועכטערין, און דער קלאַנג טראָגט זיך, קייקלט זיך אין דער ווייט. — העל־לאַ! — שרייט זי ווידער אויס, און מ'הערט זיך ביידע צו צום קלאַנג, און באַלד רופן זיי ביידע, זייערע שטימען טראָגן זיך, און ווען דער ווידערקלאַנג הערט זיך נישט מער, קוקן זיי זיך אָן און צעלאַכן זיך. זיי ווערן אָנגעשטעקט מיט פריילעכקייט און שטיפערייען.

— אַ מענטש מאַכן, אַ מענטש, מאַכן אַ מענטש! — שרייט זלמן באַפּעלעריש.

זי מוז זיך אויסציִען אין דער פולער לענג, הענט און פיס אויסגעצויגן גלייך, און מאַכן אַ מענטש. — וויל זי נישט — פּרוווט ער זי אומוואַרפן, אַנידערלייגן, לאָזט זי זיך נישט, רייסט זי זיך אַרויס און לאָזט זיך לויפן פריִער איבערן וועג, און פילנדיק, אַז ער איז שוין נאָנט, קירעוועט זי אָפּ אין אַ זייט, אין טיפן שניי.

ער וועט זי כאַפּן. זאָל זי זיך בעסער אָפּשטעלן, ווייל כאַפּט ער זי, רייבט אירן אָן דאָס פּנים מיט שניי.

אָבער זי לאַכט און לויפט ווייטער, ביז זי פאַלט.

— אַהאַ, געפּאַקט! — ער וואַרפט זיך אויף איר, אָבער זי לאָזט זיך נישט אויסציִען פלאַך, און מ'קאַטשעט זיך אין שניי אַראָפּ און אַרויף. זיי זענען שוין ביידע ווייס, מ'אָטעמט ביידע שווער, און ער זיגט: די שפּיץ פינגער איינגעשפּאַרט אין שניי, דריקט ער מיט די קני אירע זייטן און מיט די הענט באַצווינגט ער אירע הענט, גלייכט זיי אויס, אָט ליגט זי שוין פלאַך. אָבער אויסציִענדיק אירע הענט אינם שניי, פאַלט ער צו מיט זיין פּנים צו אירן. ער פילט איר וואַרעמען אָטעם אויף זיינע פאַרפלאַמטע אָנגעפרוירענע באַקן זיינע ליפּן רירן אָן איר פּנים, זוכן אירע ליפּן. זי ווערט זיך דריי־ענדיק מיטן קאָפּ. ער „כאַפּט" אירע ליפּן, זי גיט נאָך, ענטפערט אויפן קוש, נעמט אַרום זיין נאַקן, פּרעסט אים צו זיך. דאָס פּערד

האָט אַ פּריכע געטאָן, זיך אַ צאַפּל געטאָן, און די גלעקלעך האָבן זיך געלאָזט הערן. ביידע זענען אויפגעשפּרונגען.

זי נעמט זיך אָפּטרייסלען דעם שניי. ער שטעלט זי צו, קלאַפּט אָפּ דעם שניי פון אירע קליידער, גיט אַ טרייסל זיין ראָק, רייניקט אָפּ דאָס היטל, און מ׳זעצט זיך ווידער אַריין אין שליטן.

שטיל, בלויז די גלעקלעך רירן אָן די שטילקייט, דאָס שנייעלע האָט אויפגעהערט, די וואָלקנס הייבן זיך אָן צעזייען, און אַ פולע רונדע, רויטלעכע לבנה באַווייזט זיך.

— ס׳מוז שוין זיין שפּעט.

— שוין באַלד צוועלף.

— וואו זענען מיר?

— באַלד מוז זיין אַ שטעטל.

— זלמן, נעמט די לייצעס אין די הענט.

— פּאָר, פערדל. פּאָר שנעלער, דאָס אַלטע יאָר אַנטלויפט, און דאָס נייע יאָר מוז מען באַגעגענען.

דאָס פערד לויפט מיט אַ שנעלן רעגלמעסיקן טריט, די גלעקלעך קלינגען. אָבער זלמן הערט גישט מער קיין פריילעכקייט אין דעם קלאַנג. איינגעגנורעט אין זיין ראָק זיצט ער, האַלטנדיק באַכלעסיק די לייצעס, און פון צייט צו צייט גיט ער אַ ציטער אויף מיטן גאַנצן קערפּער.

— אים איז קאַלט? — פרעגט זי פּאַרזאָרגט.

— ניין, בלויז אַ ציטער לויפט דורך.

— אָט זען זיך שוין פייערלעך. דאָס מוז זיין מאַנטיסילאָ.

זיי וועלן אַריינגיין, אויסטרינקען עטוואָס וואַרעמעס.

די „קאַפע״ פון שטעטל איז העל באַלויכטן. מענער, פרויען זיצן בײַ טישלעך. מ׳עסט, מ׳טרינקט, מ׳לאַכט, און פּאָרלעך טראָגן זיך אין טאַנץ צו דער מוזיק פון אַ שפּיל־קאַסטן, וועלכער בריליצט אָבי נאָר מ׳וואַרפט אַריין פינף סענט, און נאָך איידער

איין פינפסענטיקער איז אויסגעשפילט, וואַרפט שוין א „קאַוואַליער־אריין אַ צווייטן.

זלמן טרינקט זיין הייסע קאַווע, רייכערט צווישן איין זיפּ און צווייטן, קוקט אויף די טאַנצנדיקע, אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף זיינע ליפּן און פאַרשוואונדט, ער שווייגט.

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט?

— איך הער זיך צו צו דער מוזיק, מיט וועלכער מען באַגעגנט דאָס נייע יאָר.

— נו, נו, נישט אַזוי סאַרקאַסטיש. זעט ער, ווי די מענטשן טאַנצן אַזוי געשמאַק, זעט ער דאָרט דאָס פּאָרל, דאָס מיידל מיטן קורצן קליידל און איר קאַוואַליער, ווי זיי אַמוזירן זיך?

— אפשר וואָלטן זיי אויך געגאַנגען טאַנצן?

— און פאַרוואָס נישט? די צרה איז, וואָס זי קען נישט, און ער, מן הסתם, אויך נישט, אָבער ווייטער איז גאַנץ פריילעך.

— וואויל איז צו די פריילעכע און צו די צופרידענע. — און ער, נאָר ער איז אומעטיק און אומצופרידן. לעבעדיקער, פריילעכער!

ער גיט אַ קוק אויף איר און לאָזט באַלד אַראָפּ דעם קאָפּ. פריילעכער, לעבעדיקער! אַך, ווי ער וואָלט עס איצט געוואָלט זיין, ד׳יין שיכור. נישט צו פילן גאָרנישט, צו קענען טאַנצן אונטער דער מוזיק. אָבער, פאַרדאַמט זאָל עס ווערן! ער איז ניכטער און טרינקט איצט קאַווע, און אַנטקעגן אים זיצט אַ מיידל. אַ וואויל ליב מיידל, וועלכע וויל אים זען אַ פריילעכן, וויל אויך פריילעך זיין, אָבער זיי פריילעך, ווען מען קען נישט.

ער פילט זיך שולדיק קעגן דעם מיידל פאַר זיין פאַראומערטן קוק.

פאַרוואָס האָט ער זיך נישט באַהאַלטן די נאַכט, צו זיין אַליין מיט זיין טרויער, און איז ער מיט איר, פאַרוואָס זאָל ער

נישט קענען פאַרטרייבן פון פאַר זיינע אויגן דעם פאַראַיאָרן, פלאַראַן? וואָס וויל זי פון אים האָבן? וואָרום שטעלט זי זיך אין וועג, פאַרוואָס אַלעמאָל, ווען ער גיט אַ קוק אויף אסתרן, דערזעט ער פלאַראַן? האָט ער זיך מיט איר נישט געזעגנט? וואָס וויל זי פון אים?

— מ׳וועט פאָרן צוריק, — זאָגט זלמן אַרויס, — נישט אין סאַנאַטאָריום. די נאַכט איז נאָך נישט געענדיקט, ער מוז זי ענדיקן אויף דער פריי. אַלץ איינס פאַרזינדיקט. מ׳פאָרט צוריק אין שטעטל, און מ׳גייט אין אַ האָטעל.

— איין צימער? פרעגט דער קלערק, און זלמנען דאַכט זיך, אַז דער בחור האָט, זעענדיק די צוויי יונגע חברה אָן באַגאַזש, שטייענדיק ווי פאַרווירטע, אַ שמייכל געטאָן.

זלמן זאָגט דאַרום שנעל אַרויס:

— צוויי צימערן, — און ווי ווילנדיק פאַריכטן זיין טעות, גיט ער שנעל צו: איינס לעבן צווייטן.

גייענדיק צו די צימערן, טראַכט זלמן:

„סאַראַ נאַרישע נאַכט, ווי נאַריש, גאָט, ווי נאַריש.״

ער שפּאַנט אום איבער זיין צימער. דער זייגער איז שוין נאָך צוויי, ער פילט, אַז אסתר אין צווייטן צימער שלאָפט אויך נישט, ער פילט, ווי אַריינצוגיין צו איר, איינגורען זיין קאָפּ אין איר בוזעם, זיך אויסוויינען, אים וואָלט גרינגער געוואָרן, אָבער ער קען דאָס נישט, וואָלט ער איצט כאָטש שיכור געווען און בעקענט אַריינגיין, ווי אַ כאַם זיך אַריינרייסן, זי אוועקוואַלגערן אויפן בעט... ער קען נישט, ער קען נישט. וואָלט ער אַפילו געוואָלט, קען ער זי נישט באַליידיקן, און ער וויל עס נישט. וואָלט עמעצער, וואָלט פלאַראַ זיי געזען אַריינגיין אין אַ האָטעל צוזאַמען — וואָס וואָלט זי געדענקט? ער איז מיט אַזאַ ליב מיידל אונטער איין דאַך, אָבער זו טוי זו, וזו בוי זו. אַזוי איז עס.

ער שפּאַנט אום איבערן צימער, ביז ער דערפילט אַ מידקייט. ער וואַרפט זיך אַריין אין לענשטיל.

שטיל.

ער הערט זיך צו, וואָס עס טוט זיך אין צווייטן צימער.

שטיל. שלאָפט זי?

ער פילט, ווי די וואַרעמקייט צעגעמט זיינע גלידער, ער זינקט, זינקט ערגעץ טיף, זיינע אַלע אברים לאָזן זיך אָפּ.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט אים אויפגעוועקט. אַ דערשראָקענער איז ער אויפגעשפּרונגען, צו צו דער טיר.

— גוט מאָרגן, —האָט ער דערהערט, און דערזען אסתּרן.

— גוט מאָרגן, — און ער רייבט די אויגן. איז ער געשלאָפן? זיין בעט איז דאָך אָבער — ער איז געשלאָפן זיצנדיק. און איצט ווי שפּעט איז? שוין נאָך זעקס, ער מוז שוין פאָרן, ער מוז זיין צום אָנבייסן אין סאַנאַטאָריום, זי דאַרף אויך זיין זיבן ביי דער אַרבייט. אַז זי געשלאָפן? אַביסל? ער זעט אירע פאַררויטלטע אויגן, איר אויסגעמאַטערט געזיכט, ער דערפילט זיך אַזוי שולדיק קעגן איר, און קוקט אויף איר מיט אַ שולדיקן בעטענדן קוק.

זי נעמט אָן זיין האַנט, דריקט זי שטאַרק:

— מאַכט עס שנעלער, מיר דאַרפן פאָרן.

— יאָ, יאָ, מ'דאַרף פאָרן. — און איילנדיק פאַרלאָזן זיי דעם פּלאַץ, וועלכער איז געווען אַן עדות צו דער ענדע פון אַן אומעטיקער, טרויעריקער נאַכט.

שווייגנדיק פאָרט מען צוריק אין דער קראַנקן-וועלט.

XII.

אַ קראַנקער איז זלמן צוריקגעקומען אין דער קראַנקן-וועלט. ער האָט עס נישט געוואוסט, ער האָט בלויז געפילט, ווי די ביינער ברעכן אים, אין ברוסט ריזלט זיך עפּעס, אין האַלז קיצלט, דער קאָפּ ברענט, און אין די אויגן שניידט, פּונקט ווי זאַמד וואָלט דאָרט געווען אָנגעשאָטן.

זיך אויסשלאָפן, גוט אויסשלאָפן זיך, אויסרוען זיך.

און ער טראַכט, אַז גלייך נאָכן אָנבייסן וועט ער זיך לייגן שלאָפן, און דער שלאָף וועט אָפּווישן די אומעטיקע, אַזוי נישט געלונגענע נאַכט. אָבער אָנשטאָט צו גיין זיך לייגן שלאָפן, מוז ער גיין צום דאָקטאָר אין קאַבינעט, קיין פאַרבאָרגענעס איז נישטאָ אין דער קראַנקן-וועלט, וועגט האָבן אויערן, זיין לײדיק בעט האָט א מויל. און פון זיין אָפּוועזנהייט די נאַכט ווייסט שוין דער דאָק-טאָר.

ווי אַ חדר-יונגל פאַרן רבין שטייט ער פאַרן דאָקטאָר, הערט זיך צו צו דער נאָטאַציע, וואָס יענער לייענט פאַר אים, און זיין געפיל פון זעלבסטווערט ליידט.

— אָט אַזוי, זלמן, אָט אַזוי, ווען דו ווילסט מאַכן אַ טריט, מוזסטו בעטן דערלויבעניש.

און דער דאָקטאָר רעדט און רעדט. זלמן הערט אים נישט. ער טראַכט בלויז:

גיכער, גיכער זאָל זיך דאָס ענדיקן.

שלאָפן, שלאָפן.

ער פילט, ווי זיינע פיס ברעכן זיך אונטער, און ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף א שטול.

— ווייסט ער נישט, אַז ער איז אַ קראַנקער מאַן?

אויף זלמנס פנים באַווייזט זיך אַ קרומער ווייטיקלעכער שמייכל.

— ער ווייסט, ער ווייסט עס צו גוט, ער ווייסט עס יעדן טאָג, יעדע מינוט פון טאָג, און אויב ער האָט אי'ן נאַכט געוואָלט זיך פאַרגעסן, דערמאַנט מען אים איצט. צוואָס עס דערמאַנען אים?

— זעט ער דאָך, ער האָט געוואוסט, און דאָך געטאָן עט-וואָס, וואָס קען שאַדן צו זיין געזונט. וואָס האָט ער געטאָן די נאַכט, איז ער געווען אַליין?

זלמן הייבט אויף די אויגן, זיינע אויערן פאַרשפּיצן זיך.

— אַליין, געוויס, — ענטפערט ער אָפּגעהאַקט, — געוויס אַליין, וואָרום פרעגט ער?

דער דאָקטאָר קוקט אויף אים מיט אַ לאַנגן דורכדרינגענדן קוק. זלמן איז געצוואונגען אַרונטערצולאָזן די אויגן.

— נישט אומזיסט זאָגט דער פראַנצויז „זוך די פרוי".

— לאָזט די פרוי צו־רו — זאָגט זלמן ברוגז, — זי האָט גאָר נישט צו טאָן דערמיט. אויב ס'איז ווער שולדיק, איז עס ער אַליין, ער און מער קיינער.

דעם דאָקטאָרס מוסר באַקומט שוין ביי זלמנען אַן אַנדערן זין.

— זוך די פרוי. זיך אַרויסגעגנבעט, אַנטלאָפן מיט אַ פרוי, און איצט, זלמן, זיי אַ ריטער, פאַרט[illegible]דיק די ערע פון דער פרוי.

ער שמייכלט ביטער אינערלעך.

— וואָלסט געוואוסט, דו נאַרישער דאָקטאָר, וואָס פאַר אַ נאַכט איך האָב פאַרבראַכט מיט דער פרוי, וואָלסטו אסור זי דער מאַנט. זי זאָל כאָטש נישט ליידן צוליב דער נאַכט.

דער דאָקטאָר רעדט שוין טאַקע מער נישט וועגן דער פרוי, ער רעדט שוין גאָרנישט, ער קוקט בלויז אויף זלמנען, ווי ער זיצט מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און ציטערט אויף פון צייט צו צייט.

— לאָזט מיך אַ טאַפּ טאָן דעם פולס, — זאָגט ענדלעך דער דאָקטאָר, האַלטנדיק זלמנס האַנט.

ער קוקט אויפן זייגערל און אויף אים.

— קעלטערט אים? פילט ער, אַ ציטער גייט דורך איבערן לייב?

דער דאָקטאָר איז שוין אַריין אין זיין ראָל אַלס מעדיקער און ענדיקט זי מיטן באַפעל, זלמן זאָל זיך אַריבערקלייבן אין שפּיטאָל.

— אין שפּיטאָל! — רופט אויס זלמן אַ דערשראָקענער, און מיט די אויגן בעט ער: ניין, ניין, נאָר נישט אין שפּיטאָל.

— ער איז נישט געשלאָפן גענוג, — גיט ער צו, — ער וועט זיך איצט לייגן שלאָפן אויף דער וועראַנדע.

— נישט אויף דער וועראַנדע, נאָר אין שפּיטאָל, — ענטפערט דער דאָקטאָר. — וואָס האָט ער אַזוי מורא פאַרן שפּיטאָל, ער האָט געכאַפּט אַ פאַרקילונג און ער דאַרף זיך איבערשוויצן אין דער וואַרעם, מ'וועט אים איבערנעמען אין שפּיטאָל.

ליגט זלמן אין שפּיטאָל, ליגט און פילט ווי זיינע באַקן ברענען, די ליפּן טרוקענען, דער קאָפּ איז אַזוי שווער, ער קען די אויגן נישט האַלטן אָפן, און דאָך שלאָפן קען ער נישט. איינשלאָפן. ער איז זיכער, אַז דער שלאָף וועט ביי אים צונעמען אַלץ, אָבער

ער שלאָפט נישט. ער ליגט אין אַ דעך ריום־בּישטאַנד, הערט, דאַכט זיך אַלץ און דאָך איז אַלץ אַזוי נישט קלאָר, אין זען קען ער גאָרנישט, די אויגן־לעדעלעך זענען אַזוי שווער, אים איז שווער אויפצוהייבן אַ האַנט, אַ ריר טאָן מיט אַ פוס. אָבער ער וויל זיך אַפילו נישט רירן, מ׳זאָל אים בלויז לאָזן צורו.

די אויגן פאַרמאַכט, זעט ער פאַר זיך מאָמענטן פון דער געכטיקער נאַכט און אים פאַרדריסט נישט, וואָס ער האָט גענומען די נאַכט פאַר זיך. די פאַרקילונג, ווי דער דאָקטאַר זאָגט, וועט פאָריבערגיין, אָבער וואָרום איז די נאַכט געווען אַזאַ אומגעלומפערטע, אַזאַ נאַרישע, אַזאַ טרויעריקע? אסתר, אַ רחמנות אויף דעם מיידל! זי זאָל כאָטש נישט ליידן צוליב אים, גענוג פאַר איר געווען די נאַכט. וואו איז זי? פאַרוואָס קומט זי נישט אַריין צו אים געוואָר ווערן? עס איז דאָך אוממעגלעך, זי זאָל נישט וויסן, אַז ער ליגט דאָ איצט.

ער רייסט אויף די אויגן, אים דאַכט זיך, ער האָט זי געזען אָפגייענדיק פון זיין בעט. אפשר פרעגן זיין איצטיקע וואַכטערין? ער וועט נישט פרעגן. גלייכער אַזוי, זאָל זי אים נישט זען איצט. מאָרגן, מאָרגן, ווען ער וועט זיין אויסגעשלאָפן, אויסגערוט.

שלאָפן, שלאָפן, און ער בעט ביים דאָקטאָר ער זאָל אים געבן עפּעס צום שלאָפן.

דער שלאָף האָט געהאַלטן פעסט זלמנען אין זיינע אָרעמס, נישט לאָזנדיק אים אַפילו חלומען, ווען זלמן האָט פלוצלינג דערפילט, ווי עמעצער רייסט אים, נייִן, שפּאַרט אים פון שלאָף. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערפילט, אַז זיין מויל איז פול מיט עטוואָס וואַרימס, געזאַלצנס.

די ציין פאַרשטשעמעט, האָט ער גענומען זוכן דאָס גלעקלשנירל, און אָנטאַפּנדיק עס, געדריקט מיט אַלע כּוחות. ער האָט דערהערט דעם הילכיקן קלאַנג, וואָס האָט זיך אַליאַרמיש געטראָגן

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אין שפּיטאָל, אָבער איידער דער נאַכט־וואַרטער קומט צו, פילט שוין זלמן, ווי זיין ציינער־צוים איז נישט שטאַרק גענוג איינצוהאַלטן דעם רויטן שטראָם. ער האָט זיך כאַפּ געטון פון טישעלע אַ שטיק טיול מיט וואַטע, צוגעטראָגן צום מויל, געפּרוווט פאַרהאַלטן זיין אַנטלויפנדיק לעבן, אָבער דאָס לעבן אַנטלויפט פון אים. זיין לעבן, זעט ער, שטראָמט פון אים אַרויס און ער קען דעם שטראָם נישט אָפּשטעלן, דאָס איז עס, דער טויט.

זלמן האָט געפילט, ווי עמעצער האָט אים אָנגענומען, איז צוגעפירט צו אַ טיפן אָפּגרונט און איינבייגנדיק אים דעם קאָפּ געצוואונגען אים אַריינצוקוקן אינעווייניק. און דערזעענדיק די ליידיקייט, די פּוסטקייט פון תהום, באַפאַלט אים אַן אימה, און מיט אַ געעפנט מויל פון שרעק, פון פּחד, רייסט ער זיך אין שטומער שרעק צוריק פון דעם שרעקלעכן, טיפן, פּוסטן אָפּגרונט. אָ, די פּוסטקייט, די ליידיקייט. דער גרוב, דער פּוסטער גרוב איז שרעקלעכער פון דעם לייבן־גרוב. ער האָט מורא, ער וויל נישט שטאַרבן, ער וויל נישט, ער וויל נישט.

זלמן פּרוווט זיך אויפזעצן אויף זיין געלעגער, אָבער דער דאָקטאָר און דער וואַרטער ביי זיין בעט לאָזן אים נישט. רויק, רויק, די הויפּטזאַך רויק.

— איז דאָס דער סוף? — פרעגט ער מיט ווילד פונאַנ־דערגעעפנטע אויגן.

דער דאָקטאָר צעבייזערט זיך אויף אים:

— ער טאָר נישט רעדן, אַ וואָרט נישט, וואָס שמועסט נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן. מענטשן האָבן מורא פאַר בלוט, אָבער דאָס איז דאָך בלויז איינער פון די סימפּטאָמען פון דער קראַנקהייט, אין פיל פאַלן באַטייט עס גאָר אַ ווענדונג צום בעסערן.

— איינער פון די סימנים, אַ רויטער סימן, אַ סימן מובהק, אַ ווענדונג צום בעסערן. „זעקס חדרים" האָבן זיי געזאָגט, און

איצט נאָך דריי חדשים זעט ער די בעסערונג.. פאַרוואָס זאָגן זיי אים נישט דעם אמת? דאָס איז עס: טויט. ווער ווייסט, מעג-לעך זיינע שעהן זענען געציילטע. פאַר זיין טויט וויל ער זען פלאָראַן. פלאָ—ראַ! וואָלט ער געקענט אויף וועלכן ס׳איז אופן טעלעגראַפירן צו איר, איר לאָזן וויסן. אָבער דער דאָקטאָר שטעלט אָפּ זיין יעדע באַוועגונג, זיין יעדע ווענדונג, און געבנדיק אינ-סטרוקציעס דעם וועכטער, פאַרלאָזט ער דאָס בעט.

— אַליין. שטאַרבן איינזאַם, אַליין, נישט זעענדיק פלאָראַן. פלאָראַ, דיין זלמן שטאַרבט.

ער פרוווט אויסציען אַ האַנט, מאַכן אַ באַוועגונג, אָבער דער וועכטער לאָזט נישט. מיט גוטן און מיט בייזן וואָרנט ער זלמנען, צו ליגן רויִק און נישט רעדן אַ וואָרט. זלמן פילט, ווי מ׳לייגט אייז צו זיין ברוסט. ער זעט און פילט, ווי מ׳שפריצט אים עפּעס אַריין אין זיין אָרעם. און מער פילט ער גאָרנישט שלאָף.

ווען ער האָט צומאָרגנס אויפגעעפנט די אויגן, האָט זיך גע-דאַכט, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ פיל-נאַכטיקן שלאָף. די נאַכט האָט זיך אָפּגערוקט ווייט הינטער אים אַזוי, דאָס ער האָט נישט געקענט אַזוי גיך צוריקקומען צו איר, באַגרייפן דאָס געשע-ענע. ער פּירט מיט די אויגן, פּרוווט באַוועגן מיט די הענט און פיס, און פולער באַוואוסטזיין קערט זיך אום צו אים. ער זעט די פאַריקע נאַכט, ער ווייסט שוין, וואָס איז געשען, און זיין ערשטער געדאַנק איז: איך לעב נאָך. ער לעבט נאָך, אָבער ווער ווייסט, אפשר וועט זיך דאָס הייַנט איבערחזרן: זיין לעבן וועט ווידער נעמען לויפן שטראָמענווייז און מ׳וועט עס נישט קענען אָפּשטעלן. נאָר נישט דאָס, ער האָט מורא צו זען דאָס נאָכאַמאָל. ער וועט שטאַרבן פאַר שרעק.

אַ וועכטערין קומט צו, דריקט אויס איר צופרידנהייט, וואָס ער איז געשלאָפן אַזוי גוט, און איצט וועט ער עפּעס עסן. ניין, ער

דאַרף זיך נישט אויפזעצן. ליגט ער און שלינגט די „זשעלע“, וואָס די וועכטערין גיט אים פון אַ לעפעלע, און אים ווילט זיך לאַכן פון זיך אַליין. ווי אַ קינד האָדעוועט מען אים. אַ קינד נייַן, נאָך שוואַכער, הילפלאָזער איז ער, זלמן, דער מאַן קרוב צו דרייסיק. און ווי צו אַ קינד רעדט צו אים די וועכטערין, ער זאָל ליגן רויִק, זיך נישט באַוועגן, נישט רעדן.

בעדולדיק און שווייגנדיק ווי אַ פישער איז זלמן. ער ליגט און שווייגט, די היץ איז אָפּגעטרעטן, זיין קאָפּ פילט ער מער שוין נישט, ער זעט אַלץ אַזוי דייטלעך און קלאָר, און עס טראַכט זיך אַזוי רויִק. — אָט אַזוי איז עס. אויב ער וויל נאָך לעבן — און אָ, ווי ער וויל דאָס איצט — מוז ער גיין פּאַמעלעך, רעדן פּאַמעלעך, אַלץ פּאַמעלעך.

זלמן דערזעט, אַז ביז אַהער האָט ער זיין לעבן נישט געפילט, איצט אָבער ווייסט ער, אַז זיין לעבן איז אַ באַזונדערע טייל אין אים, און פונקט ווי זיין זיידע פלעגט האַלטן דעם פולן קידושבעכער אויף פיר פינגער אונטערגעשפּאַרט מיטן פינפטן, היטנדיק, אַז קיין טראָפּן ווייַן זאָל זיך נישט אויסגיסן, אַזוי מוז ער טראָגן זיין בעכער פול מיט לעבנס־ווייַן, פּאָרזיכטיק, פּאַמעלעך, ווייל איין שנעלער טריט, און דער ווייַן גיסט זיך אויס...

איז די ניי־יאָר נאַכט ווירקלעך שולדיק דערין? ניין, דאָס וואָלט דאָך געקענט פּאַסירן אויף אַן אַנדערן אופן. איצט ווייסט ער שוין ער דאַרף זיין פּאָרזיכטיק. אָבער וואו איז אסתר, פאַרוואָס זעט מען זי נישט? איז עס מעגלעך, אַז זי איז שוין מער נישטאָ, וואָרום קומט זי נישט אַריין זען אים? זי מוז שוין דאָ נישט זיין, צוליב אים, אַלץ צוליב אים. טאָמער האָט ער איין נאַכט געוואָלט זיין אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך, מוז נישט נאָר ער, נאָר אויך אַנדערע ליידן.

פלאָרא. וויפיל ליידן זי איז אויסגעשטאַנען צוליב אים, פאַר

יעדע מינוט פאַרגעניגן, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט זי געמוזט אי־בערטראָגן אַזוי פיל צער, אַזוי פיל צרות. און איצט ווער ווייסט, וואָס מיט איר איז איצט! ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געהערט וועגן איר. פלאַרא, זי איז די איינציקע, וואָס וואָלט פאַרגאָסן אַ טרער, ווען ער שטאַרבט איצט. פאַרגיסן אַ טרער און בלייבן לעבן.

ער דערזעט אַ ברייטן פליסיקן טייך, צוויי קעפ, זיינעם און פלאַראַס, זען זיך טראָגן מיטן שטראָם. גיט זיך אַ הייב אַ כוואַליע, גייט אַריבער איבער די קעפ, ער איז צו שוואַך אויסצוהאַלטן דעם קלאַפ, זיך רייסן אַרויף, לאָזט ער זיך אַרונטער, זינקט, און ווען פלאַרא קוקט זיך אַרום, איז שוין זיין קאָפּ נישטאָ אויפן וואַסער, אָבער זי שווימט, שווימט ווייטער, טראָגט זיך מיטן שטראָם...

אַזוי איז עס. זי קען דאָך נישט אונטערגיין מיט אים.

און אפשר?

אַ געדאַנק, וועלכער איז געלעגן פאַרבאָרגן ערגעץ טיף, און וועלכן זלמן האָט קיינמאָל נישט געלאָזט אַרויפקומען, איז איצט גובר זלמנען, קומט אַרויף, צווינגענדיק צו זען אים. דער געדאַנק, אַז פלאַרא איז אויך קראַנק... אכזריותדיק רייסט דער געדאַנק זלמנס אויג און צווינגט אים צו זען פלאַראַן אַ קראַנקע, אַ צעבראָ־כענע, מיט פאַרוואורף אין די אויגן:

„וואָס האָסטו געהאַט צו מיינע יונגע יאָרן."

און דאַן בייט זיך דער קוק צום בייזן:

פייגלינג! אַנטלאָפן ראַטעווען דיין אייגענע הויט, וועגן מיר אפילו נישט אַ טראַכט געטאָן, געוועז צופיל פאַרנומען מיט זיך, מיטן טייערן „זיך"

ער טרייבט דעם געדאַנק, און צייטנווייז גיט זיך אים איין. ער ליגט ווי אין אַ טראַנס, אָבער ס'איז גענוג ער זאָל ווידער אויפ־וואַכן, און דער געדאַנק איז ווידער דאָ, און מאַטערט אים.

ער מוז זיין רויק. רוען זאָל דער קערפּער, און אויך זיין

גייסט, אויב ער וויל געזונט ווערן, און ער וויל נישט נאָר צוליב זיך אַליין. ער מוז וויסן, אויב פלאָרא איז געזונט. ער מוז געזונט ווערן אויף אַזוי פיל, צו קענען אויסגעפינען דעם אמת.

ווי אַ בוים, ווען ער דערפילט די שאַרף פון דער האַק זיך אַריינשניידנדיק אין זיין שטאַם, און ער שיקט אַרויס אַן אַליאַרם-רוף צו אַלע זיינע וואָרצלען, זיי זאָלן קומען צו הילף אין קאַמף קעגן דעם דראָענדיקן טויט, אַזוי האָט זלמן גערופן צו הילף זיין גאַנצער ענערגיע, זיין גאַנצן דראַנג צום לעבן. אַפילו זיין געדאַנק-גאַנג האָט ער געצוואונגען צו נעמען אַן אַנדערע ריכטונג ווי ביז איצט. אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט איז דער טויט, אָבער דאָך אַ מאַכט, מיט וועלכער מען קע: זיך ראַנגלען, און ער ראַנגלט זיך פאַרצווייפלט, ער מוז געזונט ווערן. ..דמו ך חיי . .

ווען עס גייען פאַריבער אַ פּאָר וואָכן און זלמן פילט, אַז ער קען שוין באַוועגן מיט די הענט און פיס, ווען מ׳דערלויבט אים שוין זיך אויפזעצן אויף זיין געלעגער, און ווען דער דאָקטאָר גיט אים האָפנונג, דאָס נאָך אַ פּאָר טעג, און ער וועט שוין אַראָפּגיין פון בעט. דערפילט זיך זלמן אַזוי שטאַרק, באַדאַי שוין איצט אַראָפּ-צוגיין פון בעט.

ער וועט געזונט ווערן.

דער דאָקטאָר איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז אָפּטמאָל איז עס אַ ווענדונג צום גוטן. הייסט עס, אַז די גיי-יאָר נאַכט האָט אים גוטס געטאָן.

יענע נאַכט.

ווי לאַנג איז שוין דערין? אים דאַכט זיך, דאָס איז אַ [illegible] סירונג פון לאַנג, לאַנג צוריק, און ווי אַן עכאָ פון דער ווייט, קלינ-גען אים איצט די ווערטער פון אסתרן אין איר בריוו צו אים. [illegible] צוגעריי׳ן וואָס זי האָט אים געקענט אַ שטיקל צייט, און זי דאַנקט

איִם דעריבער פאַר די פיל פרייִנטלעכע מינוטן צוזאַמען פאַרבראַכט.

אַ וואויל מיידל געווען. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס זי איז אַזוי אַרום פאַרשוואונדן פון זייַן לעבן, וועט ער זי נאָכאַמאָל זען? טורא בטורא לא פגע, אנוש באנוש פגע, מעגלעך ער זאָל זי נאָכאַמאָל באַגע־גענען, אַזוי איז עס, מ'באַקענט זיך, מ'דערנענטערט זיך, און דאַן באַדאַנקט מען זיך, און אויס. האָט ער דען נישט באַדאַנקט פלאָ־ראַן פאַר די אַלע מינוטן... כם... אָט אַזוי, זלמן, על דאטפת אטפוך. אָבער זייַן דאַנק איז געווען אַן אַנדערער. פלאָראַ.

ער האָט נאָך קיינמאָל, קיינמאָל, אַפילו דאַן ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ליבט זי צום שטאַרקסטן, אַזוי פיל נישט גע־טראַכט וועגן איר איצט אין די לאַנגע, לאַנגע שטונדן, וואָס ער ליגט אויף זייַן געלעגער. וואָלט עמעצער צו אים צוגעגאַנגען עטלעכע מאָל אין טאָג און אים, יעדעס מאָל אַ פרעג געטאָן וועגן וואָס ער טראַכט, וואָלט ער עקספּראָמט געענטפערט — פלאָראַ. אים זכרתיך על יצועי באשמרות אהגה בך זייַן טרוים אויף דער וואָר, זייַן חלום אין שלאָף. און די חלומות זענען אַזוי פאַרשידן. אַמאָל זעט ער זיך מיט איר, ביידע געזונטע, פרייִלעכע, גליקלעכע, און אַמאָל זעט ער זי אַ קראַנקע, אַ פאַרצווייפלטע, און ער ציט זיך צו איר, בעט זיך ביי איר: פלאָראַ, פאַרגיב, פאַרגיב, אָבער זי קען נישט פאַר־געבן, און ער וויינט, וויינט מיט ביטערע טרערן, ביז עמיצער וועקט אים אויף פון שלאָף.

ער האָט זי אויך איינמאָל געזען אַ געשטאָרבענע.

ער האָט נישט געוויינט, אים איז בלויז געווען אַזוי שווער אויפן האַרץ, ער האָט געמיינט ער ווערט דערשטיקט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערפילט, ער איז געשלאָפן מיט דער האַנט אויפן האַרץ, אָבער אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרץ, איז אים נישט גרינגער געוואָרן. קען ערווירקלעך אַראָפּנעמען די האַנט פון האַרץ און זאָגן, דאָס מיט זייַן באַדאַנקען זי, איז ער

שוין אַלץ אָפּגעקומען? און ווי, אַז זי איז קראַנק? פלאָרא, מיין שיין בלימעלע, לאָז מיר וויסן, אַז דו ביסט געזונט.

זלמן איז שוין געזונט גענוג אַראָפּצוגיין פון בעט. ער לייענט שוין אויך, און לייענט ווידער קיִעטס קליינע לידער, וועלכע ער קען שוין פון אויסנווייניק, אָבער מאָדנע, ווי יעדעס מאָל, וואָס ער עפנט דאָס ביכל, געפינט ער עפּעס „פאַר זיך", און אויך איצט געפינט ער אַ פּאָר פערזן, וועלכע שניידן זיך אַריין אין זיין מוח, און ער זאָגט זיי פאַר זיך:

איך האָב געהאַט אַ טויב, און די ליבע טויב איז פאַר-
שוואונדן,
און איך האָב געדענקט, זי איז פון זאָרג אומגעקומען.
אָ, וועגן וואָס האָט זי אַזוי געזאָרגט? אירע פּיס זענען
געווען געבונדן
מיט אַ זיידענעם פאָדעם, וואָס איך האָב אַליין געשפּונען,
שיינע רויטע פּיסעלעך! וואָרום זאָלסטו שטאַרבן, וואָרום,
וואָרום מיך לאָזן אַליין, שיין טייבעלע! וואָרום?
האָסט געלעבט אין וואַלד איינס אַליין,
וואָרום, שיין פייגעלע! וואָרום נישט מיט מיר צוזאַמען
זיין?
איך האָב דיך אָפּט געקושט, דיר געגעבן ווייסע בעבעלעך,
וואָרום נישט לעבן ליב, ווי אויף די גרינע ביימעלעך?

ער זעט דעם פאָדעם, וואָס האָט אים צוזאַמענגעבונדן מיט פלאָראַן, ער האָט געדענקט: ווייט פון אויג, ווייט פון האַרץ. מ'קען דעם פאָדעם ביַיזוויליק איבערשניידן אַליין, מיט אייגענע הענט. אָבער אין יענער נאַכט, אין דער נאַכט פון ניי-יאָר, און נאָכמער אין דער קומענדיקער נאַכט, האָט ער דערפילט, אַז דער פאָדעם איז נישט איבערגעריסן. ער האָט ליב פלאָראַן היינט מער ווי נעכטן

און ווינציקער ווי מאָרגן, און אָן צווייפל מוז זי אים אויך ליבן. אָבער וואָס מיינט די ליבע פאַר זיי ביידן איצט? ער זעט פלאָראַן א „געבונדענע מיט דעם פאָדעם, וואָס זיינע אייגענע הענט האָבן געשפונען". און צוזאַמען מיטן דיכטער בעט ער, זי זאָל קומען זיין צוזאַמען מיט אים.

זלמן איז זיכער, אַז פלאָרא איז קראַנק, און ער זעט, ווי ער נעמט זי אַרויס „צו זיך" אין די בערג. זיי לעבן צוזאַמען שטיל און רויק, איינער פאַסט־אויף אויף דעם צווייטן, און ביידע פאַסן־אויף אויף זייער שטיל און רויק לעבן, און מ'לעבט ביידע אַזוי רויק, שטיל.

— צוויי מתים גייען טאַנצן, — שושקעט אים עמעצער אין אויער אַריין.

אָבער ער פאַרטרייבט די רייד, און ער זעט זיך צוזאַמען מיט פלאָראַן לעבנדיק שטיל, אָבער אָנגענעם, ווי דאָס שטילע מור־מלען פון א קליין טייכל אין אַ שיינעם זומער־אָוונט, יאָ, דעם זומער וועלן זיי פאַרברענגען צוזאַמען.

זלמן שפינט זיין חלום וועגן לעבן צוזאַמען מיט פלאָראַן, ביז ער כאַפּט זיך, אַז ער טראַכט צופיל וועגן דעם. וואָלט אים נישט פאַרדראָסן, ווען ער דערוואוסט זיך, אַז פלאָרא איז געזונט?

ווי עגאָאיסטיש, ווי שרעקלעך!

ניין, ניין, ער וויל דאָס נישט.

טאָ פונוואַגען ווייסט ער, אַז זי איז קראַנק, זי קען דאָך זיין געזונט. גיכער פון אַלץ איז זי דאָך געזונט. האָט ער דען נישט געזען קראַנקע מענער לעבן מיט פרויען, האָבן קינדער און דאָך זעען פרוי און קינדער געזונט, יאָ, אָבער ער זעט אויך גרינבערגן און זיין מיידל דאָ. א גוטער טאַטע געווען, געקוש זיין קינד. ער געדענקט דעם טאָג, ווען דאָס מיידל איז געקומען אין יענעם טאָג איז ביי אים געבוירן געוואָרן דער פאַרדאַכט.

פלאָרא איז קראַנק, און וואָס איז אַ פּאַרדאַכט אויב נישט אַ פּאָ־טענציעלער אמת. מעגלעך, אַז זי איז קראַנק און ווייסט גאָרנישט דערפון. האָט ער געוואוסט? ווי, אַז ער וועט זי נישט וואָרענען און עס וועט זיין צו שפּעט?

ער מוז עס טאָן. און וואָס שנעלער.

זלמן איז שוין ווידער אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. אַ העלע זון האָט אים באַגריסט, דאָס מאַרצאָווע ווינטל האָט אים שלום עליכם אָפּגעגעבן, און הגם דער קבלת פּנים איז נישט געווען אַזאַ וואַרע־מער, דאָך האָט זיך געפילט אַ פריינטלעכקייט אין אים.

עס האָט שוין געשמעקט מיט פרילינג.

זלמן זעט, ווי די זון און דער ווינט פאַרצערן דעם שניי, ברוינע פלעקן באַווייזן זיך שוין אפילו אויף די שפּיצן בערג, און אונטן באַרג־אַראָפּ לויפן שוין פרילינגס־שטראָמען. ער זעט, ווי דער בוים, וועלכער איז געשטאַנען דעם נאַגצן ווינטער פאַרשטאַרט, די צווייגן האַרט, ביינערדיק, הייבט זיך אָן רירן, ווערט בייגעוו־דיקער, ער זעט די ערד, ווי זי ציט זיך אַרויס פון אונטער איר אייז־און שניי־צודעק, און ער פילט פרילינג קומט.

נישט באַשטענדיק איז דאָס וועטער.

אָט שיינט די זון, און דאָ גיסט אַ רעגן. אַפּריל איז שוין, און אַפּריל־רעגנדלעך ברענגען מאַנ־בלימעלעך. ער זעט, ווי דער בוים הייבט ווידער אָן גרינען, דער בוים טוט זיך אָן זיינע גרי־נע קליידער.

ווי פראָפּאַגירנד די פּראַזע!

ניין! נישט קיין קלייד, וואָס מ׳קען אַרויפציִען און אַראָפּ־וואַרפן, די אינערלעכע שיינקייט פון בוים רייסט זיך אַרויס אין דער פאַרב פון גרינע בלעטלעך, און אויך די שיינקייט פון דער ערד אַנטפּלעקט זיך.

ליכט און פרייד, און אַזוי פיל שיינקייט.

א יום טוב פילט זיך. עס דאַכט זיך, דאָס שיינע מיידל איז אַדורכגעגאַנגען איבער אַ וועג געדעקט מיט בלומען, און אַלץ אַרום שטייט פאַרגאַפט פון דער שיינקייט, אַזוי שיין, אַזוי שיין.

נישט באַשטענדיק זענען זלמנס געדאַנקען. אַט דערפילט ער אויך די פרילינגס שטראָמען, און ער אָטעמט אויף לייכטער, קוקט פרייער אין דער צוקונפט, ער דערפילט זיך קרעפטיקער. ער קוקט אַריין אין שפיגל, שטייט פאַרביי אים אייניקע מינוטן, באַטראַכט גוט זיין געזיכט, דעם קאָליר פון זיין הויט, ער געפינט, זיין געזיכט איז אויסגעפולט געוואָרן, זיין הויט-קאָליר איז אַ נאַטירלעכער, אַ פרישער, ער בעסערט זיך ווירקלעך. אַ האָפנונג דערוועקט זיך אין אים, ער וועט נאָך האָבן זיין זומער. אָבער עס גייען אויך טעג און דווקא שיינע פרילינגס-טעג, ווען אַן אומעט פאַלט אויף אים אַרויף, און ער באַמערקט נישט ווי ער הייבט אָן ברומען די „עלעגיע“ פון מאַסענע. אָ, די עלעגיע ווי ער האָט פיינט געהאַט אָט דאָס ליד צו הערן געזינגען פון מיידלעך, וועלכע גרייטן זיך חתונה צו האָבן אין די קומענדיקע חדשים. ער האָט פיינט געהאַט די זינגערינס און דאָס געזונגענע. איצט זינגט ער אַליין אונטער דאָס ליד און געפינט אין דעם אויסגעדריקט זיין געפיל.

נישט פאַר אים איז דער פרילינג...

פאַר אים שווימט אַרויף יענע שרעקלעכע נאַכט, און אַ שוידער גייט דורך זיין לייב, מעמענטאָ מאָרי, ווי ער געדענקט, ווי ער ווייסט, ווי ער פילט דעם טויט, וועלכער פאָלגט אים נאָך און פאַרפאָלגט אים.

טראַכטנדיק וועגן דער נאַכט, הויבט ער אויך אַמאָל אָן צו ברומען א סדר נאכט ניגונדל, דאָס ניגונדל פון א פאָלק וואָס איז פארמשפט צום לעבן — ואמר לך בדמיך חיי, ואמר לך בדמיך חיי... זיינס איז איצט דאָס ניגונדל, און עס באַגלייט אים אויף זיין איינזאַמען שפאַציר.

די איינזאַמע שפּאַצירן זיינע.

ער זעט גאָרנישט פאַר זיך, מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ זעט ער און טראַכט וועגן זיך, וועגן פלאָראַן, וועגן דעם, אַז דער פאַדעם איז נאָכנישט איבערגעריסן. ער מוז זען, אויב זי איז געזונט, און דאַן ערשט וועט ער קענען איר זאָגן אַן ענדלעבן זיי-געזונט.

ער מוז דאָס טאָן, ער מוז פאָרן אין שטאָט אריין, ער וועט דאָרט, פאַרשטייט זיך, נישט בלייבן. וואָס האָט ער דאָרט צו טאָן. פרילינג אין שטאָט.

ער הייבט אויף דעם קאָפּ, דערזעט די פרילינגס-שיינקייט, דערפילט די פרילינגס-פרייד. ניין, ער וועט אין שטאָט דעם פרילינג נישט פאַרברענגען, אפילו ווען ער קען דאָס טאָן, ווער שמועסט, ווען ער קען נישט, ער מוז נאָך רוען, רוען, ביז...

אָבער צו וואָס טראַכטן דערפון?

אַזוי איז עס.

אָבער דערווייל מוז ער פאָרן אין שטאָט, ער וועט דאָרט לאַנג נישט פאַרבלייבן, ער דאַרף בלויז זען פלאָראַן, זען, זיך געזעגענען און צוריק קומען, און אפשר מיט איר צוזאַמען...

XIII.

אַ מאָדנע געפיל האָט זלמן איבערגעלעבט, ווען ער איז דורכגעגאַנגען אייניקע וואַגאָנעס, ביז ער האָט געפונען אַ פּלאַץ פאַר זיך.

אַזוי פיל מענטשן פאָרן פון איין פּלאַץ אויף אַ צווייטן. דאָס איז דער אַריינפאָר צו דער געזונטער לעבעדיקער וועלט.

ער זעצט זיך אַוועק, און גריסנדיק זיך מיט זיין שכן, לויפט אים איבער אַ געדאַנק:

פאַרדעכטיקט אים נישט דער שכן, אַז ער איז אַ קראַנקער?

עפּעס האָט ער זיך צופיל אָפּגערוקט, צולאָזנדיק אים צום פּלאַץ ביים פענסטער. אַלע ווייסן דאָך, אַז דאָס שטעטל איז אַ „קראַנקן-שטעטל”.

ער באַטראַכט זיינע שכנים, די אַנדערע פּאַסאַזשירן און געפינט, צו זיין צופרידנהייט, פיל פנימער, וועלכע וואָלטן בעסער געפּאַסט אין דער קראַנקן-וועלט ווי ער.

אַ צופרידענער מיט זיין געזונטס-צושטאַנד אין פאַרגלייך מיט די איבעריקע, מאָסטעט ער זיך איין אויף זיין זיץ, און נאָכדעם ווי ער באַשטעטיקט זיין שכנ'ס מיינונג, אַז ס'איז אַ שיינער טאָג, קערט ער אָפּ דעם קאָפּ און הייבט אָן קוקן דורכן פענסטער.

גרין, אַ פעטע גרינקייט שפּרייט זיך פאַר זיינע אויגן. ווי פאַרשידן זענען די בערג זייט דאַן, ווען ער איז געפאָרן אַהער. דאַן זענען זיי געווען רייך אין קאָלירן, אַזעלכע רייצנדע פאַרבן, איינגעצוימטע ליידנשאַפטן אָנגעקליבן אין פאַרלויף פון זומער, דאָס אויפפלאַמען פון אַ ליכט פאַר זיין פאַרלאָשן ווערן, און איצט איז גרין—פעט-גרין—זאַפטיק און פריש.

אַכט חדשים איז שוין פאַרבייגעלאָפן, אַכט חדשים, אַז ער האָט נישט געזען די שטאָט, נישט געלעבט. ווי וועט ער זיך איצט פילן אין שטאָט? וועט ער דערקענען די גאַסן, די פלעצער? וועט ער וויסן, וואוהין צו גיין, צו פאָרן?

וואוהין דאַרף ער דען גיין, אויסער צו פלאָראַן. זיין איינציקער גאַנג. ווי וועט זי אים אויפנעמען? מעגלעך זי זאָל אויך מורא האָבן פאַר אים, פאַר דעם קראַנקן, פאַרוואָס זאָל זי זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן--נאַראָנים, פונקט ווי זיי קען זי דאָך ליידן פון פטיזיאָפאָביאַ*). הם... זי וועט דערלאַנגען די האַנט און זי אָפּווישן, פאַרשטייט זיך אומבאַמערקט פאַר אים.

נאָכוואָס פאָרט ער צו איר?

צוואָס ווידער ווי אַ שאָטן זיך באַווייזן און צעשטערן איר רו, וועלכע זי האָט שוין זיכער דערוואָרבן? אַכט חדשים, דאָס איז אַ לאַנגע, לאַנגע צייט, מעגלעך, זי האָט אינדערצייט זיך שוין פאַרליבט אין עמעצן און טרוימט, אויב נישט געניסט, פון גליק. וואָצו זאָל ער איצט קומען מיט זיין קראַנקן הויך, מיט זיין קראַנקן אָטעם און פאַרפעסטן איר ריינע לופט?

צוואָס?

זיך אומקערן צוריק אין די בערג, דאָרט ליגן איינזאַם, אַליין

---

*) פאַראַכטונג צו שווינדזיכטיקע.

קוקן אויף די שיינע בערג, אין קלאָרן הימל, אַרומגיין איינער אַליין, ביז, ביז...

וועמען דאַרף ער און ווער דאַרף אים?

קיינער דאַרף קיינעם. אַליין, אַליין דערלעבן די טעג, די וואָכן, און אַפילו די יאָרן.

קען ער דען קומען צו איר און זאָגן: פלאָראַ, קום מיט מיר.

דאָס קען ער נישט!

טאָ וואָצו פאָרט ער איצט צו איר? ווי איז אָבער, אַז ער ד אַ ר ף קומען צו איר אַז זי רופן צו זיך, ווי איז, אַז זי דאַרף אים האָבן, ס'איז דאָך מעגלעך, ניין, דאָס איז דאָך כמעט ווי זיכער פאַר אים.

ער מוז, ער מוז ווידער זיך באַווייזן, אַריינדרינגען אין איר לעבן, בלויז פאַר איין קורצע ווײַלע, בלויז צוליב איין זאַך, צו באַרויִקן זיך, צו זיין זיכער מיט איר. דאַן ערשט וועט ער איר זאָגן דעם לעצטן זיי־געזונט.

ווי וועט ער דאָס איר זאָגן, ווי וועט ער איר דערקלערן דעם צוועק פון זיין קומען?

פאַרשידענע פלענער שאַפט זלמן, אָבער וואָס נעענטער ער קומט צו דער שטאָט, פאַרשווינדן זיי אַלע.

און ער טראַכט: זאָל עס גיין. ס'וועט קומען דערצו, וועט ער שוין געפינען אַ וועג. דערווייל איז ער נאָך נישט דאָרט. אַלץ אָפטער און אָפטער הערט זיך דאָס פייפעריי פון לאָקאָמאָטיוו, ס'דאַכט זיך, דאָס שטאָלערנע פערד האָט דערשמעקט די היים, און עס שטעלט אַ שנעלערן טריט און הירזשעט פון פאַרגעניגן, ווען ער דערזעט שוין די היים. צווישן די פּאַסאַזשירן הייבט זיך אָן די געוויינטלעכע באַוועגונג, ער פאַריכט זיין שניפּסל, וואַרפט אַ קוק אויף זיין הענגענדיקן היטל, און ווען ער זעט, אַז דער עולם הייבט

זיך שוין אויף פון די פּלעצער, מ׳שטייט שוין מיט די וואַליזן אין די הענט, טוט ער אָן זיין היטל, ער איז שוין אין שטאָט.

ווי אַ ווארעמע כוואַליע וואָלט אים אַ פּליוך געטאָן אין פּנים אַריין, אַזוי האָט זלמן דערפילט ביי זיין אַריינקומען אין שטאָט. אויף דער באַן, דאַכט זיך, נישט געווען קיין ענגשאַפט, און ווי ענג עס איז אויפן שיפל, וואָס דאַרף זיי איבערפירן דעם האָדסאָן. עס ווערט נאָך ענגער, ווען מ׳גיט זיך אַ לאָז פונם שיפל. זלמן פילט ווי מ׳שפאַרט אים אַוועק צום וואַרטנדיקן טראַמוויי. ער אַרבעט שווער מיט די עלנבויגנס זיך אַרויסצודרייען פון עולם, ער וויל נישט פאָרן אין אַזאַ שטיקעניש. ער׳ט גיין.

ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט דער צווייט און פערציקסטער גאַס. געגאַנגען פאַמעלעך, קוקנדיק, באַטראַכטנדיק, מיט אָפענע אויגן פון אַ פרעמדן, וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין זען.

וויפיל מענטשן! וויפיל מענטשן! וואוהין יאָגן זיי זיך אַזוי?

אָט גייט אַ מיידל אין אַזאַ שרייענדיקן אָנצוג, אָבער נישט אַזוי דער אָנצוג ציט צו זלמנס אויפמערקזאַמקייט, ווי אירע די־נע פיסעלעך אַריינגעשטעקט אין אַ פּאָר שיכלעך אויף הויכע, משונהדיק הויכע קאַפּעלעך, און נישט זי גייט, נאָר זי טאַנצט אונטער מיט אַ דראָבנעטשקע טענצל, טוט אַ טראָט, טראָט, לויפט, לויפט, אים פאַרווילט זיך זי אַ נעם טאָן אונטן אַרום ביי די קנאַ־פּעלעך, זי אַ צי טאָן צו זיך. ער איז זיכער, זי וואָלט באַלד נאָכן פאַלן ווידער גענומען לויפן מיט די קליינע טריטעלעך, צופּודערנ־דיק אויפן גאַנג איר קליין נעזל.

דער שטראָם מענטשן טראָגט אַוועק דאָס מיידל פון פאַר זיינע אויגן. ער פילט ווי מ׳קלאַפּט אים אָפּ די זייטן, מ׳טרעט אָן אויף זיינע פיס, מ׳דריקט אים.

און אַלץ ווערט געטאָן אַזוי שנעל, אַזוי גראָב, קיין „אַנט־שולדיקט", קיין „פּאַרדאָן".

צו אַלדע טײוולען, וואוהין יאָגן זײ אזוי?

דאָס איז די שטאָט, דאָס איז דער פּולס פון דער ציוויליזאַציע. יאָ, אָבער דאָס איז נישט קיין פּולס, דאָס איז אַ פּאָדעם, אַ פּולס, וואָס שלאָגט הונדערט און אכציק מאָל אין אַ מינוט.

— דו טראַכסט נאָך אַלץ אין קראַנקן-טערמינען, — כאַפּט זיך זלמן. — פאַרגעס די קראַנקן-וועלט, פאַרגעס דו ביסט אַ קראַנקער, דאָ איז די שטאָט, וואו מ׳קוקט נישט אויפן ציפער-בלאַט ווי שפּעט עס איז, דער עיקר איז דער אומרו, די שטאָט, נאָך וועלכער דו האָסט אַזוי געבענקט, מיש זיך אויס מיטן המון, ווער איינער פון זײ, זײ אַ געזונטער צווישן געזונטע, לויף מיט.

ער ווייסט נישט אויב די שטאָט איז נישט געזונט, אָבער זי איז זיכער משוגע.

ער זעט פאַר זיך די שטאָט אין דער פאָרם פון אַ משוגענער פרוי מיט ווילד צעעפנטע אויגן, צעלאָזטע האָר, וועלכע לויפט, יאָגט זיך משוגענערווייז, און זײ, די אַלע מענטשן, לויפן איר נאָך. און ער ווייסט נישט ווער עס איז מער משוגע, די לויפנדע, אָדער די נאָכלויפנדע.

אָט איז ער צווישן די לויפנדע, ער זעט דעם שטראָם מענטשן, הערט דאָס געקלאַפּ און געקלאַנג, פילט אַרום זיך אַ מאַסע מענטשן, ווערט אָפּט צוגעפּרעסט צו אַ וואַנט, און אים דאַכט זיך, אַז אָט דער ריזיקער וויפיל-שטאָקיגער טורעם הייבט זיך אָן בייגן, פאַרמירט אַן אַרק, און וועט זיין שפּיץ דערגרייכט שוין דעם באָדן איז נאָך איין קאַנט פון פונדאַמענט פון דער געביידע צוגעפעסטיקט צו דער ערד, און מענטשן לויפן דורך אין איילעניש דורך דעם אַרק, מענטשן זען, אַז אָט, אָט, און דער טורעם פאַלט איין אינגאַנצן, דאָך לויפן זײ, ביז דער טורעם גיט זיך אַ גלייך אויס, אַ ציִ אויס אויף דער ערד, צעקוועטשנדיק אונטער זיך אַ מאַסע מענטשן, אַריינקוועטשנדיק זײ אין דער ערד מיט זיין שווע-

דער משא. און נישט נאָר דער טורעם, אויך די סלופּעס און בריקן, וואָס האַלטן אויף די איבערערדישע באַנען, ברעכן צוזאַמען, און די באַנען מיט זייער גאַנצער משא מענטשן פאַלן צו דער ערד, לעכערן דורך דעם דינעם שאַכט ערד, פאַלן אַרונטער אויף די אונטערערדישע באַנען, צעשמעטערן זיי, און אין בויך פון דער ערד ווערט אַ געמישעכץ פון שטויב, בלוט און מענטשלעכע געהירן, אַ בלוטיקע בלאָטע...

זלמן קוקט זיך אַרום. ער איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן אויף אַן אַנדערער גאַס. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט. אַזוי פיל מענטשן אין ניו־יאָרק, און צוגעקומען נאָך איין מענטש, איז שוין ענג.

ער שטייט, און ווי אַן עכטער פּראָווינציאַל, קוקט ער אויף די הויכע געביידעס דאָרט אויף דער הויפּט־גאַס און טראַכט:

— איז דאָס די שטאָט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געבענקט?

דאָס איז דאָך סדום, אַ גיהנום, דער טורעם פון בבל איז דאָך געווען אַ שפּילכל קעגן דעם גיגאַנט! און אויב יענער טורעם איז צעשטערט געוואָרן, אויב בבל איז חרוב געוואָרן, מוז אויך ניו־יאָרק חרוב ווערן, די שטאָט מוז אָפּגעווישט ווערן, און אַן אַנדערע, אַ שענערע, אַ גרוימערע, אַ פרייערע מוז זיך אויסבויען, און אין דער גרוימער, פרייער שטאָט וועלן די מענטשן זיין אַנדערע, נישט אַזעלכע שאָטנס, נישט אַזעלכע משוגע־לויפנדע, זיי זענען דאָך אַלע משוגע!

וואָס איז דאָס געלויף, דער רעש, דער טומל. שטילקייט, די שטילקייט פון די שיינע בלויע בערג, זייער שווייגן וויל ער. צוריק אין די בערג, ווייט פון דעם גיהנום, פון דעם משוגעים־הויז.

ער וועט זיך צוגעוויינען. ער וויל דאָס גאָרנישט. ער בענקט נאָך די שטילקייט פון די בערג. אָט די בערג, וועלכע זענען אים

שוין געווען דערעסן, צו קוקן אויף זיי טאָג איין טאָג אויס, שטו־דירן זייערע קאָלירן, זייער אָפּשיין אין יעדער שטונדע פון טאָג, אַט די בערג זענען אים איצט אַזוי ליב.

אַנטלויפן פונדאַנען, אַנטלויפן וואָס גיכער. וואָס האָט ער דאָ צו טון. ער דאַרף זען פלאַראַן. דאָס אַלץ.

וואו געפינט ער זיך? ביי דער צווייי און פערציקסטער. ער דאַרף פאָרן אין די בראָנקס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. מענטשן האָבן זיך געטראָגן צום אַריינגאַנג אין סאָבוויי. מ׳וואָלט אויך באַ־דאַרפט אַרונטערגיין. גאָרנישט אַזאַ פאַרגעניגן צו פאָרן אין סאָב־וויי. די פיס טוען אָבער וויי. דער עקספּרעס גייט שנעל, עס וועט נישט נעמען לאַנג. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט.

דער לעקסינגטאָן־עוועניו־עקספּרעס איז אָנגעקומען, אַרויסגע־שפּיגן אַ פּאָר מענטשן, און גענומען אַריינצי׳ען אין זיך די מאַסע, וואָס האָט געוואַרט אויף אים.

זלמן האָט זיך דערפילט אינעווייניק, אַ שטייענדיקער הערינג, איינגעפּרעסט אין אַ מענטשן־פּעסל, די הענט אַרונטערגעלאָזט, נישט מעגלעך אַרויסצוצי׳ען אַ האַנט. דער רוקן פון אַ פרוי איז געווען אַזוי צוגעפּרעסט צו אים, אַז ער האָט צוערשט דערשפּירט דעם גערוך פון פּודער און באַלד דעם ריח פון איר קערפּער. די קליי־דער, די איינציקע מחיצה צווישן זיי ביידן... ער האָט געפּרוווט זיך אָפּרוקן, אָבער נישט געקענט. ס׳האָט געשמעקט מיט שווייס...

„על אדני אשליך יהבך״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, שוין ווי עס איז דערפאָרן, און זיך גענומען צוהערן צום גאַנג פון דער באַן.

בליץ־שנעל האָט זיך געטראָגן דער עקספּרעס, געשניטן די לופט. געשטורעמט. זלמן האָט געהערט אַ שטורעם בושעווען, ווינטן האָבן געריסן, שווערער האָגל האָט געקלאַפּט אין די פענסטער, הילכיקע דונערן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דעכער, בליצן האָבן זיך געזען. שטיקנד הייס. די באַן שטעלט זיך אָפּ, אויס שטורעם, טירן

עפֿענען־זיך, לאָזן אַרויס מענטשן, אַנדערע קומען אַריין, ווידער פֿאַרמאַכן זיך די טירן, דער שטורעם בושעוועט ווײַטער.

צוויי און זיבעציק, זעקס און נײַנציק, הונדערט און פֿינף און צוואַנציקסטע סטאַנציע, הונדערט גיין און פֿערציק.

חען די באַן האָט זיך געגומען אַרויסציִען פֿון אונטער דער ערד, הויך אַריבער, האָט זלמן אַ טראַכט געטאָן וועגן דער באַן: אַז דאָס איז אַ מאָנסטערהאַפֿטע באַשעפֿעניש, אַ סובסטערע, וואָס טינקט זיך אונטער אין אײן זײַט שטאָט, שווימט אונטער דער ערד, און טויכט אַרויס אויף דער צווייטער, צו לויפֿן הויך איבער איר. מ׳זעט שוין גאַסן, הײַזער, עס ווערט שוין אויך גרינער אין די וואַגאָנען. נאָך אַ סטאַנציע, און ער דאַרף שוין אויך אַרויסגיין.

ווי גוט עס איז צו זײַן אינדרויסן.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום הויז, וואו פֿלאָרא האָט געוואוינט. אָנגעקלונגען, און געקומען גיין אויף די טרעפּ, האָט ער דערפֿילט זײַן האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק, ער הערט דאָס קלאַפּן. באַלד וועט ער זי זען. ווי וועט ער זי באַגעגענען? בײַראָנס:

„און ווען איך באַגעגענען דיך
נאָך לאַנגע יאָרן,
ווי זאָל איך באַגריסן דיך?
מיט ווײַגען און טרערן"

איז אים אַרויף אויפֿן זינען. ער האָט קיין צײַט געהאַט צו טראַכטן מער.

ער האָט געהערט פֿלאָראס שטימע פֿרעגן:

— ווער איז עס?

ער האָט בײַשט געענטפֿערט, געגאַנגען אַרויף צו דער טיר. פֿלאָרא, מיט צעלאָזטע האָר — געהאַלטן אין פֿאַרקעמען זיך — איז געשטאַנען בײַ דער געעפֿנטער טיר. אַ פֿאַרוואונדערטער קוק און אַן איבעראַשונג־אויסגעשריי:

— יאַמע!

ער האָט דערפילט אַ באַקאַנטן קוש — פלאַראַס קוש. ...ע האָר האָבן זיך אַריינגעריסן צווישן זייערע פנימער, זי האָט באַ... פרייט זיין נאַקן, מיט איין האַנט פאַרשאַרט די האָר, דער לוי... אַרבל האָט זיך אַרויפגעשאַרט. דער שאָטן אונטער דער פּאַ... האָט צוגעצויגן זלמנס אויג.

— ביסט געקומען, ביסט דאָ! — האָט פלאַראַ אָן אויפגע־רעגטע גערעדט, געקוקט אויף אים, אים אָנגענומען און אָנידער־געזעצט, — ווען ביסטו געקומען?

— נאָר וואָס פון באַן. זיך נישט געריכט אויף מיר, וואָס?

— און מיר אפילו נישט געלאָזט וויסן, אַז דו קומסט.

די ווערטער ווערן באַגלייט מיט אַ שמערצפולן קוק.

— דו זעסט אויס גוט — גיט זי צו מיט אַ פריילעכן טאָן. — ווי פילסטו?

— נישקשה — ענטפערט ער, און נעמט פאַררייכערן. ער זעט ווי זי פאָלגט נאָך זיין באַוועגונג, און ענטפערט מיט אַ שמייכל:

— איך מעג שוין רייכערן. און וואָס מאַכסטו עפעס, ווי האָט זיך עס געלעבט די גאַנצע צייט?

— געלעבט.

דער אַקצענט אויפן וואָרט האָט אים דערציילט אַ סך. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר געזיכט. אונטער די אויגן שוואַרץ און אויף די באַקן שפילט אַ מאָדנע רויטע פאַרב. אים געפעלט נישט די פאַרב. דאָס איז נישט איר נאַטירלעכע פאַרב, און זי נוצט דאָך קיין „רוזש".

— איז ווי האָסטו פאַרבראַכט די גאַנצע צייט, מיר האָבן זיך דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען.

זי קוקט אויף אים מיט אַ ליבלעכן פאַרוואורף, און מע... טרויעריק ווי ברוגז, זאָגט זי אַרויס:

— מיין שלעכטער זיאַמע!

ער הערט זיך צו צו די ווערטער, צו דעם טאָן, װעט אי מינע ביים אַרויסזאָגן די ווערטער, און אים פאַרקלעמט בײ האַרצן. דאָס איז דער איינציקער פאָרוואורף.

„מיין שלעכטער זיאַמע".

איז עס מעגלעך, אַז זי האָט טאַקע די גאַנצע צייט געוואו אויף אים, געבענקט נאָך זיינס אַ וואָרט. יאָ, זי איז אויפריכטי אָבער מעגלעך, דאָס פילט זי בלויז איצט, און אין אַ פּאָר מינו אַרום וועט איר באַנג טאָן, וואָס ער איז גראַדע געקומען הייני ווייל אויף היינט האָט זי אַ ראַנדעוואו.

זי האָט זיך געהאַלטן אין פאַרקעמען.

— יאָ, אַ שלעכטער, מעגלעך, — האָט ער געענטפערט צי שטרייט, — און אפשר טאַקע דערפאַר געקומען.

— ביסט געקומען, ביסט דאָ, ביסט דאָ ביי מיר, — רעדי זי אויפגערעגט, אַננעמענדיק אים ביי די הענט און פאַרקוקנדי אים אין די אויגן.

— וואונדערט דיך נישט מיין קומען היינט אַהער?

— וואונדערן? — און אָפּנהאַרציק אַ ביסל גיט זי צו. — ניין, כ'האָב זיך נישט געריכט, אַז דו וועסט קומען היינט, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען צוריק, וועסט קומען אַ געזונטער און וועסט שוין מער נישט אַוועקפאָרן, איבערלאָזנדיק מיך, איינע אַליין, איינע אַליין...

די לעצטע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַזאַ טרויעריק שווייגן איינע אַליין, איינע אַליין...

זלמן האָט זיך נישט איינמאָל געפּרוווט פאָרשטעלן איר לעבן אָן אים, און ער האָט זי אַלע מאָל געזען אַ פריילעכע, אַרומגע־רינגלט מיט יונגעלייט. און איצט הערט ער אַזוינע ווערטער, און דער טאָן איז אַזאַ אויפריכטיקער. ניין, ער האָט געדענקט װעגן

פלאָראַן נישט ריכטיק. אין די פּאָר ווערטער האָט ער עס דערהערט. ער זעט עס אויף איר געזיכט. טאָ פונוואַנען קומען צו איר די בלויע רינגען אונטער די אויגן. ער האָט פריִער געדענקט פון פאַרברענגען צו שפּעט. זענען זיי אַ פאָלגע פון שלאָפלאָזע נעכט, ליגנדיק און טראַכטנדיק וועגן אים, וועלכער האָט געטראַכט וועגן איר, אָבער געטראַכט שווייגנדיק, גרויזאַם געשוויגן?

ער גלעט אירע האָר, וויל געפינען אַ וואָרט צו צעזייען איר דעם טרויער, וואָס איז אָנגעקומען מיט דעם שווייגן, אָבער אָנשטאָט צעזייען דעם טרויער, מאַכט ער אים נאָך געדיכטער, צוגעבנדיק, אַז ניין, ער וועט נישט פאַרבלייבן, ער וועט דאָ זיין אַ טאָג, העכסטנס צוויי, און דאַן פאָרט ער צוריק אין די בערג, ער דאַרף בלויז עפּעס באַזאָרגן דאָ.

ער זעט איר אומרויִקן פרעגנדיקן קוק, און ער ענטפערט: ער איז שוין אפילו געזונט, אָבער דאָס וואָלט דאָך געווען נאַריש צו קומען פון די בערג פרילינג-צייט אין שטאָט אַריין. ער וועט דעם זומער פאַרברענגען אין די בערג, און ס'וואָלט נישט געשאַדט, זי זאָל אויך אַרויספאָרן אַהין. דאָ איז אַזוי פאַרשטיקט, אַזוי ענג, דאָרט איז אַזוי פריי, שיין.

פריש איז נאָך דער איינדרוק, וואָס די שטיינערנע שטאָט האָט אויף אים געמאַכט, און די גאַנצע רויִקייט און שטילקייט פון די שיינע בערג שלייכט זיך פאַרביי דעם טומל און באַווייזט זיך פאַר זיינע אויגן. ער זיצט און דערציילט און מאָלט, מאָלט די שיינקייטן, דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געהאַט דאָרטן, ביז ער כאַפּט זיך, אַז ער האָט שוין לאַנג, לאַנג נישט גערעדט אַזוי פיל. פונוואַנען נעמען זיך צו איב אַזוי פיל רייד, און צו וואָס רעדט ער דאָס אַלץ, איז ער צוליב דעם געקומען צו פלאָראַן?

-- גרייטסט זי צו צום פאָרן אין די בערג, זלמן, — לויפט ביי אים דורך אַ געדאַנק, און ער הייבט אויף די אויגן, קוקט אויף

פלאַראַן, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסן ווי איינהערנדיק זיך צו זיינע רייד, און ער וויל אויף איר פּנים איבערלייענען אויב זי וועט פאָרן אין די בערג...

— נו, און ווי האָט זי פאַרבראַכט, וואוהין געגאַנגען, וועמען און וואָס געזען, וואָס מאַכן די באַקאַנטע, וואָס מאַכט רובינשטיין, שלייען, די איבעריקע?

— זי איז כמעט אין ערגעץ נישט געווען, און זעלטן ווען געזען וועמען פון די באַקאַנטע.

כם... זי האָט מורא צו זאָגן דעם אמת. אָבער פאַרוואָס רעדט זי אַזוי אומעטיק, זאָגט אַרויס אַ פּאָר ווערטער און ווערט אַנטשוויגן; און דאָס שווייגן ווערט אַרומגערינגלט מיט אַזאַ טרויעריקער לופט. וואָס איז דיר, מיין שיין בלימעלע? איז עס מעגלעך, אַז דער פאַרדאַכט איז אַ גערעכטער, נישט בלויז אַ פאַרדאַכט, אָדער איז דער טרויער געקומען צוזאַמען מיט אים.

וואָס שווייגט זי אַזוי?

וויפיל אָנגענעמע שטונדן זיי פלעגן פאַרברענגען שווייגנדיק. אָבער איצט דריקט דאָס שווייגן. ער פילט ווי דאָס שווייגן צווינגט אים אַרויסצוזאָגן דאָס, נאָך וואָס ער איז געקומען. פון דעם שווייגן פילט ער, אַז זי וואַרט אויף דעם וואָרט, אָבער ווי זאָגט מען עס איר איצט, דאָ.

זיי גייען ביידע אַראָפּ אין דעם נאָענטן פּאַרק, און מ׳דערמאַנט זיך איינס ס׳אַנדערע די פלעצער וואו מ׳איז געזעסן, פאַרבראַכט. מ׳רעדט, מ׳מאַכט אויבנאויפיקע באַמערקונגען, פילנדיק, אַז נישט דאָס דאַרף געזאָגט ווערן, און שווייגנדיקע קערט מען זיך אום צוריק צו איר אין צימער.

שאַ, שטיל, די הויז-לייט שלאָפן שוין. פלאַראַ און זלמן טרעטן ביידע שטיל. פּאַמעלעך און באַלד בלייבן זיי ביידע זיצן שווייגנדיקע, אומעטיקע.

— „און וועל איך דיך בײַם געבענען נאָך לאַנגע יאָרן, ווי זאָל איך דיך באַגריסן? מיט שווײַגן און טרערן". ער וואָלט איצט זי אויסגעוויינט פאַר איר, דערציילט איר אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעליטן, איבערגעלעבט, איבערגעטראַכט וועגן אַלץ, וועגן איר, וועגן זײַנע לעצטע מחשבות וועגן איר, אָבער ער קען נישט, ער געפינט נישט דאָס וואָרט.

— וואָס אַזוי אומעטיק, אַזוי שווײַגנדיק? — פרעגט זי.

ער גיט אַ קוק אויף איר, ווידער דערזעט ער פאַר זיך די פלאָרא, וואָס ער האָט אַמאָל געקענט, אָבער אים דאַכט זיך, אַז עפּעס אַן ענדערונג איז אין איר פאָרגעקומען. ער ווייסט נישט אין וואָס די ענדערונג באַשטייט, אָבער דערפאַר טאַקע שרעקט עס אים.

ער נעמט אַרײַן איר האַנט אין זײַנע.

— דאָ אַ סך צו רעדן, דעריבער שווײַגט זיך.

— אָבער נישט אַלע פאַרשטייען די שוויַיג־שפּראַך.

-- דו האָסט מיך אַמאָל פאַרשטאַנען.

— איך פאַרשטיי איצט אויך. איך זע דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן און זאָגסט נישט. וואָס מיינט דײַן קומען אַהער הײַנט, און דײַן באַשלוס צוריקצופאָרן?

— מיינסט צו פרעגן, צוואָס בין איך ווידער געקומען צו דיר?

— זיאַמע! — האָט זי אויסגערופן נישט מיט איר קול, — כ'האָב געוואַרט אויף דײַן קומען טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט, כ'האָב אָבער נישט דערוואַרט דו זאָלסט אַזוי רעדן, ווען דו וועסט קומען, דו מיינסט דאָך עס נישט. זאָג אַז נישט, דו זאָגסט עס בלויז, כדי צו פאַרשטעלן דײַנע אמתע געדאַנקען, נישט אמת?

— ווי זי קען מיך, — האָט זלמן אַ טראַכט געטאָן, און איר

פאַרנינפטיקע רייד, אַרויסגערעדט אין אַזאַ אויפריכטיקן טאָן, שטעכן אים און טרייבן אים: פאַרוואָס מאַטערסטו זי, זאָג, רעד.

ער מוז רעדן.

— זי איז גערעכט. ער איז געקומען, ווייל ער האָט געוואָלט זי זען, און געוואָלט האָט ער זי זען נאָכאַמאָל, ווייל אַ געדאַנק מעגלעך אַ נאַרישער אָדער אַן אַכזריותדיקער, וואָס פאַרפאָלגט אים אויף שריט און טריט, אַ געדאַנק, וועלכער האָט נישט איין נאַכט שלאָף פון אים גערויבט, און וועלכער וועט אים נאָך נישט איין האָר אויף גרוי פאַרבן, אויב זי וועט דעם געדאַנק נישט פאַרטרייבן.

— זי?

— יאָ, זי, עס האַנדלט זיך וועגן איר געזונט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פרעגנדע אויגן. זלמן האָט לאַנג געקוקט אויף איר, געזען אירע אויגן, און אַ רחמנות האָט זיך אים דערוועקט צו זיין ליבער פלאָרא. צו וואָס איר דערלאַנגען דעם קלאַפּ? אָבער ער דערפילט, אַז איצט אָדער קיינמאָל, און פאַרטרייבנדיק אַלע רחמנות-געפילן, זאָגט ער איר אַרויס קלאָר די אורזאַך און דעם צוועק פון זיין קומען.

— זי, קראַנק! וואָרום דענקט ער אַזוי? עס איז נאַריש. ער מעג זיין רויק, און צוליב דעם בלויז איז ער עס געקומען?

— זי איז גערעכט, מעגלעך ער האָט טאַקע נישט באַדאַרפט קומען, עס איז אויך מעגלעך, אַלנפאַלס האָפט ער, אַז זי איז אויך גערעכט, זי איז געזונט, אָבער עס איז דאָך דאָ פּלאַץ פאַר פאַר־דאַכט...

די קראַנקן-וועלט האָט אויף אים געווירקט. ער האָט דאָרט פאַרבעסערט זיין געזונטס-צושטאַנד, אָבער ער טראַכט מיט דעם גע־דאַנקען-גאַנג פון דער קראַנקן-וועלט. ער מוז זיין רויק, זי וויל נישט ער זאָל רעדן דערפון.

און אַלס באַוואָרעניש ער זאָל מער נישט רעדן, שליסט זי אים צו זיין מויל מיט אַ קוש.

צאַרט ווי מעגלעך באַפרייט ער זיך פון איר. ער פילט, אַז זי איז גובר, און אויב ער וועט איצט נישט פועלן, וועט אַלץ זיין פאַרפאַלן. זי וועט אים נישט פאָלגן, און זיצנדיק לעבן איר, וועט זיין פאַרדאַכט זיך באַהאַלטן, אָבער שפּעטער וועט דער פאַרדאַכט־וואָרעם ווידער נעמען נאָגן, פרעסן זיין האַרץ. איין אָנשטרענגונג נאָך, די לעצטע.

— זי איז גערעכט. מעגלעך, דאָס איז אַ מאָניע בלויז, אַ אידעע פיקס, אָבער די מאָניע פאַרפאָלגט אים, מאַכט אים גרוי און אַלט. אויב זי האָט אים נאָך ליב...

זי שטעלט אָפּ זיינע רייד, פאַרשטעלנדיק אים דאָס מויל.

— נו יאָ, זי האָט אים דאָך ליב, זאָל זי אים טאָן אַ טובה, די לעצטע, וואָס ער בעט ביי איר, פעסטשטעלן, אַז זי איז געזונט. ער ווייסט ווי אומאָנגענעם דאָס איז, אָבער ער בעט זי, ער בעט זי מיט טרערן אין די אויגן.

זלמן קען מער נישט רעדן. טרערן שטיקן אים, און פלאָרא, דערזעענדיק ווי זלמן קערט אָפּ דעם קאָפּ, כאַפּט זי אים אַרום מיט ביידע הענט:

— נו. שאַ, זיסמע. זי וועט גיין צו אַ דאָקטאָר, מאָרגן וועט זי גיין. זאָל ער זיין רויק.

ער דאַנקט איר, דריקט איר האַנט. און מיט אַ שטילן קוש צעשיידט מען זיך ביידע אומעטיקע, ביידע טרויעריקע, ביז מאָרגן.

XIV.

לאַנג, אומענדלעך לאַנג האָט זיך געצויגן די נאַכט פאַר זלמנען. אַ וואַכער איז ער געלעגן און געטראַכט וועגן דעם מאָרגן. וואָס וועט ער אים ברענגען? איז עס מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז אַן איינרעדעניש, אַ מאַניע, אַ רעזולטאַט פון דער קראַנקן־וועלט? זיינע אַלע ידיעות וועגן דער קרענק און די פאַרשידענע קראַנקע, וואָס ער האָט דערקענט, שווימען אַרויף אין זיין זכרון. דער און דער, און דער, זיי האָבן אַלע געהאַט ווייבער, קינדער, און דאָך זענען די לעצטע געזונט. ער ווייסט, אַז פלאָראַ דאַרף זיין געזונט. ער פילט אָבער אַז זי איז נישט, און ווען געפיל רעדט, מוז לאָגיק שווייגן. מאָרגן וועט ער וויסן זיכער. און אויף מאָרגן פלאַנעוועט ער פלענער, זעט זיך מיט איר איינגעם אין די בערג, און שפינענדיק ווייטער זייער געמיינשאַפטלעכן לעבנס־פאַדים, שלאָפט ער איין.

זלמן האָט אַרומגעשפאַצירט הין און צוריק אין פראָנט פון דאָקטאָרס קאַבינעט, יעדע צוויי דריי מינוט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויפן זייגערל, צום אַריינגאַנג, געטראַכט, אַז עס נעמט אַזוי לאַנג, אַרויפגעקוקט צום דאָקטאָרס פענסטער, זיך געלאָזט גיין, זיך אומגעקוקט אויף צוריק: טאָמער איז זי אַרויסגעקומען אין דער

צייט, וואָס ער האָט געמאַכט די פּאָר טריט, און ווייטער געגאַנגען, און ווידער זיך אָפּגעשטעלט. געשטאַנען אויף שפּילקעס, אַרומגע-גאַנגען ווי אין אַ תּפיסה-קאַמער. שטעכיקע אומגעדולד.

ער איז געווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג פאָרויס פון דער טיר, דורך וועלכער פלאָרא האָט באַדאַרפט אַרויסקומען, ווען ער האָט דערפילט, אַז עמעצער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אים. ער האָט זיך נערווועז אַ צאַפּל געטאָן און דערזען פלאָראַן ביי זיין זייט. איר אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ האָט אים אַלעס דערציילט. אירע אַרונ-טערגעלאָזטע אויגן האָבן גערעדט צו אים, גערופן:

— קין, וואָס האָסטו געטאָן צו דיין שוועסטער!

ער האָט אָנגענומען איר אָרעם, אָפּגעשטעלט זי, פאַרקוקט איר אין די אויגן.

ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם קוק.

קיין האַס, קיין פאָרוואורף אפילו. אַ וועלט מיט ווי איז גע-ווען אין דעם קוק. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, אָפּגעלאָזט דעם אָרעם, און שווייגנדיקע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ איז מען ביידע געגאַנגען, ביז ער כאַפּט זיך, אַז דער מענטשן-שטראָם האָט זיי צעטיילט. ער זוכט אָפּ מיט די אויגן פלאָראַן, שטעלט זי אָפּ און רופט צו אַן אויטאָמאָביל. זיצנדיק אינעווייניק, שפּאַרט זי אָן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, און ער פילט ווי זי וויינט. שטיל זיצ-זלמן, פילנדיק אויף זיך פלאָראַס קאָפּ. ער גלעט איר פלייצע און אין זיין געדאַנק טראָגט זיך: „ווייל יעדער איינער טויט, וואָס ער ליבט. דער בראַווער טוט עס מיט אַ שווערט, דער פייגלינג מיט אַ קוש". ער האָט זי געטויט מיט אַ קוש. מיתה בנשיקה. און זי שפּאַרט נאָך אָן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, וויינט... וואָלט זי אים פאַרטריבן פון זיך, וואָלט זי זיך איינגעקלאַמערט אין זיין האַלז מיט אירע פינגער, אים דערשטיקן, וואָלט אים מער ניחא געווען ווי אָט די שטילע טרערן, וועלכע שניידן זיך אַריין אי

זיין האַרץ ווי שפּיציק־שאַרפע נאָדלען. קען ער איר זאָגן אַ וואָר־ קען ער איר קוקן אין די אויגן?...

אַריינקומענדיק אין צימער, האָט זי נאָכלעסיק אַראָפּגענומען דאָס היטעלע, עס אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט, איינגנורענדיק דעם קאָפּ אין קישן. קיין געוויין האָט זיך נישט געהערט. זלמן האָט בלויז געזען ווי אירע אַקסלען צוקן און איז געשטאַנען ביי דעם בעט מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט מורא געהאַט זיך צוצורירן צו איר, זיין באַריר, איז ער זיכער, וועט זי אַ שטאָך טאָן. וואָס קען ער טאָן? טרייסט דעם פאַרוואונדעטן, אַז די קויל איז געווען אַ גאָלדענע! סיידן זיך אַליין אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ. פאַרניכטן פאַרניכטונג מיט פאַרניכטונג. אָבער עס שיסט זיך נישט. ער וויל נאָך לעבן און וויל נאָך זען פלאָראַן אַ געזונטע. לעבן. ווי ער האַסט דאָס לעבן, צו וועלכן ער איז פאַרשקלאַפּט ווי אַן עבד כנעני, וועלכעס האַלט אים ווי אין קלאַמערס און לאָזט אים נישט אָפּ. און אַפילו איצט, שטייענדיק פאַר זיין פאַרוואונדעטער פלאָראַ, קען ער נישט מאַכן אַ סוף, דער מערדער זאָל אויך אַ זעלבסטמערדער זיין. ער קען נישט, און האָט זיך פיינט פאַר זיין פייגהייט. דער פייגלינג טוט עס מיט אַ קוש. מיט אַ קוש האָט ער זי פאַרוואונדעט. שיין בלימעלע מיינס. לאַנג איז ער געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ביים בעט, חושימלאָז, נישט קענענדיק מאַכן אַ באַוועגונג נענטער צו פלאָראַן. אָבער אָט הייבט זי אויף איר קאָפּ פון קישן, קוקט מיט אירע פאַרוויינטע אויגן אויף זלמנען, ווי ער שטייט אַזוי נישט זעענדיק זי, און זי הייבט זיך אויף אויפן בעט, נעמט אַרום זיין קאָפּ מיט אירע אָרעמס, ציט אים צו זיך, ציט אים אַריין אין בעט און פאַרציט זיך אין אַ שטאַרקן,ליידנשאַפטלעכן קוש.

— פלאָ—ראַ! — אַ שטראָם טרערן האָט זיך אַרויסגעריסן ביי זלמנען, און ער האָט געוויינט הויך אויפן קול.

פלאָרא נורעט איין זיין קאָפּ אין איר בוזעם, גלעט זיינע האָר און בעט אים ער זאָל זיך באַרויִקן:

— נו שאַ, זיַאמע, שאַ, און זי גלעט זיינע האָר, און שטילט אים איין, און ווען זיין געוויין הערט זיך שוין מער נישט, הייבט זי אויף זיין קאָפּ, קוקט אים אַריין אין די אויגן, און קושט אים שטאַרק, קושט אים ליידנשאַפטלעך.

קליין און נישטיק האָט זיך זלמן געפילט זיצנדיק זייט ביי זייט מיט פלאָראַן און זיך איינהערנדיק צו אירע רייד, ווי זי טרייסט אים און באַרויִקט אים, אַז ער איז נישט שולדיק.

— דאָס איז נישט זיין שולד, זיכער נישט זיינע. זאָל ער איר קוקן גלייך אין די אויגן, אָט אַזוי.

האַלטנדיק זיין קאָפּ אין אירע הענט, שמייכלט זי קוקנדיק אויף אים, און ווען זי פילט, אַז ער וויל אַרונטערלאָזן דעם קאָפּ, זאַפּט זי זיך איין מיט אירע ליפּן אין זיינע אויגן, קושט זיי מיט אימפּעט. זי באַדעקט זיין פּנים מיט קושן. זי ווישט אָפּ די טרערן, וואָס באַווייזן זיך ביי איר, הייבט זיך ראָש אויף פון בעט, קוקט זיך איין אין שפּיגל, זעצט זיך ווידער צו צו אים און הייבט אָן רעדן.

נאָר נישט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. געוויס, ס׳איז נישט פריי־לעך, אָבער צו וואָס מאַכן טרויעריקער ווי ס׳איז. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אייניקע חדשים רו, זי וועט פאָרן מיט אים אין די בערג.

זלמן הייבט אויף דעם קאָפּ, זיינע אויגן לייכטן אויף.

— יאָ, זי וועט פאָרן מיט אים.

צו זלמנען האָט זיך צוריקגעקערט זיין לשון, און ער רעדט פיל, רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן די בערג, שילדערט פאַר איר ווי זיי וועלן לעבן דאָרט. ער רעדט, ווערנדיק אַליין באַרוישט

פון זיינע רייד, גלויבנדיק אַלץ, וואָס ער זאָגט. און ער רעדט אזוי האָפנונגספול.

— יאָ, זי וועט געזונט ווערן, זיי חילן ביידע געזונט ווערן. קענטיק, עס איז באַשערט זיי זאָלן דאָך לעבן און לעבן, און זיי וועלן לעבן. דער עיקר, אַנטלויפן פון דאַנען, פון שטאָט. די ענדע פריילינג און זומער וועלן זיי פאַרברענגען אין די בערג, און דאַן וועלן זיי ביידע פאָרן ווייט, ווייט, אין דער גאָלדענער וועסט, דאָרט וואו די זון שיינט יעדן טאָג דורכן יאָר, ווי די לופט איז טרוקן ריין, דאָרטן וועלן זיי לעבן אַ שטילן רויִקן לעבן, קיין איין טאָג וועלן זיי דאָ נישט בלייבן מער. פאַרשאָלטן זאָל ווערן די שטיי־נערנע, שטאָלענע שטאָט מיט איר לאַרם און געפּילדער. מאָרגן פרי פאָרן זיי. זי דאַרף מיט קיינעם זיך נישט געזעגענען, זי דאַרף גאָרנישט צוגרייטן, איינאָרדענען. ער האָט שוין אַלץ פאַרזאָרגט דאָרט אין די בערג, מאָרגן פאָרן זיי.

שטונדן לאַנג איז מען געזעסן און געפירט אַ געמיטלעכן געשפּרעך, גערעדט, געפּלאַנעוועט ווי זיי וועלן לעבן, ווי פאַר־געסנדיק אָן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, און העלפנדיק איר איינ־פּאַקן אירע זאַכן, מאַכט מען פריילעכע באַמערקונגען. וואָלט אַ זייטיקער אַריינגעקומען, וואָלט ער געדענקט, אַז דאָס גרייטן זיך נישט צוויי קראַנקע אָפּצופאָרן אין דער קראַנקן-וועלט, נאָר אַ יונג־פּאָרפאָלק, וואָס פאָרן אויף זייער האָניק־חודש-רייזע.

פאָרנדיק צו דער באַן, איז פאַר זלמנען אַרויפגעשוואומען זיין ערשטער אָפּפאָר, דאָס געזעגענען זיך דאַן מיט פלאָראַן, און ער פילט, אַז איצט איז אים די רייזע נישט אַזוי שווער, נישט אַזוי פּייַנלעך.

אים נישט, אָבער פלאָראַן?

וואָס לעבט זי איצט איבער, וואָס פילט זי דורך. ער האָט מורא צו טראַכטן דערפון, ער פאַרטויבט זיך און פלאָראַן מיט רייד.

זלמן איז געוואָרן באַרעדעוודיק.

זיצנדיק אין וואַגאָן, האָט ער אָנגעצייגט פלאָראַן, זי זאָל קוקן אויף דעם באַרג און אויף יענעם. ער האָט געוויזן „זיינע" בערג, פונקט זי וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געהאַט געזען. און נישט נאָר בערג „ווייזט" ער איר.

זעט זי די צעשוואָומענע פרוי? מוז שוין פאָרן אויף דאַטשע. פאַרכאַפּט פאַר פרי, מוז זיך נעבעך פּאָפּראַוויען. און דער בחור... און דאָס מיידל... ער רעדט שוין באַלד רכילות וועגן אומבאַקאַנטע מענטשן, אָבער וועלכע טעמע איז נאָך אַזאַ דאַנקבאַרע ווי רכילות, מ'קען אויסציִען דאָס געשפּרעך ביז דער סטאַציע.

געקומען. ער האָט שוין נישט געפילט דעם טיאַכק אין האַרץ, די פאַרלוירנקייט, וואָס ביים פריערדיקן מאָל, ער איז שוין געקומען „אַהיים".

אָבער פלאָראַ?

ער רופט שנעל צו אַן אויטאָמאָביל און הייסט אים פאָרן

— זי האָט דאָך גאָרנישט דאַקעגן, וואָס ער האָט געדונגען אַ צימער ביי נישט יידן? יידן, ספּעציעל יידענעס, — זאָל איך נישט פאַרדריסן וואָס ער זאָגט עפּעס אויף איר געשלעכט — זענען זייער אינקוויזיטיוו, און דאָ אין צימער, וואָס ער האָט געדונגען זענען זיי אַ געזונט פּאַר-פאָלק. זאָל זי זיך נישט שרעקן, דאָס חתונה צעטל וועט מען נישט דאַרפן אויסהענגען אויף דער וואַנט.

די באַלעבאָסטע, אַן עלטערע קריסטין, האָט זיי אויפגענומען, גאַנץ פריינטלעך, קוקנדיק אויף די יונגע חברה מיט דעם קוק: אַך, איר יונגע, אַך, איר נאַרישע, אַך, איר גליקלעכע! אַמאָל אויך געווען יונג. זי ציינט זיי דאָס צימער, אַלץ צוגעגרייט, ציט אַרויף די שטאָרן פון די צוויי פענסטער.

— איז דאָס נישט אַ גלאָררייכער טאָג?

אויסדריקנדיק איר האָפנונג, אַז זיי וועלן זיך פּילן באַקוועם, פאַרלאָזט זי דאָס צימער.

זלמן איז צופרידן, וואָס פלאָראַן געפעלט דאָס צימער, ער זעט, ווי זי וואַרפט אַ קוק צום באַלקן, באַטראַכט די בילדלעך, וואָס הענגען אויף די ווענט. ער פירט זי דאַן צו צום פענסטער, וואָס גייט אַרויס צו צפון און צייגט איר אָן:

— זעט זי יענעם באַרג, ער קוקט אויס ווי אַ סאַמעטן היטל אויף דער ערדס קאָפּ, ניין? און דאָ דורך דעם פענסטער, זעט זי ווי שיין די בערג קוקן אויס? וואַרט, נאָך אַ פּאָר שטונדן, ווען די זון האַלט ביים פאַרגיין, איז דאָ אמת שיין. און דאָ איז אַ פּיאַזע, אַז מ'וויל, רוקט מען אַרויס דאָס בעט און מ'שלאָפט אונטער גאָטס הימל. ווי געפעלט עס איר?

— יאָ, ס'איז גוט, און ווי הויך, מ'זעט דאָך אַ וועלט פונדאַנען. — דאָ איז איבער איין און צוואַנציק פוס הויך — ענטפערט זלמן מיט אַ מין גאווה וועגן זיינע בערג.

זלמן האָט ווי פאַרגעסן, אַז ער איז קראַנק, ער האָט בלויז געדענקט וועגן פלאָראַן. זי האָט ער געוואָלט צוגעוויינען צום געדאַנק פון קראַנק זיין, ער האָט אָבער מורא געהאַט איינצופירן פאַר איר אַ קראַנקן־רעזשים גלייך, מיטאַמאָל, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָט ער געטראַכט, אומבאַמערקט פאַר איר, ווי אויך פאַר דער באַלעבאָסטע, וועט ער זי צוגעוויינען צו גיין פּאַמעלעך, צו רוען, רוען רעליגיעז, רוען מיט כוונה... דערווייל אָבער זענען זיי אַ געזונט פאָר פאָלק און זיי דאַרפן פאַרברענגען.

איינגעאָרדנט זיך אין צימער צעשטעלט און צעהאָנגען די פאַרשידענע זאַכן, גייט מען אַראָפּ אין גאַס, ער צייגט איר דאָס שטעטל, די פּאָסט, די באַנק, די שול און ביבליאָטעק און אַנדערע מערקווירדיקייטן. מ'קויפט אויך איין קלייניקייטן, ווען ס'קומט אָבער אַרויפצוגיין צוריק אַהיים, דערקלערט איר זלמן, אַז ס'לוינט

זיך נישט צו קלעטערן אַרויף אַ באַרג, ווען פאַר איינע פינף און צוואַנציק סענט פירט מען זיי אַרויף, און מ'פאָרט אַרויף אַהיים. פאָרנדיק, זאָגט זלמן, אַז מאָרגן וואָלט געווען אַ פּלאַן זיך דורכ־פאָרן אויף אַ שפּאַציר אין אַן אויטאָמיביל, און ווען פלאָראַ שטימט איין, באַשטעלט ער דעם אויטאָמאָביל אויף מאָרגן.

— זי וועט אמת הנאה האָבן דערפון, — זאָגט זלמן מיט באַגייסטערונג.

זלמן כאַפּט זיך, אַז ער רעדט צופיל, רעדט מיט דעם טאָן, פונקט ווי ער וואָלט וועלן האַלטן פלאָראַס אויפמערקזאַמקייט אַ געוויסע צייט, אין פאַרלויף פון וועלכער מ'זאָל דערווייל הינטער אירע פלייצעס אָפּטאָן עפּעס, וואָס זי טאָר נישט זען, אָבער ער מוז רעדן, און אַפילו אין אָוונט, זיצנדיק אויף דער פיאַזע, קען ער זיך נישט פאַרגינען זיך צוצוהערן צו דער שטילקייט פון אָוונט, און אַנשטאָט צו געניסן דערפון שווייגנדיק, ציט ער פלאָראַס אויפמערקזאַמקייט אויף דער שטילקייט און שיינקייט אַרום.

— יאָ, דאָ איז שטיל און שיין, — ענטפערט פלאָראַ.

דער שטילער טאָן, אין וועלכן דער ענטפער ווערט אַרויסגעזאָגט, שטעלט אָפּ זלמנען. ער דערפילט, אַז פלאָראַ הערט נישט אַלץ, וואָס ער רעדט. זי הערט אים רעדן, אָבער זי טראַכט פון עפּעס אַנדערש.

פאַר אים שווימט אַרויף זיין ערשטער טאָג, זיין ערשטע נאַכט אין שפּיטאָל, און ער וואַגט נישט מער צו רעדן אין זיין לויזן טאָן, ער קריגט אויך מורא צו קוקן פלאָראַן אין די אויגן, ער ווערט אַנטשוויגן, און צוזאַמען מיט זיין שווייגן, קומען צו אים אויך די געדאַנקען וועגן זיך, וועגן פלאָראַן, און ווידער עגבערט אים אין מוח דער זאַץ:

„ווייל יעדער איינער טויט, וואָס ער ליבט. דער בראַוועד טוט עס מיט אַ שווערט, דער פייגלינג — מיט אַ קוש".

ער וואַגט נישט מער צו באַרירן פלאַראַן, אָננעמען איר האַנט.

פלאַראַ באַמערקט זלמנס אַנטשוויגן ווערן, זיין פלוצלינגעס צוריקציִען זיך, און זי ציט אים צו זיך, טוליעט זיך צו אים.

— יאָ, דאָ איז גוט, — זאָגט זי איבער מיט אַ זיכערן טאָן, — און מיר וועלן דאָ לעבן, שאַ, שטיל, אומגעשטערט פון קיינעם, יאָ?

זי גלעט זיינע האָר, קושט אים אין די אויגן, און ער, אַ שולדיקער, אַ דאַנקבאַרער, קושט אירע הענט. צערטלעכקייט פאַר צערטלעכקייט, און אָנשטאָט קושן אירע הענט, קושט ער שטיפּעריש איין פינגער נאָכן צווייטן. זי בלייבט קיין בעל חוב. און מ׳באַמערקט ביידע נישט, ווי די שטילע צערטלעכקייט פאַרשווינדט, און העלע, שרייענדע ליידנשאַפט פאַרבלענדט און באַטויבט זיי ביידע...

אויפגעכאַפּט זיך פריער פאַר פלאַראַן, איז זלמן געלעגן און געקוקט ווי פלאַראַ שלאָפט אַ רויִקע. אים געפעלן נישט אירע צוגעמאַכטע אויגן, אים דאַכט זיך, אַז אָט, אָט ציִען זיך די אויגן-לעדנלעך אַרויף, און אַ פּאָר שטומע אומבאַוועגלעכע אויגן וועלן קוקן אויף אים. דערפאַר אָבער רעדט צו אים איר שיינער האַלז, עס לאָקט דער שאָטן צווישן די ברוסטן, ער פילט זי, הגם ער רירט זיי נישט אָן, האַלט זיך אַפילו צוריק פון צובייגן זיין פּנים...

מיין שיין בלימעלע. ווי רויִק זי שלאָפט נאָך דער שטורמישער נאַכט...

ער טראַכט וועגן דער נאַכט, וועגן נעכט, וואָס וועלן נאָך קומען. דאָס טאָר אַזוי נישט אָנגיין, ער מוז בעדענקען, אַז ער איז אַ קראַנקער מענטש, ער מוז שטענדיק אַכטונג געבן אויף דעם בעכער וויין, וואָס ער האַלט אויף די שפּיץ פינגער, ער מוז אויך אין זינען האָבן פלאַראַן.

ער דאַרף דאָס זיין איר מדריך! ווי וועט ער זי אַרויספירן אויפן דרך, ווי וועט ער זי צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז זי [illegible] קראַנק, אַזוי אַרום פאַרמיידנדיק, אפשר עפּעס אַנדערש זאָל עס איר דערמאָנען... יענע נאַכט נאָך ניי יאָר... אַ שרעק באַפאַלט אים. דאָס זאָל זיך נאָר נישט איבערחזרן, און, באַהיט גאָט, טאָמער פלאָראַ...

ער מוז זיין פאָרזיכטיק. זייער פאָרזיכטיק.

פלאָראַ עפנט די אויגן, און דערזעענדיק לעבן זיך זלמנען אַ וואַכן, ציט זי אירע אָרעמס צו אים, אָרעמס — סאַמעט, וועלכע ווי שטאַרק זיי זאָלן נישט דריקן, לאָזן פילן זייער גלעט. ער פילט, ווי איר קערפּער ציט זיך צו אים, עס זידט דער קערפּער, און זיינע פאָרזיכטס-געדאַנקען וועפּן זיך אויס, ער גיט זיך איבער צו ז[יינע] נאָכנאַכטיקע צערטלעכקייטן און ליבעלייען, און ווען מ'שטייט ביידע אויף, און ער וואַרפט אַ קוק אויף זיין פאַרבעטן בעט, רעכט-פאַרטיקט ער זיך דערמיט, אַז גוט, וואָס פלאָראַ פאַרגעסט זיך דערוויילע, ער וועט זי מיט דער צייט צוגעוויינען. וואָלט עס בע-סער געווען, זי זאָל דורכלעבן די זעלבע מאַטערנישן, וואָס ער האָט דורכגעלעבט די ערשטע טעג?

אַ צופרידענער מיט זיין צוגעוויינען פלאָראַן, פאָרט ער פרייליכער אַרויס אויף שפּאַציר, באַוואונדערט אויפן קול די שיינ-קייטן, און רעדט, רעדט אַ סך. ווען ער דערהערט אָבער פלאָראַס ענטפער:

— יאָ, דאָ איז שיין, — דערמאָנט ער זיך אין זיין ערשטן אַרויספאָר מיט דער וועכטערין, און ער דערפילט, ווי פאַלש ס'מוזן קלינגען זיינע רייד פאַר פלאָראַן.

די פּאָר ווערטער, זייער טאָן, לאָזן אים אַריינקוקן אין פלאָ-ראַס געדאַנקען-גאַנג, און אים ווערט אומעטיק, טרויעריק אויפן האַרץ

דאָך טרייסט ער זיך, אַז זי קומט דורך דעם ערשטן טאָג פיל גרינגער ווי ער, און אויף די איבעריקע טעג וועט ער נאָך זען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט ער זי געגומען צוגעוויינען צום קראַנקן לעבן, צום רוען מיט כוונה... צייגנדיק איר אַ ביי־שפּיל מיט זיין אויפפירונג, אָבער נישט אַלע מאָל, איז עס אים גע־לונגען. קען ער און פלאָרא ליגן רויק, נישט טראַכטן, נישט רעדן איינער צום צווייטן?

די טעג זענען נאָך נישקשה, מ׳וואַרפט זיך דורך מיט ווער־טער, מ׳לייענט. אָבער די נעכט.

זלמן האָט געפילט, אַז זיין קלאָרער געדאַנק איז מאַכטלאָז קעגן דער פינסטערער נאַכט. ער האָט געפילט, אַז די נאַכט נעמט צו פון אים און פלאָראַן דאָס, וואָס דער טאָג האָט זיי ביידע געבראַכט, אָבער נישט זיין פעסטער באַשלוס, נישט זיין שטאַרקער ווילן האָבן געקענט פאַרמיידן די אויסברוכן פון דער נאַכט. זלמן האָט געפילט זיין מאַכטלאָזיקייט, און צוזאַמען מיט דעם געפיל איז אויך געוואַקסן דאָס געפיל פון שרעק.

דאָס טאָר אַזוי נישט אָנגיין.

ער מוז דאָס פאַרמיידן.

און אויב ער אַליין איז צו שוואַך, מוז ער נעמען עמעצן צו הילף, דעם דאָקטאָר.

פאַרבייגייענדיק, כלומרשט צופעליק, דעם דאָקטאָרס הויז, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מילד, ווי מעגלעך, ערקלערט פלאָ־ראַן, אַז מ׳וואָלט באַדאַרפט אַריינגיין צום דאָקטאָר. זעענדיק איר אומצופרידענע מינע, וועלכע האָט שטומערהייט געזאָגט: וואָס מאַ־טערסטו מיך מיט דיינע דאָקטוירים, — האָט ער זיך גענומען בעטן ביי איר, אַז, נו, דאָס איז בלויז אַ פאָרמאַליטעט, זאָל ער האָבן איר רעקאָרד צו זען, ווי זי בעסערט זיך חודש לחודש, יעדן מאָ־

נאָט וועט זי גיין צו אים, ער גייט דאָך אויך, זיי ווילן ביידע אַריינגיין.

פלאָרא האָט זיך באַקענט מיטן דאָקטאָר...

XV.

אומעטיקער איז געוואָרן פלאָראַ נאָכן באַזוך ביים דאָקטאָר, פאַרזאָרגטער איז געוואָרן זלמן. ער האָט געזען, ווי אַן אומעט האָט זיך פאַרצויגן איבער פלאָראַס געזיכט, איר געלעכטער איז פאַרשוואונדן, און האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, איז ער געווען אַ קרענקלעכער, אַ מידער. אַ מידקייט האָט זיך געשפּירט אין איר יעדער באַוועגונג, אומעט האָט באַגלייט אירע טריט. פויל, פּאַמעלעך, ווי שלעפּנדיק די פיס, האָט פלאָראַ געמאַכט אַ פּאָר טריט איבערן צימער און זיך געלייגט אין בעט, געלעגן און געשוויגן. קוקנדיק אויף איר, ווי זי ליגט אַ שווייגנדיקע מיט אָפענע אָדער פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך זלמנען געדאַכט, אַז זי טראַכט פאַרביטערט וועגן אים. ער האָט איר איינגערעדט, זי איז קראַנק, שלעפּט זי צו דאָקטוירים. וואָס וויל ער פון איר האָבן?

אַנטלויפן, אַנטלויפן פון אים.

אומרו:יק האָט ער נאָכגעפאָלגט איר יעדע באַוועגונג, איר יעדע מינע, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט, און זי וועט זיך אויפהייבן פון בעט, אַרויפוואַרפן אויף זיך אַ מאַנטל און אַוועק פון אים, און ער וועט אפילו נישט זיין ביכולת צו מאַכן אַ טריט זי אָפּ-

צושטעלן, אָדער זי וועט מיטאַמאָל אַרויספּלאַצן און אים פאַרלייע־נען איר באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אים.

אָבער פלאָראַ האָט געשוויגן, ווי אַ שטילע טויב אַרומגעגאַנ־גען, אָדער געלעגן. בלויז איין אָוונט האָט ער געזען, ווי פלאָראַ האָט זיך פאַרקליבן אויף דער וועראַנדע און שטיל פאַרצויגן דאָס ליד „נאַכט”.

וויפיל אומעט, וויפיל ווייַ איז געלעגן אין דעם זינגען שטיל קוים הערבאַר, און וואָס פאַר אַ טרויער איז אַנטשטאַנען, נאָכדעם ווי זי איז פאַרזונקען געוואָרן אין שווייגן, זיצנדיק מיטן קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אויף ביידע הענט פאַרמאַכט אין פויסטן.

ער איז געשטאַנען אין טיר, געהערט זי ברומען, געזען זי זיצנדיק, און זיין האַרץ האָט געקלעמט, איינגעשרומפּן געוואָרן פון ווייטיק.

ער איז צוגעגאַנגען און גענומען גלעטן לייכט אירע האָר. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט, אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך און ווייטער געשוויגן.

ער האָט געפילט, אַז זי שפּירט נישט זיין אָנוועזנהייט לעבן זיך, זי איז ווייט פון אים, בלויז די אָוונט שטילקייט באַהעלט זיי ביידן. . און ער האָט נישט געוואַגט זי צו באַאומרויִקן מיט אַ וואָרט אָדער באַוועגונג.

אַ פיינלעכער, שווייגנדיקער אָוונט.

ענדלעך הייבט זי זיך פויל אויף, און קוים אָנרירנדיק דעם באָדן מיט אירע פיס, שלייכט זי זיך שטומערהייט אַריין אין צי־מער און לייגט זיך שלאָפן.

זלמן איז געבליבן זיצן איינער אַליין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, לאַנג געזעסן, שווער געטראַכט, ביזוואַנען ער איז פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין זיינע מחשבות, זיין געדאַנקען־גאַנג האָט זיך געדרייט

אַרום איינצעלנע ווערטער, ער, פלאָרא, לעבן, טויט, די צווישנציי...
ביז דער טויט וועט קומען.

זי האָסט אים. ער ווייסט עס, אמת, נישט אַלע מאָל. עס גיב...
מאָמענטן, ווען זי ליבט אים שטאַרק, ליבט אים ליידנשאַפטלעך...
אָבער אַפילו די אויסברוכן פון ליבע איז ער שוין געוואוינט גע...
וואָרן צו פאַרשטיין אַלס אויסגאַנג פון האָס.

זי האָסט אים, פאַראַכט אים ליבנדיק, און ליבט אים האָס...
דיק. ליבע אָדער האָס, אים וואָלט עס אסור געקומערט, ווען ז...
זאָל זיין געזונט. ווען זי זאָל געזונט ווערן.

ער פרישט אָפּ דעם געשפרעך מיטן דאָקטאָר וועגן איר.

— מען קען נישט וויסן פונם ערשטן עקזאַמען. אַלץ ווענד...
זיך: ווי די קראַנקהייט וועט פּראָגרעסירן, אָדער רעגרעסירן. אי...
וועלכער שטופּע? ער וואָלט עס אָנגערופן „אוואַנסירט".

זיך צו שרעקן איז דערווייל נישטאָ וואָס. געפערלעכער...
חולאים זענען געזונט געוואָרן. דער עיקר איז רו, אַ סך רו, און
ער אַליין, זלמן, דאַרף אויך רוען. די לעצטע צייט האָט ער קענטיק
נישט גערוט. נישט ווייל ער געפינט אים ערגער, ווי ער איז געווען,
ער איז אַפילו נישט ערגער, אָבער מען דאַרף ווערן בעסער. ער
האָט פאַרלוירן פיר פונט וואָג. ס'איז אַפילו גאָרנישט, אָבער אויב
מען קען נישט געוואונען, דאַרף מען זען נישט צו פאַרלירן. מען
טאָר נישט פאַרלירן נישט קיין וואָג און נישט קיין האָפנונג. זאָל
ער זיך אויסרוען, רוען, און נישט זיין אומרויק.

גרינג צו זאָגן — רוען און נישט זיין אומרויק.

יאָ, ער און פלאָרא דאַרפן רוען, רוען אַ לאַנגע, לאַנגע צייט.
פריצייטיקע, יונגע אינוואַלידן.

ער איז שוין געוואוינט דערצו. און פלאָרא? זי וועט זיך צו...
געוויינען. ער זעט, אַז זיינע אַלע באַמיִונגען זי צוגעוויינען ביס...
לעכווייז צום קראַנקן-לעבן, איז געווען אַ דורכפאַל, און ווי ווי...

עס טוט איס צו וויסן, וועלכן גיהנום זי גייט איצט דורך, טרייסט ער זיך, אַז זי וועט סוף־כּל־סוף זיך צוגעוויינען, וועט קענען לעבן דאָס קראַנקן־לעבן, אָבער מ׳דאַרף זיין גרייט פאַר אַ לאַנגער באַלאַגערונג, מ׳פירט אָן אַ קאַמף, און ס׳איז אַ פראַגע פון אויסדויער, פון האָבן געגוג פראָוויאַנט.

געלט. ער האָט עס קיינמאָל נישט ליב געהאַט, קיינמאָל עס נישט געדאַרפט אַזוי ביטיק. פּאַרדינט — אויסגעגעבן. געלט איז ביי אים געגאַנגען צווישן די פינגער, און אויב ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר, איז עס געווען אַ דאַנק די הלוואות, וואָס ער פלעגט אַמאָל אויסלייען די באַקאַנטע. דאָס געלט האָט ער אָפּגעשפּאָרט, אָבער ווי נישטיק איז די סומע קעגן דער, וואָס ער דאַרף פאַר זיך מיט פלאָראַן. ער דאַרף געלט, אַ סך געלט. ער האָט עס איצט מער ווי אַלעמאָל, אָבער ער מוז עס האָבן, געלט, געלט, געלט.

ווי זאָל ער דאָס קריגן?

אפשר גאָר אַריינגיין צוזאַמען מיט פלאָראַן אין אַ צדקה־אַנשטאַלט, אַ סאַנאַטאָריום. ניין, ער קען דאָס נישט, ער טאָר דאָס נישט. אַריינברענגען זי אין דער אמתער קראַנקן־וועלט, זי זאָל צוזען אַלץ, דורכלעבן אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, און נאָך מער ווי דאָס, פילן יעדן טאָג, אַז מ׳האָט רחמנות אויף איר, כאָטש פון די ליידן מוז ער זי ראַטעווען. ער וויל לעבן מיט איר אַזוי פּריוואַט, און דאָס פּאָדערט געלט, אַ סך געלט.

ווי וועט ער דאָס קריגן?

גיין בעטן?

בם... זלמן, דו וועסט גיין, אויסשטרעקן די האַנט:

— שענקט אַ נדבה!

און די האַנט וועט ברענגען, ווען ס׳וועט אין איר אַריינפאַלן

אַ מטבע, און נאָך ערגער װעט זײַן, װען ער װעט מוזן אַראָפּלאָזן די האַנט אַ ליידיקע.

װערן אַ מקבל אויף דער עלטער.

צו אַכט און צוואַנציק יאָר.

ניין! אָבער ער מוז לעבן, מוז פּלאָגן דערהאַלטן ביים לעבן. ער מוז קריגן די מיטלען דערצו.

לאַנג זיצט ער אַזוי פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, ביז ער דערפילט פּלאַראָס האַנט אויף זיך.

— וואָס זיצט ער אַזוי? ס'איז דאָך שוין שפּעט.

ליגנדיק אין בעט, פילט ער איר צאַרטע האַנט־באַרירונג, הערט איר מילדע פראַגע:

— וואָס האָט ער זיך אַזוי פאַרטראַכט? וואָס אַזוי אומעטיק?

און ער ענטפערט מיט אַ שטילן קוש, צוגעבנדיק:

— גאָרנישט, בלימעלע מיינס, עס טראַכט זיך.

ווידער ווערט מען אַנטשוויגן, פונקט צוויי פרעמדע מענטשן פון איין געשלעכט וואָלטן געלעגן אין איין בעט, יעדער איינער מיט זיינע געדאַנקען.

דורך דער לאַנגער, שלאָפלאָזער נאַכט איז ביי זלמנען צייטיק געוואָרן אַ פּלאַן. ער וועט פאָרן אין שטאָט און דאָרט קריגן געלט. פאַרשטייט זיך נישט פון אַרבעטן.

„פון ערלעכער פראַצע מ'בויט קיין פּאַלאַצן".

ער וועט לייען. פּלעגט ער דאָך אויסלייען געלט זיינע באַקאַנטע, נו, וועט ער אויך כאַפּן גמילות חסדים.

אַ חסד של אמת!

נו, איז וואָס? צו אַלדי טייוולען! ער מוז דאָך לעבן, פּלאַראַ מוז לעבן, און אויף צו דערהאַלטן אויף וויפיל עס איז זייער לעבן מוז ער האָבן געלט. ווען ער קען אַ קלויסטער באַגנבענען, מאַכן אַן עקספּראָפּריאַציע, וואָלט ער עס זיכער געטאָן, אָבער ער

קען דאָס נישט. וואָס ער קען יאָ, איז כאַפּן גמילות חסדים, וואָרום דאָס נישט טאָן, פאַרוואָס?

פאַר זיינע אויגן גייען פאַרביי אַ רייע באַקאַנטע פּנימער, אַזעלכע וועמען ער האָט אַמאָל געליִען געלד און אַזעלכע, ביי וועלכע ער דענקט, מען קען כאַפּן עטלעכע דאָלאַר. ער שטעלט זיי אויס אין אַ רייע אויף אַ צעטל און טאַקסירט יעדן איינעם פון זיי. מיט אַ מין סאַדיסטישן פאַרגעניגן שטעלט ער אַוועק די ציפער ביי יעדן איינעם:

— דו, ברודערקע, וועסט געבן צוויי הונדערט דאָלאַר, און דיך וועט מיין לעבן קאָסטן הונדערט, און דו וועסט געבן, און דו... וועסט געבן, וועסט וויינען און געבן.

רובינשטיינען וועט ער דערקלערן דעם אמת, און ער וועט זיכער געבן צוויי הונדערט, דעם וועט ער זאָגן, ער איז „געבראָכן" לעצטנס דעם, געוואָרן אַ פאַרהייראַטער מאַן, חתונה געהאַט און דאַרף איינפירן אַ הויז, און דעם, אַ געשעפטס־מאַן, וועט ער זאָגן, ער וויל עפענען עפּעס אַ געשעפט. ער וועט קריגן געלט, ער וועט באָרגן אויף דריי, אויף זעקס חדשים.

ער מוז פאָרן אין שטאָט אַריין.

אַגב וועט פלאָראַ אין זיין אָפּוועזנהייט, הגם זי וועט זיך פילן זייער איינזאַם, אַליין מוזן דורכליידן אַלץ און דורכברעכן איר איצטיקע אַפּאַטיע.

פאַר איר האָט ער שוין אַ ליגנט.

ער האָט געלט ביי געוויסע מענטשן, און ער מוז פאָרן קאָלעקטירן דאָס געלט. אים אַרט נישט אַפילו, אַז זי וועט אים נישט גלייבן. ער מוז איר איצט אָפּטרעטן דעם וועג פאַר אַ שטיקל צייט, און, די הויפּטזאַך, ער מוז קריגן געלט.

זלמן איז אָפּגעפאָרן אין שטאָט, און די ערשטע עטלעכע טעג צוגעזען מיט פרייד, ווי זיין פּלאַן אַרבעט. ער האָט שוין געזען פינף

מענטשן און האָט שוין עטלעכע הונדערט דאָלאַר. צו דערזעלבער צייט אָבער זעט ער, אַז אַלע קרבנות וועט ער נישט קענען זען אין אַזאַ קורצער צייט, ווי ער האָט געדענקט, דערויף איז עס דאָך סדום. ער מוז פאַרבלייבן לענגער, און ער כאַפּט זיך, אַז ס׳איז קיין פּלאַן צו זיצן און עסן, ער וועט זיך דערווייל שטעלן אַרבעטן, פאַרדינען אויף זיין אויסקומעניש, און אין די אָוונטן, שבת און זונטיק וועט ער זען וועמען ער דאַרף. אמת, ער טאָר נישט אַרבעטן, אָבער דאָס איז דאָך בלויז אויף אַ ווײַלע.

זלמן האָט געפילט, ווי די שטאָט, די אַרבעט, און זיין געלטבאַרגעניש האָט זיך אַרויפגעלייגט ווי אַ שווערע משא אויף זיינע פּלייצעס און דריקט אים צו דער ערד. אָבער וואָס די משא איז שווערער, אַלץ שנעלער איז ער געגאַנגען, האָבנדיק פאַר זיינע אויגן דעם ציל — געגנוג געלט צו לעבן אַ יאָר צייט מיט פּלאַראַן, איבער צוויי טויזנט דאָלאַר פון הלוואות.

דאָס קומט אָן נישט אַזוי לייכט, אָט געפינט ער גאָר אויס אַז איינער פון זיינע קרבנות איז שוין גאָר נישטאָ מער אין שטאָט, און נאָך איינער איז אַליין אויף צרות. מיט פאַרדרוס מעקט ער אויס די נעמען און זיצט און טראַכט, וועמען שטעלט מען אַוועק אויף זייער פּלאַץ. ער האָט איינעם, זיינער אַ פעטער טאַקע, אַ פאַרמעגלעכער.

ווי ליב זיי האָבן זיך!

ער זעט פאַר זיך דאָס יידל, ווי עס שטייט און רעדט צו אים:

— ווילסטו זיך אַרויפאַרבעטן אין אַמעריקע, קומען צו עפּעס, שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ דיין גיין אַרבעטן. אַן אַרבעטערושקע ווערן! איך וועל דיר געבן אַ קערבל מיט שיך-בענדלעך, שוואָקס, שוועבעלעך, שפּילקעס און נאָך שמאָכטעס, און גיי פון טיר צו טיר און קלאַפּ. וועסט אויסקלאַפּן אַ לעבן, וועסט מאַכן געלט. גייסטו

אוועק אַרבעטן, ביסטו אַ פּאַרפאַלענער אויפן גאַנצן לעבן. טו, ווי איך האָב געטון, פאָלג מיך.

ער האָט אים נישט געפאָלגט, און דער פעטער האָט געקוקט אויף אים, דעם גרינעם, מיט פאַראַכטונג. ער האָט זיך „אויסגע-גרינט", אָבער נישט ביים פעטער אין די אויגן. ביי אים איז ער אַלץ געבליבן אַ טויגעניכטס. צו אים דאַרף ער עס גיין.

— אַ גאַסט, מ׳דאַרף דעם אויוון צעוואַרפן, — האָט ברייט-לעך אויסגערופן דער פעטער, ווען זלמן האָט זיך אומגעריכט אַריינגעשטעלט צו אים אין הויז.

זלמן האָט געהערט אינם ברייטן ברוך הבא:

„אָנגעטראָגן, מסתם דאַרף ער שוין אַ טובה."

און פונקט ווי ער וואָלט געדאַרפט איינגעמען אַ ביטערן רע-צעפּט, און ער פאַרמאַכט די אויגן און שלינגט עס אַראָפּ מיטאַמאָל, אַזוי טרעט ער צו גלייך צו דער זאַך, רופט אַריין דעם פעטער אין זיין חדר מיוחד, אין זיין קאַבינעט, און דערקלערט אים דעם צוועק פון זיין קומען.

— געלט, ער איז קראַנק.

— אים טוט זייער לייד, — ענטפערט דער פעטער געשעפטס-מעסיק, — אָבער, ער פאַרשטייט דאָך, אַז אין דעם פאַל, קען ער ווינציק וואָס טאָן, דערויף זענען דאָ אינסטיטוציעס.

זלמנס פּנים קרימט זיך אויס פון ווייטאָג.

— יאָ ס׳זענען דאָ אינסטיטוציעס, אָבער דאָס וועט ער נישט פאַרזוימען, דערווייל דאַרף ער לעבן פּריוואַט אין אַ שיינעם, לופ-טיקן צימער. אויב דער פעטער האָט אַזאַ צימער וועט ער זיך אַריינקלויבן צו אים.

ער זעט, ווי זיין פעטער גיט זיך אַ צאַפּל מיט זיין גאַנצן קערפּער, און שמייכלט ביטער!

— ציטערסט פאַר דער פעל, וועסטו שוין געבן געלט.

דער פעטער ווערטווירקלעך ווייכער.

— ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון הילף צו זיינע אָרימע קרובים, און אויך איצט וועט ער געבן, וויפיל וויל ער?

— אָרימע קרובים! — וויפיל זאָל ער באַצאָלן פאַר די ווערטער. וויפיל וועט ער געבן, וויפיל זאָל ער בעטן. דער פעטער, ווייסט ער, וועט אָפּדינגען. וויפיל זאָל ער זאָגן דריי, פיר, פינף הונדערט? — פינף הונדערט.

— פינף הונדערט דאָלאַר!

דער פעטער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן צימער.

— וואָס דענקט ער, וואָס, ער איז אַ מיליאָנער, ביי אים וואַלגערן זיך הונדערטער? די צייטן זענען שלעכט.

— ס'וועלן קומען גוטע צייטן, וועט ער אָפּגעבן, — זאָגט זלמן מיט אַ שמייכל.

דער פעטער פילט זיך באַליידיקט און קוקט אויף זלמנען מיט פאַראַכטונג. און זיין קוק זאָגט:

„איך וועל דיר געבן, געבן געלד, אָבער גיי וואָס שנעלער פונדאַנען".

ער נעמט ראָש דעם טשעק-בלאָק, שרייבט אָן אַ טשעק און דערלאַנגט אים זלמנען.

זלמן גיט אַ קוק אויפן טשעק, און פּאַמעלעך צעציט ער דעם טשעק צווישן די אָנווייזנדע פינגער, צערייסנדיק אים אין דער לענג, און לייגט אים אַוועק צום פעטער אויפן שרייב טיש.

דער פעטער קוקט אויף אים מיט אַ שטעכיקן קוק.

— אַזאַ חוצפּה.

זלמן ענטפערט מיט אַ קוק און אַרויסציענדיק פּאַמעלעך פון קעשענע צוויי הונדערט דאָלאַר, דערלאַנגט ער זיי דעם פעטער.

— דאָס קען ער אים געבן.

— ווּיפיל ווילסטו? — פרעגט דער פעטער אַפּגעזהאַקט, בייסנ־דיק זיין אונטערשע ליפּ.

— ער האָט שוין געזאָגט, פינף הונדערט דאָלאַר.

— דאָס וועט ער נישט קריגן, ער הערט? דאָס וועט ער נישט קריגן.

דער פעטער שפּאַנט שוין אַרום איבערן צימער.

— דאָס איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן, דאָס גייט דאָך שוין אַריבער יעדער גרענעץ.

ער נעמט דעם צעריסענעם טשעק, קוקט דערויף און אויף זלמנען, און ווען יענער ענטפערט אויף זיין קוק מיט אַ שמייכל, וואַרפט ער מיט כעס די שטיקלעך פון טשעק, און ראַש צושאַרנדיק די שטול, זעצט ער זיך צו צום שרייב־טיש און נעמט אויסשרייבן אַ צווייטן טשעק.

זלמן בייגט זיך צו, און דערזעענדיק פון דער האַנט באַוועגונג, וואָס פאַר אַ סומע דער פעטער וויל אָנשרייבן, שטעלט ער אָפּ זיין האַנט.

דער פעטער גיט אויף אים אַ קוק, וואַרפט מיט כעס אַוועק די פען, וויל זיך אויפהייבן, אָבער זלמן שטעלט אים אָפּ.

— שרייבט פיר הונדערט.

— ער וועט עס נישט געבן, ער הערט, ער וועט עס נישט געבן! וויל ער צוויי הונדערט און פופציק, איז גוט, אז נישט קריגט ער נישט אַ סענט. ער הערט, אַ סענט נישט!

— נו, דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, דער פעטער איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, — ענטפערט זלמן מיט אַ יאַשטשערקע־שמייכל, ער וועט עפּעס צוגעבן.

ווידער גיט דער פעטער אַ קוק אויף זיין גוטן פּלימעניק און נעמט מיט האַסט שרייבן אַ טשעק, זלמן שטערט אים ש...

מער נישט, און דערזעענדיק דעם ציפער דריי הונדערט, לייגט ער פּאַמעלעך צונויף דעם טשעק, גיט אַכטונג, ווי דער פּעטער וואַר מיט אומגעדולד, ער זאָל פאַרלאָזן דאָס הויז, און ער פאַרנייגט זיך העפלעך פאַר אים און פאַרלאָזט דאָט צימער, ווינטשנדיק דעם גוט פעטער אַ גוטן טאָג. ער פילט דעם קוק, מיט וועלכן דער פעטע באַגלייט אים און טראַכט, דאָס ער האָט זיך אָפּגענאַרט: דער פּ טער מוז איצט זיין צופרידן, וואָס ער איז אָפּגעקומען מיט דר הונדערט דאָלאַר, אָבער מילא, גוט איז פון אַ חזיר אַ האָר. פּ אים מיט פלאָראַן קנאַפּע אַכט וואָכן צום לעבן.

דער פעטער איז נישט דער איינציקער האַרטער מלווה.

אָט באַגעגנט ער איינעם פון זיינע קרבנות, און ער גריס זיך מיט אים זייער פריינטלעך, פאַרפירט אַ שמועס, און ווען ד מיטרעדנדער איז שוין פאַרטיפט אין געשפּרעך, רעדט שוין, הנא האָבנדיק פון זיין רעדן, טוט אים זלמן מיט אַ מאָל אַ פרעג, או ער קען אים נישט לייען אַ הונדערט דאָלאַר אויף דריי חדשים, ע דאַרף איצט זייער נייטיק האָבן. זלמן זעט, ווי יענער איז אומצו פרידן פון דעם פלוצלינגן איבערפאַל אויף אים, ווי ער צעגערט, וויל זיך אויסדרייען.

— ביי זיך האָט ער נישט, ער אַליין האָט אויך נישט, אויב אָבער ס'איז שטאַרק נייטיק, קען ער עס לייען פאַר אים.

— עס איז זייער און זייער נייטיק, — ענטפערט זלמן — ער וועט אים זייער דאַנקבאַר זיין. איז וואו טרעפט ער אים? אין קאַ-פע, מאָרגן? גוט.

אוועקגייענדיק, טראַכט זלמן, צי וועט ער קומען, און שמייכלט ציניש צו זיך אַליין.

ער וועט קומען, ער וועט קומען. ער האָט זיך דאָך אַמאָל גע פּרווט שאַרן צו פלאָראַן. דו קענסט די שנאָרער-פּראַפעסיע, קענסט.

אָט אַזוי ראַפּטום, יענער זאָל זיך גאַרנישט ריכטן, אים אַ כאַפּ טאָן, גיב, ברודערקע, גיב, זלמן דאַרף לעבן, מוז לעבן.

מאָרגן אָונט זיצט זלמן אין דער באַשטימטער קאַפּע, די אויגן געריכט צו דער טיר, און דערזעענדיק זיין קרבן אַריינקומען, גלאַנצן זיינע אויגן אויף מיט דעם גלאַנץ, וואָס באַווייזט זיך ביי אַ מיט-גליד פון דער שוואַרצער האַנט, ווען ער זעט, ווי דער מאַן, ביי וועמען מ׳האָט צוגענומען אַ קינד, ברענגט אויסלייז-געלט. מ׳רעדט כלומרשט, מ׳עסט צוזאַמען, מ׳טרינקט, אָבער זלמן קוקט זיין קרבן אין די הענט, און דערזעענדיק דאָס געלט, ווערט ער אויפגעלעבט ווי אַ שמוגלער, ווען ער דערזעט דעם איבערגעשמוגלטן דימענט, און שפּאַרט אַריין דאָס געלט אין קעשענע, דערצו ווערט ער נאָך גרויסמוטיק און באַצאָלט פאַרביידע פאַרן עסן און טרינקען.

קומענדיק אַהיים, ציט זלמן אַרויס די פּאַפּירלעך פון קעשע-נע, הייבט זיי אויף מיט די שפּיץ פינגער און לאָזט זיי אַראָפּ אויפן טיש.

— אָט אַזוי, זלמן, אַזוי, ליי געלט, כאַפּ גמילות חסדים, כאַפּ.

אים ווילט זיך אויסשרייען אינדערהייך, אויסשרייען מיט אַ ווילד געשריי, אָבער ער פאַלט צום טיש און מורמלט אַרויס:

— פיר וואָכן לעבן פאַר מיר מיט פלאַראַן.

ביי זלמנען האָט זיך דערוועקט אַזאַ להוטקייט נאָך געלט, אַז ער האָט זיך אַליין געוואונדערט פונוואַנען דאָס קומט צו אים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז ער רייכערט צו גוטע פּאַפּיראָסן, צוויי און אַ האַלבן סענט אַ שטיק. אַ טאָג טרייבט עס אַריין אין פופציק סענט, פופציק סענט אַ טאָג, זיבן האַלבע דאָלאַרס אַ וואָך, דאָס איז דאָך אַ פאַרמעגן. קויפט ער ביליקע פּאַפּיראָסן, רעכטפאַר-טיקנדיק די עובדא דערמיט, וואָס ביליקע פּאַפּיראָסן וועט ער ממילא אויך רייכערן ווייניקער. ערשט ווען ער זעט, אַז די ביליקע פּאַפּי-

ראָסן פאַרייכערט ער און וואַרפט אַוועק, און פאַרייכערט ווידער, און עס קאָסט אים אַזוי אַרום נאָך טייערער, הייבט ער ווידער אָן רייכערן גוטע פּאַפּיראָסן, ברוגז זייענדיק אויף זיין צונג, פאַר זיין צו איידל „געפּאַצקעט". ער טרייסט זיך בלויז דערמיט, אַז רייכערן איז דאָך דאָס איינציקע פאַרגעניגן זיינס.

קיין אַנדער פאַרגעניגן אויסער רויך האָט זלמן נישט געהאַט. אָפּגעאַרבעט דעם טאָג, האָט ער געפּילט אַ ברעכעניש אין אַלע גלידער און זיך קוים דערשלעפּט צום בעט. ווער שמועסט נאָך, אַז ער האָט באַדאַרפט אָפּשטאַטן אַ וויזיט נאָך געלט, איז ער שוין, געקומען אַהיים אַ צעבראָכענער פיזיש און גייסטיק. ער האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז באַלד, באַלד, און ער וועט זיין צוריק אין די בערג, און וועט רוען, רוען, לאַנג רוען. דערווייל נאָך אַ פּאָר דאָ-לאַר, נאָך אַ פּאָר דאָלאַר, ווייל ווער ווייסט, ווער ווייסט...

ווער ווייסט ווי לאַנג זלמן וואָלט אַזוי אָנגעגאַנגען מיט זיין געלט-קריגעניש. ער אַליין האָט זיך ווי פאַרגעסן אָן אַלץ, ביז איין נאַכט, ווען מען האָט אים אויפגעוועקט. אַ טעלעגראַמע צו אים פון פלאָראַן, זי רופט אים צו זיך.

די טעלעגראַמע האָט זלמנען אָפּגעריסן פון זיין געלט-יאָגע-ניש, אים דערמאַנט, אויף וואָס ער דאַרף דאָס געלט, און אַז שוין עטלעכע וואָכן ווי ער איז אין שטאָט.

פלאָראַ רופט אים.

צפּעס האָט געמאַכט געשען.

שנעלער, שנעלער צו איר, גיכער, גיכער. זיצנדיק אין וואַ-גאָן, האָט ער געטראַכט, ווי דער צוג קריכט. ער האָט געפּילט, ווי אַרויסגיין און אונטערשטופּן דעם צוג, אָדער גאָר זיך לאָזן לויפן, ער איז זיכער, ער וואָלט שנעלער אָנגעקומען.

געלט? יאָ, געוויס, ער האָט שוין, ער האָט גענוג דערווייל.

פופצען הונדערט דאָלאַר, געגוג אויף פערציק וואָכן, און דאַן וועט ער זען.

פלאָרא, וואָס האָט זי אים גערופן? עפּעס האָט געמוזט געשען. שנעלער, שנעלער.

ער איז דער ערשטער אַרויסצוגיין פון וואַגאָן, וואַרפט זיך אַריין אין אַן אויטאָמאָביל, אייניקע מינוטן, און ער איז ביי פלאָראַן.

ווען פלאָרא האָט אים דערזען, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון בעט, אַרומגעפלאָכטן אירע אָרעמס אַרום זיין האַלז און זיך צע־וויינט.

— וואָס איז געשען? זאָג, וואָס איז?

— זיא — מע! וואָס האָסטו זיך אזוי לאַנג געזוימט? — זאָגט אַרויס פלאָרא אַ וויינענדיקע, האַלטנדיק דעם קאָפּ איינגענו־רעט ביי אים אין בוזים.

— אָבער וואָס, זאָג וואָס איז געשען, — זאָגט שוין זלמן מיט אַ פאַרדראָסיקן טאָן. באַלד אָבער פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ, און ער הייבט ווידער אָן ווייך:

— קום, בלימעלע מיינס, דערצייל מיר, וואָס איז געשען.

און זי דערציילט.

זי האָט זיך נעכטן געפילט נישט מיט אַלעמען, זיך אויפגע־כאַפּט מיט אַ קאָפּ־ווייטיק, געפילט די ביינער ברעכן איר, אַ לייכטע פאַרקילונג, האָט זי געטראַכט, זי וועט בעסער איבערליגן, עסן האָט זיך איר נישט געוואָלט. ערשט, די באַלעבאָסטע קומט אַרויף און פרעגט מיט אַזאַ גוטער מינע, אויב זי פילט זיך נישט גוט, אפשר רופן אַ דאָקטאָר. קיין דאָקטאָר האָט זי נישט געוואָלט רופן, האָט די באַלעבאָסטע באַלד אַרויפגעבראַכט אַ גלאָז מילך. מיטאָג־צייט האָט זי ווידער אַרויפגעבראַכט עסן. אָבער זי האָט זיך צו דעם נישט צוגערירט, עס האָט זיך נישט געוואָלט עסן. אין אָוונט איז זי ווידע

אַרויפגעקומען, געבראַכט אַ גלאָז מילך, און אַוועקשטעלנדיק די מילך, האָט די באַלעבאָסטע איר דערקלערט, אַז עס טוט איר זייער לייד, אָבער דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס זי וועט אַרויפברענגען עסן, זאָל זי זוכן אַ צימער. עס טוט איר זייער לייד, זי האָט גאָ נישט אויסצוזעצן קעגן איר, אָבער קראַנקע מענטשן קען זי ני האַלטן, זי האָט בײַ זיך אירע אייניקלעך, און, זי פאַרשטייט אַלײ אַז זי קען דאָס נישט טאָן.

— דאָס איז גאָר! — זאָגט זלמן כלומרשט פריילעך, — ב ריש קעצעלע, מ'האָט די גוייה אין דער ערד. מיר וועלן נאָך היי קריגן אַ וואוינונג, מ'עט קריגן, זאָרג זיך נישט. אַבי כ'האָב געמיי כ'וויס וואָס. אַ צימער איז גאָרנישט. וואָס מאַכסטו? געווען בײ דאָקטאָר?

— צו וואָס זאָל זי גיין צום דאָקטאָר? — ענטפערט פלאָ אומצופרידן, — וואָס עפּעס ,דאָקטאָר? אַ לייכטע פאַרקילונג, וו איבערגיין. — דערביי טוט זי אַ הוסט מיט אַ קליין פאַרשטיק הוסטל.

— פונדעסטוועגן באַדאַרפט אַרייַנגיין אַ פרעג טאָן, אַ פאַר קילונג טאָר מען נישט פאַרלאָזן, ער וואָלט עפּעס געגעבן.

— אַי, ער מאַכט זי קראַנק מיט זיין דאָקטאָר, ס'איז גאָר נישט, די הויפּטזאַך איז אַ צימער, זי קען דאָ מער נישט זיין מינוט. זי קען דער באַלעבאָסטעס פּרצוף נישט אָנקוקן מער אַפי איין מינוט.

— געוויס, געוויס, גלייך גיין זוכן אַ וואוינונג. ער וועט זין בלויז אָפּרוען אַ פּאָר מינוט. אין די פּאָר מינוט פרעגט דערווייל פלאָראַ אויס, וואָס האָט ער אויפגעטאָן, וועמען האָט ער געזען פון די באַקאַנטע? ווייסן זיי? קיינער ווייסט נישט? און וואָס האָט ער דאָרט געטאָן אַזוי לאַנג?

— אָ, ער האָט געהאַט צרות ביז ער האָט אַרויסגעקרוגן זיין געלט.

ער זעט ווי מיסטעריאָיש זי קוקט אויף אים, און ער גיט צו:

— אָבער כ'האָב עס אַרויסגעקרוגן. איצט זענען מיר רייך, מיר האָבן אַ סך געלט, אַ סך געלט. וויפיל אַ שטייגער, דענקסט זי, האָט ער? כאַ, כאַ, כאַ, נישט געטראָפן. מער ווי דאָס, אַ סך מער. איצט קענען זיי זיך פאַרגינען אַפילו דינגען אַ גאַנץ הויז פאַר זיך מיט אַ דינסט, מער נישט שלעכט, די לעצטע איז שווער צו קריגן. אַ פּאָר מעבלירטע צימערן וואָלט דאָך נישט געשאַדט. אַלזאָ, גייען מיר זוכן צימערן.

גייענדיק, ברעכט זלמן זיין מוח: וואוהין זאָל ער גיין, פון וואַנען זאָל ער אָנהייבן, זאָל ער ווייטער גיין דינגען אונטער אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, אַ געזונטן פּאַספּאָרט. ווי, אַז ס'וועט ווידער קומען צו אַזאַ אינצידענט?

ווי זי נעמט זיך צום האַרץ דערפון!

אַריינגיין ווידער אין אַ הויז, וואו קראַנקע האַלטן זיך אויף, אַזעלכע איז לייכט צו קריגן. אָבער דאַן מוז דאָך פלאָראַ אַריינפאַלן אין אַ קראַנקן-סביבה, זיצן און הערן ווי מ'רעדט וועגן דער קרענק, וועגן ווער ס'איז געשטאָרבן, און אין אַלגעמיין זיך צוזאַמענקומען מיט ווילד-פרעמדע מענטשן.

ער וואַרפט אַ זייטיקן קוק אויף פלאָראַן, און אים דאַכט זיך אַז אין די פּאָר וואָכן איז פלאָראַ עטוואָס געענדערט געוואָרן, און נישט צום בעסערן. איר געזיכט ווי איר געזיכט, אָבער זי איז געוואָרן נערוועזער, און וואָס איז אַ קראַנקער אויב נישט אַ בינטל נערוון, הייַנט דאָס הוסטל, זי וועט מוזן פרעגן דעם דאָקטאָר, אָבער דערווייל מוז ער קריגן אַ צימער, נאָך הייַנט, גלייך, שוין.

צעשטרייט ענטפערט ער אויף פלאָראַס פראַגן און אָנוויי-

זונגען אויף פאַרשידענע הייזער, ביז מ׳איינקט זיך אויף דעם דרויסנדיקן אויסזען פון איין הויז, וואו ס׳הענגט אַ צעטל: מעבּלירטע צימערן. אַהין דאַרף מען אַריינגיין אַ פרעג טאָן.

גייענדיק צום הויז, טראַכט זלמן:

— ווער ווייסט וויפיל קראַנקע דאָרט ליגן שוין, אפשר איז דאָס גאָר אַ לאַזאַרעט אַ גאַנצער.

ווי גרויס איז דאָרום זיין צופרידנהייט, ווען די באַלעבאָסטע, אַ מיטליאָריקע ייִדישע פרוי דערקלערט אים, אַז זי האָט אינגאַנצן צוויי צימערן צו פאַרדינגען, צוויי גרויסע, שיינע צימערן, ער קען זיי אָנקוקן, וויפיל ווילן זיי, איינעם אָדער ביידע?

— ביידע, — ענטפערט זלמן, און פאַרלאַנגט זיי אָנקוקן.

פלאָראַ איז שטאַרק פאַרנומען אין באַטראַכטן די צימערן, ווערנד זלמן זוכט אָפּצוציִען די באַרעדעווודיקע באַלעבאָסטע, זי זאָל זיך חלילה נישט אויסרעדן מיט אַ וואָרט, אָבער דאָס געלינגט אים נישט. ערשט ביים איינצאָלן אָן אָדערויף, זאָגט ער איר שטיל מיט אַ וואונק אין פלאָראַס ריכטונג.

— אָבער די באַלעבאָסטע מוז וויסן, אַז זיי זענען קראַנקע.

— דאָס מאַכט נישט, איר מאַן איז אויך אַ קראַנקער, ער איז שוין איצט פיל בעסער, גייט שוין אַרום, אַרבעט שוין צוביסלעך. זי ווייסט שוין די קרענק, אין פאַל מען פילט זיך נישט גוט חלילה, קען זי אַרויפברענגען עסן אַמאָל. פאַרשטייט זיך, ווען איר ערנסט קראַנק, קען זי נישט אַכטונג געבן.

— נו, זי מעג זיין רויִק, זיי זענען דאָך נישט קיין מסוכּנע חולאים, — ענטפערט זלמן, און ווען פלאָראַ דערנענטערט זיך, ווערט דאָס געשפּרעך אָפּגעהאַקט.

פלאָראַ איז צופרידן מיט די צימערן, באַטראַכט די באַלעבאָס־טע, זאָגט איר, ס׳וואָלט נישט געשאַדט נייע פורהאַנגען אויפצו־הענגען.

— געווים, געווים, — ענטפערט די באַלעבאָסטע. — ווען וועלן זיי זיך אַריינציִען, נאָך היינט? גוט, זי שטעלט זיך באַלד, און וועט אָנציִען אַלץ ווייס, זיי וועלן קומען, וועלן זיי שוין טרעפן אַלץ אין אָרדענונג.

XVI.

— משנה מקום, משנה מזל, — האָט אויסגערופן זלמן, ווען ער און פלאָרא האָבן זיך שוין געפונען אויף דער נייער קוואַרטיר און גענומען איינאָרדענען זיך.

אַ פאָר שטונדן איז אַוועקגעגאַנגען ביז מ'האָט זיך אַנטגיל־טיק איינגעאָרדנט. דערווייל איז דער אָוונט צוגעפאַלן. מ'האָט גע־געסן אָוונט־ברויט און מ'איז ביידע געווען איינשטימיק, אַז דאָס עסק איז גוט.

— דאָ איז אין אַלגעמיין גוט און דיר וועט זיך דאָ לעבן גאַנץ גוט. איר האָט געמוזט זיין אומעטיק איינע אַליין, ווי האָט זי פאַרבראַכט די צייט? נו, איצט וועט ער שוין מער נישט אוועק־פאָרן.

ער קוקט אויס אַזוי מיד.

דאָס פאָרן, הייסט די שרעק. ער האָט געמיינט חלילה [illegible] וואָס. נו, מילא, ווי פלעגט זאָגן זיין מאַמע: שרעק מיך [illegible], אַבי שטראָף מיך נישט. אָבער ס'וואָלט נישט געשאַדט אַ פרעג טאָן אַ דאָקטאָר. ער וועט איר עפּעס געבן צום הוסט.

— זי [illegible] אין מאָרגן. דערווייל זאָל ער זיך אויסרוען, ער זעט אויס אַזוי מיד.

זלמן האָט ווירקלעך געפילט אַ מידקייט אין אַלע זיינע גלי־דער, די עטלעכע וואָכן שטאָט, וואָס זענען געלעגן אויף זיינע פּלייצעס, האָט ער דערפילט, אויך דאָס טשעק־ביכל ביי אים אין קעשענע האָט אים געקוועטשט, ער האָט געפילט, ווי עס ציט אים צום בעט, און ער געזעגנט זיך מיט פלאָראַן:

ער וועט זיך אויסרוען...

זלמן איז געשלאָפן די נאַכט ווי אַ געהרגעטער. אויפכאַפּנ־דיק זיך אינדערפרי, האָט ער געהאַט אַ באַזונדערע הנאה צו זען, ווי די זון־שטראַלן רייסן זיך צו אים אין צימער דורך די אָפע־נע פענסטער.

אַזוי ליכטיק, און אַזוי שטיל!

ער ציט זיך אין בעט, פילט ווי אַלע זיינע גלידער גלייכן זיך אויס. אַי, ליגן נאָך אַ ביסעלע. כ׳לעבן, ער וואָלט געלעגן דעם גאַנצן טאָג. ער דערמאַנט זיך אָבער: אין צווייטן צימער איז פלאָראַ.

איז זי אויפגעשטאַנען?

ער הערט זיך צו. מ׳הערט גאָרנישט. זי מוז נאָך שלאָפן.

— פלאָראַ?

און אפשר איז זי נישטאָ אין צימער. איר הוסטל געפעלט אים נישט, צום דאָקטאָר וויל זי נישט גיין. נו, דאָ לעבט ער דאָך אויף אַן אמתן פאַספּאָרט. ער וועט רופן דעם דאָקטאָר. אגב, וויל ער אַליין אויך עפעס אַ פרעג טאָן עפעס פילט ער ווידער אַ שטע־כעניש. מישטיינס געזאָגט, וואָס דער דאָקטאָר קען העלפן, דאָך אַ פרעג טאָן.

אָן פלאָראַס וויסן האָט זלמן געבראַכט דעם דאָקטאָר, זי האָט אפילו פּראָטעסטירט, ווען ער האָט זי גענומען אויספרעגן, דערקלערט, אַז ס׳איז גאָרנישט און ברוגז געקוקט אויף זלמנען, דאָך האָט דער דאָקטאָר איר געהייסן ליגן אין בעט, זי קען אַראָפּגיין עסן,

געוויס, אָבער מער ווי דאָס נישט. נישט גיין אינדרויסן. עס וועלן נאָך זיין געוויס שיינע טעג, און זי האָט דעם גאַנצן שיינעם טאָג דאָ אין צימער. אַ זעלטענער אויסקוק אויף די בערג. אויך זלמנען ראָט ער אויך צו ליגן אַ פּאָר טעג, זיך גוט אויסרוען. אים דאַרף מען דאָך שוין נישט לערנען.

לאַנג האָבן זיך געצויגן די טעג. פלאָראַ און אויך זלמן זענען געלעגן זו בזוי זו, וזו בזוי זו. מער נישט אַ פּאָר שטונדן אין טאָג פלעגט זלמן אַראָפּקריכן פון זיין געלעגער, זיך אַנידער־זעצן ביי פלאָראַן אויפן בעט, לייענען פאַר איר צייטונגען, אַ בוך, רעדן געמיטלעך. אומרויק ווי זלמן איז געווען וועגן פלאָראַס „לייכטער פאַרקילונג", איר טרוקענעם היסטל, וועלכעס האָט נישט נאָכגעלאָזט, איז ער דאָך געווען צופרידן צו זען, אַז פלאָראַ האָט זיך שוין אַ היפּש ביסל צוגעוואוינט צום קראַנקן־לעבן, און כאָטש זי באַקלאָגט זיך נאָך, אַז די זייטן און דער רוקן טוען מיר שוין וויי פון ליגן, דאָך פּרובירט זי נישט אַרונטערגיין, רעדט רויקער, און איז נישט אומעטיק, אַזוי שווייגנדיק ווי ווען ער האָט זי פאַרלאָזט פאַר זיין געלט־עקספּעדיציע. זי טאָר נישט אַריינפאַלן אין אַ אַפּאַטיע. זי מוז זען אין רוען איר רפואה, און האָפן, האָפן, אַז זי וועט גע־זונט ווערן.

זייט זלמן האָט זיך ווידער באַגעגנט מיט פלאָראַן, האָט ער וועגן זיך במעט ווי נישט געטראַכט, זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט איר, און האָט צו איר אָנגעווענדט אַ גאַנץ אַנדערע מאָס ווי צו זיך. וועגן איר האָט ער נישט אַנדערש געטראַכט, אַז זי מוז געזונט ווערן, וועט געזונט ווערן. האָט ער געזען אַ פריילע־כע מינע אויף איר פנים, איז עס געווען אַ באַשטעטיקונג פאַר אים, אַז זי לעבט אויף, קעמפט און וועט אַרויס די זיגערין.

דערפאַר אָבער פלעגט אים שטאַרק וויי טאָן, ווען ער האָט

באַמערקט אַ סימן צום שלעכטן. זיינע אַלע מחשבות האָבן זיך דאַן מיטאַמאָל אַ ווענד געטאָן אין אַ שוואַרצער ריכטונג.

דאָס הוסטל האָט אים אַזוי פיל נישט באַאומרויקט, ווי די היץ־פאַרב.

פאַר דער היץ האָט ער מורא. וואָס איז דען די קרענק אויב נישט אַ לאַנג דויערנדע אָנצינדונג. ער זעט, ווי די היץ פאַרצערט פלאָראַן, זי שוואַנקט פון טאָג צו טאָג, וואָס זי אַליין באַמערקט עס נישט, אָבער ער זעט עס. וואָס זאָל ער, וואָס קען ער טאָן? וואָלט ער געקענט... דאָס איינציקע, וואָס ער קען טאָן, איז זען ווי ווייט מעגלעך צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט, אָפּרייסן איר געדאַנקען־גאַנג פון דער קראַנקהייט. לייענט ער פאַר איר פאָר, רעדט, אָבער נישט אַלע מאָל הערט זי מיט חשק. אָפטמאָל דאַכט זיך אים, אַז איבערלייענענדיק פאַר איר עפּעס, זאָגט זי מיט די אויגן:

— יאָ, דאָס איז אַלץ גוט, אָבער דאָס איז בלויז אין בוך, און זי בעט טאַקע ביי אים, ער זאָל פאַר איר פאַרלייענען עפּעס וועגן קראַנקהייטן, וועגן טויט. אָט די ביטע מאַכט אים אָפּהענטיק, געבנדיק אים צו פאַרשטיין, אַז ער איז הילפלאָז אין זיינע באַמיִונגען.

און די נעכט.

לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, ווען מחשבות שוואַרצערע ווי די נאַכט הויערן אַרום זיין בעט. אומהיימלעך ווערט אים אויפן האַרץ, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערט ער זיך צו צו דעם, וואָס קומט פאָר אין צווייטן צימער, און הערנדיק דאָרט אַ באַוועגונג, מ׳וואַרפט זיך איבער מיט אַ פּאָר ווערטער. און אויף מאָרגן האָט מען ביידע חרטה פאַר דער נאַכט פאַרבראַכט צוזאַמען... זעלטן זענען אַזעלכע נעכט, ביידע האָבן זיך צוריקגעצויגן, מורא געקרוגן, קומט אָבער אַ נאַכט, ווען פלאָראַ ליגט אויף איר געלעגער, און אַ שרעק פאַר עפּעס אומבאַשטימטס באַפאַלט זי, און מיט אַנגסט רופט זי:

— זיאַ — מע!

— זי האָט מורא.

— נאַריש קינד, פאַר וועמען, פאַר וואָס?

— זי ווייסט נישט, אָבער זי האָט מורא.

און זי ציטערט פאַר שרעק, און טוליעט זיך צו אים ווי אַ קינד צו דער מאַמעס פאַרטוך, און ער באַשיצט זי מיט זיינע האַנט-גלעטן, טרייבט אַוועק די שרעק מיט זיינע קושן און צערטלעכקייטן. אָבער מיטן פאַרשווינדן פון דער שרעק, פאַרשווינדט אויך די רו, און זיי מוזן רוען.

צייטנווייז כאַפּט זלמנען אַרום אַזאַ עקל צו דער רו, דאָס ער וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדער אָרגיע פון ווין און ווייב, אַ שיכּורער איינשלאָפן ביי פלאָראַן אין די אָרעמס, איינגעקלאַמערט לייב אין לייב, זאָלן זיי ביידע אַנטשלאָפן ווערן שיכּורע פון לעבן, מער נישט אויפצושטיין.

איז נישט דעם שיכּורס טויט דער זיסטער?

אָבער דאָס זענען בלויז מאָמענטאַלע איבערפליענדע געפילן. באַלד שטייט אויף פאַר זיינע אויגן יענע נאַכט, און דאָס באַוואוסט-זיין דיקטירט:

— רו און רו, אַבסאָלוטע רו, ער און פלאָראַ מוזן ביידע רוען, אויב זיי ווילן פאַרלענגערן זייער לעבן.

און געצוואונגענערהייט האָט מען גערוט.

געקומען איז אָבער איין פרימאָרגן, ווען זלמנס רו איז גע-שטערט געוואָרן.

זלמן איז נאָך געלעגן אין זיין בעט, ווען ער האָט דערהערט פלאָראַ רופט אים, און דער רוף איז געווען אַ פיינלעכער.

אין אַן אויגנבליק איז ער געווען לעבן איר, און דערזעענדיק זי, ווי זי זיצט אין בעט ווייס ווי דאָס ציכל פון קישן, מיט אַן אָפענעם מויל, אויגן וואָס רייסן זיך אַרויס פון זייערע לעכער,

אין די הענט, אין וועלכער זי האָט געהאַלטן אַ ש[illegible] צי־
[illegible]ערט. איז אים אויך דורכגעלאָפן אַ ציטער איבערן לייב.

— וואָס איז?

שטום האָט זי אים דערלאַנגט דאָס שטיקל טיול, ער האָט אַ בליק געטאָן דערויף, אויף פלאַראַן, און האָט נישט געפונען קיין וואָרט אַרויסצוזאָגן גלייך. באַלד אָבער באַהערשט ער זיך, און אַ שמייכל טועגדיק, הייבט ער אָן:

— נאַריש קינד, וואָס האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן, אַנו, זאָל זי נאָר פאַרשטעמען די ציין.

פלאַראַ קוקט אויף אים נישט גלייבעריש.

— יאָ, אָי, פאַרשטעמען די ציין, שטאַרק, אָט אַזוי, דאַן אַ צי, און איצט אויסשפּייען. זעט זי, דאָס איז פון די ציין.

פלאַראַ קוקט אויף אַלץ מיסגלייבעריש, דאָך זעט ער, ווי די פאַרב קומט צוריק אין איר געזיכט, און זלמן הייבט אָן רעדן, ערקלערן איר, אז דאָס קען קומען פון נאָז, פון די ציין, פון האַלז, מ׳דאַרף זיך נישט שרעקן, דאָס איז גאָרנישט.

— איז ער זיכער? האָט זיך אַזוי דערשראָקן.

— שיין בלימעלע. זאָל זי זיך נישט שרעקן די הויפּט־זאַך איז, נישט שרעקן זיך, ס׳איז גאָרנישט.

זלמן זיצט אויפן בעט און באַרוּיקט זי, און איז צופרידן, ווען ער זעט, זיינע רייד ווירקן.

פלאַראַ ווערט רוּיקער, אָבער די רוּיקייט האַלט נישט אָן לאַנג.

באַלד גיט פלאַראַ ווידער אַ הוסט, און ווידער איז דער הוסט אַ ראָזאָווער. זלמן זעט פלאַראַס קוק, ווי זי זאָגט אים מיט די אויגן:

— דו נאַרסט מיך, זאָגסט ליגן, אַוועק, דו ליגנער.

ער קען נישט אויסהאַלטן איר קוק, און לאָזט אַראָפּ דעם

קאָפּ. אויך פלאָרא לאָזט אַרונטער די אויגן. באַלד אָבער כאַפּט זי אַרום זיין קאָפּ און ברעכט אויס אין אַ יאָמער.

— זיאַ—מע, איך בין קראַנק, זיאַ—מע, ראַטעווע מיך. לאָמיר אַנטלויפן פונדאַנען, לאָמיר פאָרן ערגעץ ווייטער, אַ בעסערער קלימאַט, פיר מיך אַוועק, זיאַמע, ראַטעווע מיך, ראַטעווע, זיאַמע!

זלמן הערט אירע האַרצרייסנדע ווערטער, פילט אירע טרערן אויף זיך, און הערט מיט שרעק, ווי איר געוויין גייט איבער אויף אַ שלוקערץ. ער זעט, ווי אומרויִק זי וואַרפט זיך אין בעט, נישט קענענדיק געפינען אַ פּלאַץ, וואו דער קאָפּ זאָל איינליגן, און ער רופט אַרויס אַלע זיינע כוחות זי צו באַרויִקן.

— יאָ, יאָ, זיי וועלן פאָרן. דערווייל איז נאָך דאָ וואַרעם און שיין. אין אַ חודש אַרום וועלן זיי פאָרן אין קאָלאָראַדאָ, וואו די לופט איז טרוקן, צי אין אַריזאָנאַ, וואו די זון שיינט יעדן טאָג פון יאָר, אָדער גאָר אין קאַליפאָרניִע. זיי וועלן פאָרן, זיכער פאָרן, דער עיקר, זי זאָל זיך נישט שרעקן. זי זאָל זיך באַרויִקן. איצט וועט ער רופן דעם דאָקטאָר.

אויך דער דאָקטאָר באַרויִקט זי. ער שפּאַסט פון דער גאַנצער זאַך.

— אַזאַ נאַטור האָט שוין די בעסטיִע, פאַרבט זיך אַמאָל אין ראָזאָווע קאָלירן. אָבער דאָס איז דאָך אפילו נישט באַרעכטיקט צום נאָמען בלוט-שטורץ, און דאָס איז אויך גאָרנישט. אָט זעט זי זלמנען, ער איז מער מיוחס פון איר און דאָך האָט ער נישט קיין מורא.

זלמן זעט ווי פלאָרא וואַרפט אויף אים אַ פרעגנדיקן בליק, און ער באַשטעטיקט דעם דאָקטאָרס רייד מיט אַ קוק. און דער דאָקטאָר רעדט ווייטער:

— נאָר זיך נישט שרעקן, דאָס איז נאַרישקייטן. דער עיקר רו און רו. נישט אַרומגיין, ליגן אַ פּאָר וואָכן, געדולד, דאַן וועט

זי ווידער אַרומגיין. יאָ, געדולד. די קרענק איז אַ גוטע, זי היילט זיך אפילו לאַנגזאַם, דערפאַר אָבער קען מען זי אויסהיילן, פאַמעלעך מיט געדולד און מיט אַ פעסטן באַשלוס: „איך וועל געזונט ווערן״.

פלאָראַ האָט שוין נישט געהערט דעם דאָקטאָרס רייד. זי האָט געטראַכט וועגן זלמנען, און ווי נאָר דער דאָקטאָר איז אַרויס, האָט זי שטום געפאָדערט:

— דערצייל, דערצייל אַלץ.

אומזיסט האָט זיך זלמן געוועדט, געבעטן זיך:

— נישטאָ וואָס צו דערציילן.

פלאָראַ קוקט אויף אים מיט פאָרוואורף און רוגז, און פאָדערט: זי וויל וויסן, זי איז, דאַכט זיך, נענטער צו אים ווי דער דאָקטאָר.

און ער דערציילט;

— יאָ, ער האָט דאָס דורכגעלעבט, אַ פאָר טעג איז געווען נישט איבעריק פריילעך, ער, אויך ווי זי, האָט זיך צוערשט דערשראָקן, אָבער ער האָט זיך באַהערשט, און ווען די ערשטע שרעק איז פאַריבער, האָט ער זיך גענומען פילן בעסער, קרעפטיקער, זאָל זי אויך רויִק זיין.

וואָס מער זלמן האָט גערעדט באַרויִקנדיק פלאָראַן, אַלץ אומרויִקער איז ער געוואָרן, אים האָט זיך געדאַכט, אַז פלאָראַ זעט דעם ליגנט אויף זיינע ליפן, ווי ער לייגט, ווי ער לייגט, אפשר גאָר איר דערציילן אַלץ, און מאַכן אַ סוף, אַן ענדע צו אַלץ. ניין, ניין און ניין. ער מוז אין איר וועקן דעם דורשט צום לעבן, פאַרטרייבן די שרעק, ער מוז, ער מוז, וויל ער...

זלמן האָט, ווי אים האָט זיך געדאַכט, פלאָראַן שוין באַרויִקט, אָבער זיין אומרויִקייט איז נישט פאַרשוואונדן. ער איז אַוועק צום דאָקטאָר און אים גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער.

— ווי האַלט עס מיט פלאָראַן?

— נישט שלעכט, נישט שלעכט, און ער דאַרף נישט זיין אומרויק, די אומרויקייט טוט אים קיין גוטס.

אומגעדולדיק מאַכט זלמן אַ באַוועגונג מיט דער האַנט:

— ווער רעדט דאָס וועגן אים, די פראַגע איז פלאָרא. דאַרף זי אפשר פאָרן ערגעץ אַנדערשוואו אין אַ טריקענערן קלימאַט.

דער דאָקטאָר שמייכלט.

זלמן רעדט דאָך ווי אַ גרינער. וואַרעמער קלימאַט, טרוקענער קלימאַט איז גאָרנישט, ער וועט געפינען אין ניו-יאָרק און אין אַלע אַנדערע שטעט שפּיטעלער פאַר אַזעלכע קראַנקע, און אויב ער וויל אים פאָלגן, וואָלט ער אים געראָטן, ער זאָל פלאָראַן אַריינגעבן אין אַ שפיטאָל אין ניו-יאָרק; בעדפאָרד היל, אָדער סיע וויו.

זלמן קוקט אויפן דאָקטאָר מיט אַ לאַנגן קוק און פרעגט ענדלעך:

— אַזוי שמאָל האַלט עס מיט איר?

דער דאָקטאָר ווערט אין כעס.

— ער פרעגט נאַרישע פראַגן!

זלמן ווערט שוין אויך בייז אויפן דאָקטאָר און נישט אָן סאַרקאַזם ענטפערט ער, אַז דעם דאָקטאָרס ענטפערס זענען נישט קליגער ווי די פראַגן. ער איז דאָך אַ דערוואַקסענער מענטש און אליין אַ קראַנקער, וואָס ווייסט און פאַרשטייט, וואו ער איז אין דער וועלט. די קראַנקע איז זיין... פרוי, ער מוז דאָך וויסן ווי זי האַלט. פראָגרעסירט די קראַנקהייט, איז עס אַ שנעלער פראָצעס, אַ גאַלאָפּירנדער? דעם אמת, דעם ריינעם, טרוקענעם אמת, ווייל ווי ביטער דער אמת זאָל נישט זיין, איז ער אָבער בעסער ווי דער לאַקריץ-זיסער ליגנט.

דער דאָקטאָר קלאַפּט זלמנען גוטמוטיק איבער דער פּלייצע.

— נאָר נישט אויפגערעגט, נאָר נישט אויפגערעגט, דאָס טוט אים קיין גוטס. ער וועט אים זאָגן דעם אמת, דעם ריינעם אמת. פלאָרא איז קראַנק, זייער קראַנק, די קראַנקהייט פּראָגרעסירט לײדער, אָבער נישט אַזוי שנעל, ווי ער דענקט. זאָל ער דערום נישט זיין אומרויק, מעגלעך די בעסטע וועט געצאַמט ווערן. ער דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די קרענק איז אַ קאַפּריזנע פּאַציענטין, וועלכע דאָקטוירים האָבן שוין אויפגעגעבן, לעבן און שאַפן נאָך אַ דור איבערצולאָזן נאָך זיך.

די ווערטער קלינגען באַקאַנט אין זלמנס אויערן. האָט אים זיין ערשטער דאָקטאָר נישט געזאָגט דאָס זעלבע? זיי לייגן אַלע, און דער ווײצלט זיך נאָך. אַבי ער האָט געמיינט, אַז דער דאָקטאָר איז נישט בלויז אַן עסקולאַפּ, נאָר אויך זיינער אַ פריינט. ער פּרוּווט דאָך אַרויסצוקריגן דעם אמת.

— טאָ פאַרוואָס הייסט ער זי נעמען אין אַ האָספּיטאַל? דענקט ער נישט, אַז דער פאַקט פון איבערפירן זי אַהין, אין דער סביבה דאָרט, וועט אויף איר ווירקן צום שלעכטן, צום...

— זאָל ער אים אַנטשולדיקן: ער איז אַ מאָדערנער מענטש, דאָך איז נאָך ביי אים פאַרבליבן דער פאַראורטייל קעגן דעם האָספּיטאַל. ביים פאָלק איז נאָך אַלץ איינגערעדט, אַז אין האָספּיטאַל איז מען מקצר ימים. נאַריש. ער ראָט אים זי אַריינברענגען אין אַ האָספּיטאַל, ווייל דאַן וועט פלאָרא רוען, און ער וועט אויך קענען רוען. איצט רוט ער נישט, און ער מוז דאָך וויסן, אַז ער דאַרף רו, אַבסאָלוטע רו, ער פאַרשטייט? פלאָרא דאַרף פאַרברענגען איר צייט אין בעט, מ׳דאַרף זי באַדינען, מ׳דאַרף גוט אַכטונג געבן אויף איר, און דאָס פאַלט אויף אים. ער ראָט אים דערום זי נעמען אין אַ האָספּיטאַל, אויב אָבער ער האָט מורא, זאָל זי בלייבן דאָ, וואו זי איז, ער מוז אָבער זען אַ ו.רטערין, זי זאָל באַדינען

פלאָראַן און ער זאָל קענען רופן רויק. די הויפטזאַך, זאָל ער אַליין נישט זיין אַזוי אומרויק.

דאָס געשפּרעך מיטן דאָקטאָר האָט זלמנען געעפנט די אויגן, און ער האָט דערזען פלאָראַן מיט אַנדערע אויגן ווי ביז אַהער. ער האָט געזען, אַז פלאָראַ וועט שוין אַזוי גיך... פון בעט נישט אַראָפּגיין. און שטום נעמט ער אויף זיך אַ נדר, נישט אָפּצוטרעטן פון איר בעט. — ער איז נישט קיין מאָדערנער מענטש — כּמ... ער ווייסט וואָס אַ שפּיטאָל מיינט. אירע טעג — ווער ווייסט ווי־פיל ס'איז פאַרבליבן — מוז זי פאַרברענגען נישט אין יענער קראַנקן־וועלט, נישט צווישן פרעמדע, ער מוז זיין לעבן איר און אויף ווי ווייט מעגלעך פאַרלייכטערן איר די דאָזיקע שווערע, שווערע טעג.

טעג און נעכט איז זלמן געזעסן לעבן פלאָראַס בעט. עס האָט געטראָפן ווען אַ הוסט־פּאַראָקסיזם פלעגט זי אויפוועקן, און דער־זעענדיק אים שלאָפן זיצנדיק, פלעגט זי אים אויפוועקן, שיקן שלאָפן, און ווען ער פאַרענטפערט זיך, למאי ער איז אַנדרימלט געוואָרן, שמייכלט זי, ציט אים צו צו זיך, קושט אים, און ער שפּאַרט זיך צו אויף דעם בעט לעבן איר...

די נעכט.

זלמן האָט געזען, פלאָראַ צאַנקט ווי אַ ליכט, און יעדעס מאָל, וואָס דאָס צאַנקנדע ליכט האָט אויפגעפלאַמט און אים באַלויכטן, יעדעס מאָל, וואָס זי האָט זיך ליידנשאַפטלעך איינגעקלאַמערט אין אים, האָט ער געפילט, ווי איר לעבן לעבט זיך אויס שנעלער, אירע לעבנס־מינוטן ווערן פאַרקירצט, אָבער ער האָט נישט גע־קענט, און נישט... געוואָלט ווידערשטיין. ערשט צומאָרגנס פלעגט דאָס אים אָנהייבן עסן: און איין מינוט פון איר לעבן, איין סע־קונדע מעג ער דען רויבן? אָבער, וויל ער דען נישט, איז ער דען נישט גרייט איר אָפּצוגעבן זיין לעבן, ווי־פיל אים איז נאָך באַשערט. אָבער ער קען נישט, ער איז הילפלאָז, די לעצטע טעג

אירע וויל זי לעבן, לעבן, און ער האָט קיין רעכט, ניין, ער וויל נישט די טרויעריקע טעג נאָך טרויעריקער מאַכן, צוגעבן טרויער צו טרויער.

גענוג טרויער האָט זיך אַרייַנגעקליבן אין די צוויי צימערן. זלמן, געטריי זיין באַשלוס, איז געזעסן לעבן פלאָראַס בעט, זי באַדינט, אָבער עמעצער אין זלמנען האָט נישט געוואָלט וויסן וועגן זיין באַשלוס און אים אָפטמאָל געצוואונגען צו פאַרבלייבן אין בעט. די וועכטערין, וועלכע ער האָט געדונגען, איז דאַן געווען די פאַר־מיטלערין צווישן זיי, אָפּגעבנדיק אים אַ גרוס פון פלאָראַן, און איר אַ גרוס פון אים. די וועכטערין, אַ דייטשקע, אַן אַלטע מויד, האָט געטאָן איר אַרבעט בשלימות, אויסגעשטאַנען געדולדיק די קאַפּריזן פון ביידע. איין זאַך האָט זי בלויז נישט געקענט דולדן: זלמנס אַרונטערגיין פון בעט און צוגיין צו פלאָראַס בעט. און זי פלעגט זיך בייזערן אויף אים, סטראַשען, זי וועט דערציילן דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אויך כלומרשט געשריגן אויף זלמנען. ס׳איז אָבער געווען גענוג פאַר אים אָנצוקוקן זלמנען, און ער האָט געזאָגט דער וועכטערין, אַז מ׳קען מיט אים גאָרנישט מאַכן, זאָל ער אַרונטערגיין אויף אַ פּאָר מינוט. קראַנק ווי זלמן איז, דערבע טערט ער זיך צו פלאָראַס בעט אַ געזונטער און זעט צו באַרו קן פלאָראַן. ער זעט, אַז פלאָראַ איז מער נישט אומרויִק, אָבער ד רויִקייט איז מער אַן אַפּאַטישע ווי אַ האָפנונגספולע. זי אַרט גאָר נישט, זי באַקלאָגט זיך בלויז דערויף, וואָס איר קאָפּ טוט איר ווי פון דער שווערער משא האָר, אויסער דעם, פאַרפלאָנטערן זיי זיך זי קען זיי נישט צעקעמען, קען זיך נישט צורירן צו זיי. זלמן רא איר, זי זאָל אָפּשערן די האָר, זי וויל נישט הערן דערפון, און אי אַליין טוט אויך באַנג צו זען פלאָראַן אָן אירע שיינע, לאַנגע האָר דאָך רעדט ער זי צו, און ברענגט איר ביישפּילן פון פיל מיידל

וועלכע האָבן אָפּגעשוירן די האָר און שפּעטער געקרוגן נאָך לע
גערע, שענערע האָר. די הויפּטזאַך: איר וועט זיין גרינגער. ער רע
אַזוי לאַנג, ביז זי שטימט איין. דאָך, ווען די וועכטערין דערלאַ
איר דעם צאָפּ האָר, האלט זי אים אויףביידע האַנט־פלאַכן און צ
וויינט זיך. אויך זלמנען שטיקן טרערן, דאָך טרייסט ער זי:

— נאַרעלע, וואָס איז דאָ צו וויינען, ס׳וועלן איר אָנוואַ
נאָך שענערע, לענגערע האָר, און אַזאַ יאָר אויף אים, ווי די א
טערגעשוירענע האָר פּאַסן איר, זאָל זי אומישנע א קוק טאָן א
שפּיגל.

פלאָרא שפּיגלט זיך צו זען, ווי די אונטערגעשוירענע ה
פּאַסן איר. זלמן קוקט אויף איר, זעט דאָס פּנים, וואָס קוקט אי
אויס לענגלעכער ווי פריִער, די קורץ געשוירענע ריינע־האָניק־ק
ליר האָר, און זי רופט ביי אים אַרויס די פאָרשטעלונג פון
טולפּאַן.

— שיין בלימעלע מיינס.

זי דערלאַנגט אים צוריק דעם שפּיגל, גיט נאָכאַמאָל א קו
אויף די אָפּגעשוירענע האָר.

— נאַ, באַהאַלט!

זי קערט אום דעם קאָפּ.

אָוועקטראָגנדיק דעם קאָפּ האָר, האָט זלמן געפילט, אַז א
זיינע הענט ליגט א טייל פון פלאָראַס כּוח, צוגענומען ביי איר
ווינציקער און ווינציקער כּוח. ניינציק פונט וועגט זי שוין.

פלאָרא, דאָס שיינע געזונטע מיידל, און פלאָרא דאָס קראַנ־
קע קינד, וואָס ליגט איצט אין בעט — א קינד קראַנק.

און ער?

ער האָט געפילט, אַז די כּוחות פאַרלאָזן אים אויך, צען מי־
נוט קען ער נישט שטיין אויף די פיס, ער ווערט שוואַכער פון
טאָג צו טאָג און ער קען גאָרנישט טאָן צו שטאַרקן זיך. דאָס

...ציקע, וואָס ער קען און דאַרף טאָן, איז רוען, אָבער ליגנדיק אויף זיין בעט באַפאַלט אים אַן אומרויִקייט, אַ שרעק:

— ווער פריער?

אָט די פראַגע האָט ווי טיטוסעס פליגעלע גענומען פּיקן אין מוח.

אין זיין האַלב דרעמלענדן צושטאַנד ...ט נישט איינמאָל צו אים די זעונג, ווי ער מיט פלאָראַן שווימען, ווערן געטראָגן פון שטראָם, ביידע קעפ זען זיך, אָבער די כּוחות פאַרלאָזן, און דער שטראָם שלעפּט. ווער וועט דער ערשטער זיך אַרונטערלאָזן צום גרונט, וועמענס קאָפּ וועט צוזען דאָס פאַרשוואונדן?

צושפּאַרנדיק זיך ביינאַכט אויף זיין געלעגער באַפאַלט אים אַן אימה:

— ווי, אַז ער וועט אויפשטיין אינדערפרי און טרעפן פלאָראַן אַן אַנטשלאָפענע.. שטיל פלעגט ער דאַמאָלס אַראָפגיין פון זיין געלעגער, זיך אַנידערזעצן לעבן איר בעט, זיך איינהערן צו איר אָטעמען, ביז ער פלעגט אַזוי זיצנדיק איינשלאָפן.

אויך די נאַכט איז זלמנען באַפאַלן אַ שרעק.

אַ שיינע, טיפע, קלאָרע האַרבסט-נאַכט.

די לבנה האָט אַריינגעשיינט דורך דעם פענסטער, באַלויכטנדיק דאָס צימער אין איין פלאַץ און געדיכטער מאַכנדיק די שאָטנס ...רום, און די שאָטנס שטופּן זיך, שפאַרן זיך צו פאַרטרייבן אָז ...ליכט און זיך דערנענטערן צו זלמנען.

פלאָרא האָט געהאַט אַ שלעכטן טאָג, זייער אַ שלעכטן, אַ הוסט-פּאַראָקסיזם האָט זי געמאַטערט, נישט אָפּלאָזנדיק זי, און דער הוסט איז געווען גאַנץ אָפט אַ רויטער, און די היץ איז געשטיגן, אַזאַ הויכע טעמפּעראַטור האָט זי נאָך ביז אַהער ני...ט געהאַט ...רויפגעצויגן. ער האָט גערופן דעם דאָקטאָר, און יענער האָט אים ...פילו באַרויִקט. אים איז אָבער נישט געפעלן געוואָרן דעם דאָק

טאָרס אָנזאָג: אין פאַל מען וועט אים דאַרפן, זאָל מען אים רופן דורכן טעלעפאָן, מעג עס זיין אַפילו שפּעט ביינאַכט.

פאַרנאַכט איז איר אַפילו גרינגער געוואָרן, די היץ איז אָפּגעטרעטן, זי האָט גערעדט גאַנץ געמיטלעך, באַוואונדערט דעם שיינעם זון-אונטערגאַנג, אים איז אָבער נישט געפעלן געוואָרן איר געזיכטס-אויסדרוק, ווען זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן. אַ פאַרהאַרטעוועטקייט האָט זיך באַוויזן אין איר געזיכט. דער מילדער אויסדרוק פון איר פנים, וועלכער האָט אים אַלע מאָל געמאַכט דענקען וועגן איר אַלס אַ צאַרט בלימל, און וועלכער איז נאָך ווייכער געוואָרן אין פאַרלויף פון איר קראַנק זיין, איז פאַרשוואונדן. אַ פאַרשפּיצטקייט האָט זיך באַוויזן אין איר געזיכט, דער קין איז געוואָרן שאַרפער, און איבערהויפּט די נאָז. נישט ווילנדיק האָט ער זי פאַרגליכן מיט ולאַטקינס נאָז.

— איז דאָס מעגלעך? איז עס שוין זיין חתימה?

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערט זיך זלמן צו צום צווייטן ציימער, און נישט הערנדיק גאָרנישט, אַפילו קיין הוסט, ווערט זיין שרעק נאָך פאַרכטיקער. ער גייט אַרונטער פון זיין געלעגער, זעצט זיך צו לעבן פלאָראַס בעט. און פלאָראַס געזיכט קעגן דעם בלאַסן ליכט פון דער לבנה דערשרעקט אים אַזוי, אַז אים ווילט זיך זי אויפוועקן.

אָבער אַט כאַפּט זי זיך אַליין אויף, זעצט זיך אויף אויף איר געלעגער, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן קישן, קוקט זיך אַרום, ווי נישט וויסנדיק, וואו זי געפינט זיך, און באַמערקנדיק זלמנען לעבן זיך, ציט זי אים צו זיך, און איינקלאַמערנדיק אירע ביינערדיקע אָרעמס אַרום זיין האַלז, זאַפּט זי זיך איין אין זיינע ליפּן מיט אַ שטאַרקן, אויסנאַגנדן קוש.

— זיאַ — מע! ראַטעווע מיך, איך שטאַרב!

פריִענד איז געווען דער קוש, אָבער אין די ביינערדיקע

אָרעמס אַרום זיין האַלז, האָט ער געפּילט אַ טויט-גריף. זלמן איז באַווילדעט געוואָרן פון קוש, פון דער טויטלעכער אומאַרמונג, פ… דעם פלוצלינגן אויסרוף: איר האָט זיך געמוזט עפּעס שרעקלי… כעס חלומען.

ניין, דאָס איז קיין חלום, ער זעט, ווי דער טויט דערנענ… טערט זיך צו איר.

באַפרייענדיק זיך פון די ביינערדיקע אָרעמס, איז ער צו… געלאָפן צום טעלעפאָן, געביטן זיך פון איין פוס אויף דעם צווייטן, ביז וואַנען ער האָט געקריגן דעם דאָקטאָר, און אַריינשריי… ענדיק די ווערטער: זלמן שאַץ, האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס טרייבל, לאָזנ… דיק זיך עס וויגן אויפן שנירל, און געלאָפן צוריק צו פלאָראַס בעט…

ער האָט דערזען, ווי פלאָראַס ליפּן זענען געווען פאַרחתמע… מיט אַ רויטער חתימה, ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר — שטיל… ער האָט גענומען איר האַנט, זי איז נאָך געווען וואַרעם, דע… פולס האָט שוין מער נישט געקלאַפּט...

ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען, האָט ער געטראָפ… זלמנען זיצנדיק אויפן בעט, האַלטנדיק פלאָראַס האַנט. זלמן האָ… נישט געפילט, ווי דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען איר האַנט פו… זיינער. ערשט ווען דער דאָקטאָר האָט אים אָנגערירט, אים ג… הייסן זיך גיין אַנידערלייגן, האָט זלמן אַ מאַך געטאָן מיט דע… האַנט און געבליבן ווייטער זיצן אין דערזעלבער פּאָזע וואָס פריער

דער דאָקטאָר איז געשטאַנען אַ ווײַלע, אויפגעהויבן ז… קאָפּ, גענומען רעדן צו אים, אָבער זלמן האָט נישט געענטפערט… דער דאָקטאָר האָט פּרובירט אים אויפהייבן פון בעט, אָבער זלמ… האָט זיך נישט געלאָזט.

— לאָזט מיך, — האָט ער אָפּגעהאַקט אַרויסגעזאָגט.

— מ׳דאַרף זי מקבר זיין, — האָט דער דאָקטאָר גערעדט.

— האָ? — האָט זלמן אַ פרעג געטון — מקבר זיין? יאָ דאָ האָט איר. -- ער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע צעקנייטשט-געלט-פּאַפּירלעך און זיי דערלאַנגט דעם דאָקטאָר. דער לעצטער האָט זיי אַ יסגעגלייכט, איבערגעציילט, אַ טייל פון זיי אַריינגע-שטעקט צוריק צו זלמנען אין קעשענע און אַוועקגעגאַנגען.

שווייגנדיק, נישט לאָזנדיק קיין טרער, האָט זלמן צוגעקוקט, ווי מען נעמט אַרויס פלאָראַן פון בעט. שווייגנדיק, אין דער באַ-גלייטונג פון דאָקטאָר, נאָכגעגאַנגען, ווען מ׳האָט זי אַרויסגענומען פון הויז, און אין דעם זעלבן צושטאַנד נאָכגעפאָרן צום מקום קבורה. ווען די לעצטע לאָפּעטע ערד איז אַרויפגעלייגט געוואָרן, איז ער געבליבן שטיין לעבן דעם פרישן בערגל ערד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ לעבעדיקע מצבה אויף דעם נאָר וואָס פאַרשאָטענעם קבר.

דער דאָקטאָר האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם, אים אַריינ-געזעצט אין זיין אויטאָמאָביל, אים אָפּגעפירט אַהיים, אַריינגעלייגט אים אין בעט און אַוועקגעגאַנגען.

לאַנג איז זלמן געלעגן אויף זיין געלעגער, מיט אָפענע אויגן געריכטעט צום באַלקן, נישט זעענדיק גאָרנישט. ער האָט נישט געזען דעם טאָג, האָט נישט באַמערקט, ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן. ער האָט אויך נישט געהערט, ווי די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען. ערשט ווען זי האָט גענומען צו אים רעדן, האָט ער געריכטעט זיין קוק צו איר.

— האָ? עסן? ער וויל נישט.

אָבער די באַלעבאָסטע רעדט ווייטער:

— מ׳דאַרף דאָס צימער דיזענפעקצירן.

— דיזענפעקצירן, זאָגט זלמן נאָך, געוויס, יאָ, — און ער שפּאַרט אַריין די האַנט אין קעשענע און דערלאַנגט דער באַ-לעבאָסטע דאָס גאָרע געלט, וואָס ער האָט געהאַט.

— זאָל ער איר אַנטשולדיקן, וואָס זי וויל זאָגן, — רעדט ווייטער די באַלעבאָסטע, — אָבער ער ווייסט דאָך... זי מיינט... זאָל זי אַרויסהענגען אַ צעטל צום פֿאַרדינגען דאָס צימער, די צימערן?

— יאָ, יאָ, זאָל זי אויסהענגען.

זלמן איז אַראָפּגעקראָכן פֿון זיין געלעגער, זיך פֿאַרוואונדערט, וואָס ס'איז אַזוי טונקל, געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי נישט ווייסנדיק, וואו ער געפינט זיך, און באַלד זיך געלאָזט אין צווייטן צימער.

אַריינקומענדיק אַהין, איז ער געבליבן שטיין לעבן בעט און שוואַך געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער נישט באַצויגענער מאַטראַץ, די אָפּוועזנהייט פֿון דעם איבעריקן בעטגעוואַנט, האָט אים געשטאָכן אין די אויגן. ער האָט דערפֿילט אַ פּוסטקייט, אַ ליידיקייט, און אין דער ליידיקייט האָבן זיך שטילע שאָטנס אַרומגעדרייט.

ער האָט אויפֿגעהויבן אַ שוך, וואָס איז געשטאַנען לעבן בעט, אים געהאַלטן פֿאַר די אויגן, און דאַן אים געלאָזט פֿאַלן צו דער ערד.

דער טעמפּער קלאַנג פֿון פֿאַל האָט אים אויפֿגעוועקט.

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, באַטראַכט דאָס צימער, שוואַך שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, און מיטאַמאָל זיך אומגעדרייט, אַריין צו זיך אין צימער. דאָרט האָט ער זיך געפּאָרעט אַ קליין שטיקל צייט, אַרויפֿגעצויגן אויף זיך אַ לייכטן האַרבסט-מאַנטל און זיך אַרונטערגעלאָזט אין גאַס.

פּאַמעלעך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, טויב צו דער וועלט אַרום, איז זלמן געגאַנגען. דער וועג איז געלעגן באַרג אַרויף און אים האָט פֿאַרפֿעלט אָטעם. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט דעם גנעפּל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין פֿאַרציִען אַלץ געדיכטער, פֿאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס און זיך געלאָזט גיין ווייטער.

צוקומענדיק צום פֿרישן בערגל ערד, האָט ער זיך דערנענט-

לאָזט דערבײַ און געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, נישט מאַכנדיק קײן באַװעגונג, נישט אַרױס לאָזנדיק קײן קלאַנג. ער איז אַזױ געזעסן, ביז אַ קרײ פון אַ האָן האָט אים אױפגעװעקט.

ער האָט אױפגעציטערט.

ער האָט דערפילט װי די פײַכטקײט האָט דורכגענומען זײַן גאַנצן קערפּער, זײַנע גלידער זענען פאַרשטײפט, זײַן ברוסט איז פאַרפרעסט, עס ברענט דאָרט װי אין אַ גיהנום און דער גומען איז פאַרטרוקנט. ענלעכס האָט ער געפילט די נאַכט נאָך נײ-יאָר.

ער זעט פאַר זיך יענע נאַכט, און ער ציטערט אױף, שאָקלט מיטן קאָפּ.

נײן, נײן, דאָס װעט נישט זײַן, דאָס װעט זיך נישט איבערחזרן. ער האָט אױפגעהױבן דעם קאָפּ, געקוקט אין נעפּל אַרײַן, און האָט געזען װי די מצבֿות רירן זיך פון זײערע פּלעצער, דער געדיכטער נעפּל װערט דורכגעשניטן, מ׳רינגלט אים אַרום, און הענט, הונדערטער הענט שטרעקן זיך, ציִען זיך צו אים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, געפילט די ערד אונטער זיך, זיך אָנגעשפּאַרט מיט אײן קולאַק אָן דעם פרישן בערגל ערד, פּרוּװט זיך אױפשטעלן, באַלד אָבער האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער רעכטער האַנט, זיך צוריק אַרױ טערגעלאָזט, געטאַפּט זײַן אױסגעשמירטע האַנט, זי אַ װיש געטאָן אָן מאַנטל, אַרונטערגעלאָזט די אױגן צום פרישן בערגל ערד.

— פּלאַראַ — האָט ער אַרױסגערעדט שטיל און װידער געבליבן זיצן.

אַלץ געדיכטער האָט זיך פאַרצױגן דער נעפּל אַרום אים, נישט אױסצוטײלן אים פון די מצבֿות דערבײַ, אָבער די מענטש-מצבֿה באַװעגט זיך.

קלי — קװ׳

ווילד האָט זיך געטראָגן דער הילכיקער שאָס אין דער שטילער נאַכט, אָנזאָגנדיק:

— אַ מענטש איז מיט אַ רעשיקן טראָט אַנטקעגן געגאַנגען דעם שטילן טויט.

פעברואַר 1921.

גרינגער איִת דער נשמה

לעצט - געלט

גרינגער אויף דער נשמה

אין פּאַלאַטע נומער איינס גייט אָן אַ לעבהאַפטער געשפּרעך. דער הויפּט-רעדנער אין געשפּרעך, אָנפירער, איז מר. לעדערמאַן. שוואַרץ, שוואַרצע האָר, פיבערישע אויגן, דער קאָליר פון פּנים שוואַרץ-גרין, די באַקן איינגעפאַלן איבער דעם ציינלאָזן מויל. אַ קוק טוענדיק אויף אים, זעט מען אַ סקעלעט, באַצויגן מיט אַ דינער גלאַנציקער הויט, און אַ ווייכע דיקע נאָז. דער סקעלעט רעדט אָבער, הערט נישט אויף צו רעדן מיט זיין הייזעריקער, זאַמדיקער שטימע, און עס דוכט זיך ער קייט איבער די ווערטער אין זיין ציינלאָזן מויל איידער ער לאָזט זיי אַרויס.

... ער קומט זיך מיט מיר רייצן, ער האָט געוואונען דריי פונט. פונמיינעטוועגן, אַפילו צען, איך פאַרגין אים מיטן גאַנצן האַרץ, אַ מציאה וואָג, אַ מציאה. שוין דאָ געווען אַ פּאַציענט — האָט ער געוואויגן אַריבער צוויי הונדערט פונט — איר האָט אים שוין דאָ נישט געטראָפן, — און אַז ער האָט זיך באַדאַרפט אָפּ-

טראָגן, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן איינס און צוויי מיט די צוויי הונדערט פונט, אַ טייערע מציאה וואָג. מיט פופצן יאָר צו-ריק האָב איך געוואויגן נישט מער ווי היינט, און פונדעסטוועגן, ווען איך האָב באַדאַרפט שלאָגן פיר גוים, האָב איך זיי גע-שלאָגן.

— יאָ, פיר גוים, — האָט לעדערמאַן ווידעראַמאָל באַטאָנט די ווערטער מיט אַ טריומפירנדן קוק. דערזעענדיק אָבער אַ שמייכל באַ אַראָנסאָנען און לייזעראָוויטשן אויף די פּנימער, פאַרשווינדט דער שמייכל פון לעדערמאַנס געזיכט, און ער הייבט אָן שוין אַ ביסל אויפגערעגט:

— איר גלייבט נישט, וואָס? זאָל איך אזוי זיין אַ טאַטע צו מיינע קינדער, ווי דאָס איז אמת. דאָס איז געווען אין —

— שוין געהערט, שוין געהערט די געשיכטע, — פאַלן אריין אַראָנסאָן און לייזעראָוויטש אין זיינע רייד. שוין טויזנט מאָל דערציילט, דערציילט עפּעס נייעס, נישט פון פופצן יאָר צוריק.

— ווער רעדט דען צו אייך, ווער. מ'רעדט צו זיי, — ווענדט זיך לעדערמאַן צו זיין שכן, וואָס ליגט אויפן בעט קעגנ-איבער אים.

דער לעצטער, וועלכער איז נאָך אַ „גרינער" אין שפּיטאָל און וויל, ווייזט אויס, יוצא זיין לכל הדעות, גיט אַ שמייכל צו לייזעראָוויטשן און אַראָנסאָנען, און צו לעדערמאַנען זאָגט ער:

— דערציילט, דערציילט.

ווערנד לעדערמאַן דערציילט ווי אזוי ער האָט מיט פופצן יאָר צוריק, וועגנדיק דאָס זעלבע, וואָס היינט, געשלאָגן פיר גרויסע, געזונטע גוים, שפּאַלטנדיק איינעם דעם קאָפּ מיט אַ פלעשל פון בראָנפן, דעם צווייטן מיט אַ בענקל, דעם דריטן געכמתט, און דעם פערטן צעהרגעט, רעדן זיך לייזעראָוויטש און אַראָנ-

סאָן איבער, אַז לעדערמאַן האָט שוין געכאַפּט אַ נייעם קרבן, ער־װעט אים שוין פאַרנודזשען צום טויט, און ווען לעדערמאַן ווערט פאַרטיק מיט זיין דערציילן און קוקט מיט אַ זיגערישן שמייכל אויף זיין שכן, צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט זיין גבורה פון פופצן יאָר צוריק, הייבן אָן לייזעראָוויטש און אראָנסאָן צו זינגען מיט אַ יום־טובדיקן ניגון:

— ואהבתך אל תסיר ממנו לעולמים, אָי איז דאָס אַ ליגן, אָי איז דאָס אַ לי—גן, אָי—אָי, אָי—אָי—אָי, אָי—אי—אי אי—אי—אי, אוי איז דאָס אַ ליגן!

אַ פאַרוואונדערטער, אַ פאַרלוירענער קוקט דער נייער פּאַציענט, אַ בעטנדער קוקט אויף אים לעדערמאַן.

— משוגעים. אַט אַזוי ווי איר זעט, — און זיך ווענדנדיק צו די זינגענדיקע, זאָגט ער שאַרף אַרויס:

— מ׳האָט אייך אין דר׳ערד, האָט מען אייך, גיין ליגן פאַר אייך אַ צלם.

— וואָס איז דאָ פאַר אַ טומל? — פרעגט די וואַרטערין אַריינקומענדיק.

— אָה, דאָס האָבן מיר געשריגן הורא פאַר דזשאָרש וואַשינגטאָן, — ענטפערט לייזעראָוויטש לאַכנד.

— דזשאָרש וואַשינגטאָן! ווען האָט איר שוין געקרוינט מיט דעם נאָמען? —

— וואָס הייסט ווען, לעדערמאַנען. ער האָט דאָך נאָך קיינמאָל קיין ליגן געזאָגט. ער האָט ערשט בלויז דערציילט, אַז מיט פופצן יאָר צוריק האָט ער געשלאָגן פיר גוים, ער איינער אַליין, אַן אַ ראָטע סאָלדאַטן. —

— און איר ווילט עס נישט גלויבן, — זאָגט די וואַרטערין לאַכנד, — מר. לעדערמאַן קען נאָך היינט אָוועקהרגענען דריי גוים.

— מיט זיין נודיען. געווים, — זאָגט לייזעראָוויטש.

— זאָל זיין מיט נודזשען, — ענטפערט די ש..טעריז, — און וואָס אַרט עס אייך, אַז נישט מיט נודזשען. און איר, מר. לע־דערמאַן האָט שוין גאַר־נישט בעסערס צו טון, ווי זיך אַרומקריגן איבער פיר גוים פון מיט פופצען יאָר צוריק, איר וואָלט פיל בע־סער געטון, ווען איר לייגט זיך אַריין אין בעט און שווייגט, דער דאָקטאָר האָט דאָך אייך פאַרבאָטן צו רעדן. לאָזט אים צורו, — זאָגט זי צו לייזעראָוויטשן און אַראָנסאָנען, און פאַרלאָזט די פּאַ־לאַטע.

— אַלץ, וואָס זי ווייסס, איז — מר. לעדערמאַן, לייגט זיך אין בעט, — זאָגט לעדערמאַן מיט אַ פאַראַכטנדער מינע — ווען די וועכטערין פאַרלאָזט די פּאַלאַטע, — אַ ביסל מעדיצין געבן, דאָס נישט, דער דאָקטאָר האָט נישט געהייסן! נאָכימטאָגען האָט ער יאָ געהייסן, גיט אים מעדיצין. גיט אים עפּעס אַנדערש אויך... אַזאַ!.. לייגט זיך אין בעט און שווייגט, דער דאָקטאָר האָט נישט געהייסן רעדן. איך פייף אויפן דאָקטאָר, איך בין געזונטער פון אים.

לעדערמאַן האָט זיך פאַרהוסט.

— שטרויענער העלד מייגער, — זאָגט לייזעראָוויטש, — פיר גוים הרגעט ער, זעסט זיך צעקאָכיקעט, אַט הוסטו דאָך שוין אַרויס די נשמה, מיט די לונגען, מיט אַלץ.

— איך וועל נאָך גיין צו דיין לוויה, — ענטפערט לעדער־מאַן, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם. — זע נאָר ווער עס רעדט, דוכט זיך דו, אַז דו הייבסט אָן בעכן, קאָנסטו דאָך אַ טעלעפאָן־סלופ אַרויסרייסן. ער זאָגט מיר, געפּגרטע קאַץ, וואָס דו ביזט.

— מאַך צו דיין חזיר־שנאָבל, אַ נישט וועל איך אים דיר פאַרמאַכן, — זאָגט שוין לייזעראָוויטש דראָענד.

— ווער וועט עס טון, דו? ער מאַכט מיך צום לאַכן. —

— יאָ, איך, און אויב דו וועסט נישט גלייך אַנטשוויגן --

— לייזעראָוויטש! לייזעראָוויטש! — מישט זיך אַריין אַראָנסאָן, — וואָס איז מיט דיר. וואָס אַרט עס דיך. אַז ער רעדט, צוליב אַזאַ באַשעפעניש זיך אויפרעגן, לייג זיך אַנידער. און איר, מר. לעדערמאַן, וואָלט זיך אויך געמעגט אַנידערלייגן.

— נישט אייער עסק, — ענטפערט לעדערמאַן, — איך וועל וועלן, וועל איך ליגן, איך וועל וועלן, וועל איך אַרומגיין, גיין פרעגן ביי עמעצן, וואָס איך זאָל טון.

נישט פרעגנדיק ביי קיינעם, לייגט זיך דאָך לעדערמאַן אַנידער, קייט איבער אַ פּאָר מאָל מיט די ציינלאָזע יאַסלעס און בלייבט ליגן רויק, אויך די איבעריקע ליגן רויק.

לעדערמאַן וואַרפט אָבער אַלע ווײַלע אַ קוק אויף לייזעראָוויטשן, און אין זיינע פיבערהאַפטע אויגן באַווייזט זיך אַ בייז פייערל. ער וועט אים צייגן, דעם לייזעראָוויטשן, ער וועט שוין וויסן צי „ער וועט אַרויסהוסטן די נשמה מיט די לונגען", ער וועט שוין ביי אים הוסטן ריכטיק.

שטיל און פינסטער. בלויז דאָס שווערע עטעמען פון די פיר קראַנקע און דאָס שוואַכע ליכט פון דעם נאַכט-לאַמטערס צעטרייען די שטילקייט און פינסטערניש. אויך לעדערמאַנס פיבערישער קוק שניידט זיך אַריין אין דער פינסטערניש, זיין אויער איז וואַך צו יעדן קלאַנג. ווי אַ גנבֿ קוקט ער זיך אַרום אין אַלע זייטן, טרעט אויף די שפּיץ פינגער.

צוקומענדיק צו לייזעראָוויטשס טישל, שטעלט ער אויך עפּעס, נעמט פון דאָרט עפּעס, און מיט דערזעלבער פּאַרזיכטיגקייט, נאָר אַ ביסל שנעלער, גייט ער צו זיין בעט, לייגט זיך אַוועק.

איצט האָט ער די ריכטיקע סחורה. ער וועט שוין זינגען דעם דאָקטאָר אַ לידל, ער וועט שוין ליגן, — טראַכט לעדערמאַן, שמייכלט אין דער פינסטער, זו מיט אַ ביזן צופרידענעם שמייכל לייגט ער זיך אַוועק ווידער שלאָפן.

אינדערפרי האָט לעדערמאַן געקוקט אויף לייזעראָוויטשן מיט דעם בייזן געהיימנישפולן שמייכל, וועלכער זאָגט: איך ווייס שוין, וועסט שוין קרענקען אויפן קאָפּ, — און ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען געהאַויר ווערן, וואָס עס מאַכן די פּאַציענטן, האָט לעדערמאַן געענטפערט, אַז ער פילט גוט, און דאַן געליגן מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און אָנגעשטרענגטע אויערן, צו הערן, וואָס לייזעראָוויטש וועט זאָגן.

דער לעצטער האָט שטילערהייט עפּעס דערציילט דעם דאָקטאָר. לעדערמאַן האָט נישט געקענט הערן, וואָס לייזעראָוויטש האָט געזאָגט, אָבער פון דעם, וואָס דער דאָקטאָר האָט אַריינגעקוקט איגם שפּיי-קעסטעלע און פונם דאָקטאָרס פראַגן, וועלכע ער האָט געשטעלט לייזעראָוויטשן בקול רם, האָט לעדערמאַן שוין געוואוסט, אַז זיין אַרבעט איז געלונגען.

— וואָס האָט איר געטון נעכטן? — פרעגט דער דאָקטאָר לייזעראָוויטשן, — אָנגעלאָדן אַ וואָגן משא, געקראָכן אויף אַ באַרג, זיך געקריגט, געשריגן?

— גאָרנישט געטון, אפילו פון בעט כמעט נישט אַרונטער, — בלויז מיט אים — אָנצייגנדיק אויף לעדערמאַנען — זיך דורכגערעדט אַ פּאָר ווערטער.

דער דאָקטאָר קוקט אויף לעדערמאַנען.

דער לעצטער פרוווט עפּעס רעדן, אָבער דער דאָקטאָר שטעלט אים אָפּ.

— וויפיל מאָל האָב איך אייך געזאָגט, איר זאָלט נישט

אַרגומענטירן, נישט קריגן זיך, נישט רעדן צופיל, דאָס איז שעדלעך, איר פאַרשטייט דאָס איז שעדלעך פאַר אייער געזונט — נאַ—נאַ, דערציילט מיר גאָרנישט און איר, ווי קליינע קינדער. אפשר וואָלט געווען א פּלאַן, מר. לייזעראַוויטש, איר זאָלט זיך אַריבערקלייבן אין א צימער פאַר איין מענטש בלויז. איר וואָלט געלעגן רויק, קיינער וואָלט אייך נישט געשטערט. איר דאַרפט זיך נישט שרעקן, ווען איר דערזעט א ביסל „קאָליר", דאָס איז גאָרנישט. וואָס איר דאַרפט יאָ, איז ליגן רויק.

— ניין, ער וועט נישט גיין אין א חדר מיוחד. פון דאָרט קומט מען שוין נישט אַרויס.

— איר רעדט נאַרישקייטן, — זאָגט דער דאָקטאָר אויפגעבראַכט. — מיסס טאַמאַרקין, איר וועט אים נעמען אין איזאָלירונגס-צימער.

— איך וועל נישט גיין! — ענטפערט לייזעראָוויטש אָנטשלאָסן, און הייבט זיך אונטער אויף זיין געלעגער. — איך וועל נישט גיין!

אין זיינע אויגן באַווייזן זיך טרערן.

— נו, נו, לייזעראָוויטש, איר וועט נישט גיין, אָבער איר מוזט ליגן רויק, איר הערט, און איר, מר. לעדערמאַן, אויך.

— אך, איך —

— ליגט רויק, — לאָזט נישט רעדן דער דאָקטאָר, און זאָגנדיק א גוטן טאָג, פאַרשווינדט ער אין דער באַגלייטונג פון דער חאַזערין.

דער דאָקטאָר האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט א שווייגעניש.

לייזעראָוויטש איז געלעגן די אויגן געריכט צום סופיט. אַראָנסאָן האָט געקוקט אויף לייזעראָוויטשן, אויסהיטנדיק זיך לייזעראָוויטש זאָל נישט באַמערקן זיין קוק. דער נייער פּאַציענט איז

געלעגן מיט טרויעריקע, פרעגנדיקע אויגן. לעדערמאַן איז געלעגן מיט אַ קוים-באַמערקבאַרן שמייכל אויפֿן פּנים, גרייט צו רעדן, דאָך איינהאַלטנדיק זיך. זיך לאַנג איינהאַלטן האָט ער אָבער נישט געקענט. אַזוי ווי צו זיך אַליין האָט ער גענומען רעדן:

— שטאַרקער מיינער. מאַכט חזק פֿון מיין הוסטן. וועט מיר פֿאַרמאַכן דאָס מויל. איצט וועט ער שוין ליגן, אַז מען וויל אים שוין נעמען אין איזאָלירונגס-צימער, איז שוין אַ גוטער סימן.

דער נייער פּאַציענט האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ געניטן, וועלכער ווייסט שוין וואָס איזאָלירונגס-צימער איז. צו דערזעלבער צייט האָט ער מורא געקראָגן פֿאַר דעם ייִד מיטן סקעלעט-געזיכט, וועלכער רעדט מיט אַזאַ טייוולאָנישער זשעדנעקייט, אים האָט זיך געוואָלט אויסשרייען:

— וואָס פֿרייט איר זיך אַזוי מיט יענעמס אומגליק, לויט מיין מבֿינות, זייט איר קראַנקער פֿון לייזעראָוויטשן.

ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, און לעדערמאַן האָט אַלץ גערעדט מיט זיין הייזעריקער, זאַמדיקער שטימע.

— זיך באַרימט האָט ער זיך, געוואונען וואָג. ס׳אַליגן, ער האָט גאָרנישט געוואונען, דאָס האָט ער בלויז געוואָלט מיך קרענקען למאַי איך האָב פֿאַרלוירן אַ פֿונט, איצט וועט ער שוין געווינען, וועט ער שוין.

— זאָג אים ער זאָל שווייגן, — האָט לייזעראָוויטש, וועלכער האָט, דוכט זיך, גאָרנישט געקענט הערן, וואָס לעדערמאַן רעדט, זיך מיטאַמאָל געווענדט צו אַראָנסאָנען, — זאָג אים ער זאָל שווייגן, ווייל אַ נישט גיי איך אַרונטער און דערשטיק אים, דעם...

— קוק עס אָן, ווער ס'וועט אַרומגיין, — האָט לעדערמאַן, אַ צופרידענער, וואָס זיינע רייד האָבן געגרייכט דעם ריכטיקן אַדרעס, גענומען רעדן, — שפייט מיט בלוט, שפייט ער און...

— אָ, דו —

לייזעראָוויטש האָט זיך אָפּגעריסן פון בעט. אַראָנסאָן איז גלייך אונטערגעשפרונגען, אים מיט געוואַלט צוריק אַריינגעלייגט, און ווען יענער איז שוין געלעגן אין בעט, איז ער צו צו לעדערמאַנען:

— און איר האַלט ס'מויל, איר הערט? איך וועל דערציילן דעם דאָקטאָר, וועט איר קיין האָניג נישט לעקן. —

— דערציילט! ווער האָט מורא פאַר אים, ווער? — האָט לעדערמאַן אויסגעקייט די ווערטער דאָך איז ער געבליבן שטיל.

ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין בעט-שכן, און זעענדיק, אַז יענער קוקט אויף אים ווייט נישט מיט אַ צושטימונג-קוק, האָט ער אָפּגעקערט די אויגן פונם שכן.

לעדערמאַן האָט מיט אַמאָל זיך דערמאַנט, אַז די אַלע רייד, וואָס ער האָט גערעדט וועגן לייזעראָוויטשן, זענען גאָר אייגנטלעך געווענדט צו אים, האָט ער דאָך פאַרביטן די שפּיי-קעסטעלעך.

מ'דאַרף נאָכאַמאָל אַ קוק טון.

ס'האַלט נאָך אָן רויט. ס'זאָל כאָטש נישט זיין קיין... זיי וועלן דאָך אים אויסעסן די גאַל, וועלן זיי דאָך. נישט דערלעבן וועלן זיי דאָס, נישט דערהאַרן צו זען אים אין אַזאַ צושטאַנד, ער וועט דעם דאָקטאָר גאָרנישט זאָגן. ער פילט גוט.

דער דאָקטאָר האָט אַפילו געהערט, ווי לעדערמאַן האָט געזאָגט, אַז ער פילט גוט, דאָך האָט ער גענומען זיין פולס, געציילט

קאָנאַקנדיק יעדע מינוט מיטן קעפּל פֿון זייגער, געפֿרעגט לעדער־מאַנען, וואָס איז זיין טעמפּעראַטור, און קריגנדיק דעם ענטפֿער אים געהייסן נעמען נאָכאַמאָל פֿאַר זייבע אויגן, ער וועט צו־וואַרטן.

— איר גלויבט מיר נישט, — האָט לעדערמאַן געפֿרעגט. — איך גלייב אייך, וואָס עפּעס נישט גלייבן, אָבער נעמט עס נאָכ־אַמאָל, ס'וועט אייך אסור שאַטן טון.

מיט דעם געפּיל, וואָס אַ גנב דערלאַנגט די זאַך, וועלכע ער האָט געהאַלטן ביים אריינלייגן אין קעשענע און מ'האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט, האָט לעדערמאַן דערלאַנגט דעם טערמאָ־מעטער, וויסנדיק, אַז ער האָט רעגיסטרירט א הונדערט און צוויי.

דער דאָקטאָר האָט באַטראַכט דעם טערמאָמעטער, געקוקט אויף לעדערמאַנען, גערעדט שטילערהייט צו דער וו טערין. לע־דערמאַן האָט די גאַנצע צייט געקוקט מיט אַ בעטנדן קוק אויף זיי ביידן, ווי איינער רעדט:

לאָזט מיך צורו, טוט מיר גאָרנישט.

דער דאָקטאָר האָט אים טאַקע געוואָלט לאָזן צורו, אָבער מיטן תנאי נישט אַרונטערגיין פֿון בעט, ער זאָל ליגן, רוען און שווייגן, ווייל — ווייל —

— קענט איר מיך נעמען אין איזאָלירונגס־צימער? — האָט לעדערמאַן געפֿרעגט מיט תחנונים אין זיינע רייד.

— וואָרום? — האָט דער דאָקטאָר פֿאַרוואונדערט אַ פֿרעג געטון, — זייט איר אַזוי פֿאַרליבט אין יענעם צימער? —

— איך וועל ליגן רויק, — האָט לעדערמאַן געענטפֿערט, און אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

— גוט, — האָט דער דאָקטאָר געענטפֿערט, — מיס טאָ־מאַרקין, איר וועט אים איבערפֿירן אַהין.

אויסמיידנדיק עמעצנס בליק, נישט זאָגנדיק א וואָרט, איז לעדערמאַן, אין דער באַגלייטונג פון דער וועכטערין, אַרויס פון פּאַלאַטע צום איזאָלירונגס־צימער.

דאָרט איז ער געלעגן שטיל און רויק.

פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך געשראָקן און דער דאָקטאָר האָט פאַרויסגעזען, האָט פּאַסירט.

א פּאָר טעג איז ער געלעגן כמעט ווי באַוואוסטלאָז, פאָלגנדיק בלויז די באַפעלן פון דער וועכטערין, נישט רעדנדיק א וואָרט. אין א פּאָר טעג אַרום האָט ער אָנגעהויבן רעדן שטיל, און זיין ערשטע פראַגע איז געווען:

— וואָס מאַכט לייזעראָוויטש?

די וועכטערין האָט נישט געוואוסט, ווי אויסצוטייטשן זיין פראַגע און מורא געהאַט ענטפערן.

— וואָס מאַכט לייזעראָוויטש? — האָט לעדערמאַן איבערגעפרעגט.

— ער איז אין בעט, — האָט די וועכטערין געענטפערט.

— אין בעט? — האָט לעדערמאַן איבערגעפרעגט, און זיינע אויגן האָבן אויפגעבליצט, — אויך א — ? — האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף זיך.

— יאָ, — האָט די וועכטערין געענטפערט, און זעענדיק די צופרידענע מינע אויף לעדערמאַנס געזיכט, האָט זיך איר געוואָלט אריינדרינגען מיט צוויי פינגער אין אָט די נישט פאַרגינערישע אויגן און זיי ארויסרייסן פון די לעכער.

— רעדט נישט אַזוי פיל, — האָט זי בלויז אַרויסגעזאָגט.

לעדערמאַן האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געוואָלט שטילשווייגן.

— און ער קריגט די זעלבע מעדיצין, וואָס איך?

— יאָ, — האָט די ח[illegible]זערין אָפּגעהאַקט געענטפערט.

אַ צופרידענער איז לעדע־מאַן אַנטשוויגן געוואָ־ן, האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, און מיטן שמייכל פון טויט אויפן פּנים, זיך געלייגט שלאָפן נישט אויפצושטיין מער פון דעם אייביקן שלאָף.

א יונגער בוים

אַ יונגער בוים

זעקס פוס הויך, ברייטע גלייכע פלייצעס, הויכע אַקסלען, אַ פעסטער ריטמישער גאַנג, אַן אָפן פול געזיכט, אַ פרייער קוק, רעדנדיק צו אַ מענטש, געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, זאַפטיקע, באָרדע ליפן — הירשפעלדס פּאָרטרעט.

אַ שיינער יונג געווען.

האָט אים אַ מיידל געזען בלויז גיין, איז זי פאַרליבט געווען אין זיין גאַנג, אין זיינע הויכע אַקסלען, אין זיין שטאָלצן קאָפּ, האָט זי זיך באַגעגנט מיט זיין קוק, האָט זי אירע אויגן אַרונטערגעלאָזט, און הירשפעלד האָט געקאָנט צובייגן איר קאָפּ צו זיין ברוסט, גלעטן אירע האָר, זי אויפהייבן און אַוועקטראָגן זי, וואוהין ער וואָלט נאָר געוואָלט.

ער האָט עס געקענט טון, ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, ווייל ער איז געווען קראַנק. זייער ווייניקע האָבן געוואוסט דערפון, און די וואָס האָבן געוואוסט — טאַטע מאַמע, שוועסטער און ברי־

דער, — האָבן זיך נישט געגלייבט, ער אַליין האָט עס נישט גע־גלייבט.

ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם רויטן סימן פון זיין קראַנקהייט, האָט ער נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז, קיין ווייטיק געשפירט, און ווען דער דאָקטאָר האָט אים דערקלערט דעם טייטש פון דעם רויטן סימן, אים געזאָגט, אַז דאָס האָט אים דאָס לעבן אַ וואָרנונג געשיקט, איז ער פאַרוואונדערט און אין כעס געוואָרן. אים האָט זיך געוואָלט אָננעמען אַט דאָס קליינע דאָק־טאָרל מי׳ן שמאָלן קעפעלע און סוטשלעוואַטער פלייצע, אים אַ קנאַק טון אין מאָרדע, די ברילן זאָלן אַראָפפליען פון זיין נאָז, ער זאָל זיך באַוואַשן מיט בלוט, און זאָל ער אויך זען אַ רויטן סימן. אָבער דער דאָקטאָר האָט זיך, קענטיק, ווייניק וואָס געקי־מערט, וואָס דער יונגער, שיינער בחור טראַכט. ער האָט אים גע־זאָגט, וואָס ער האָט געדאַרפט, ער ווייסט, און אים געגעבן גוטע עצות.

די עצות זענען באַשטאַנען אין רוען, רוען אַ יאָר, צוויי, דריי, און אויב נויטיק, מער, אום אָפצושטעלן דעם טויטלעכן שונא.

הירשנפעלד האָט פאַרקלעמט די קולאַקעס, גרייט זיך צו שלאָגן מיט זיין טויטלעכן שונא, אָבער דער שונא, בעסער די טויזנטער קלייניקע שונאימלעך, וועלכע האָבן געלויערט ערגעץ־וואו אינעווייניק אין זיין קרעפטיקן קערפער, האָבן פאַר קולאַקעס זיך וויניציק וואָס דערשראָקן, זייער קאַנגרעס צאָרן האָט זיי אַמוי־זירט און זיין האָבן געטון זייער אַרבעט אין דער שטיל.

יעדן פרימאָרגן האָט הירשפעלד געזען דעם רויטן סימן.

הירשפעלד האָט זיך אונטערגעגעבן. ער, וועלכער האָט זיך

געוואלגערט אין די טראַנשעען ערגעץ-וואו אין „קיינעמס-לאַנד", געקוקט דעם טויט אין פּנים אַריין און זיך נישט דערשראָקן, ווע-מען אַ שראַפּנעל האָט שוין איינמאָל אַ „קראַץ" געטון, האָט איינ-געזען, אַז מיט דעם שונא, זיין אינערלעכן שונא, קען ער נישט קעמפן אַן אָפענעם קאַמף, ער מוז אָנגיין שטיל און פּאַמעלעך, און די הויפּטזאַך, דער קאַמף איז אַ לאַנג דויערנדער.

דאָס לעצטע האָט אים געערגערט מער פון אַלץ.

קעמפן, דאָס איז געווען אין זיין נאַטור, — האָט ער זיך דאָך אַליין אָנגעשלאָסן אַלס פריייוויליגער, — אָבער אַ שנעלער קאַמף, רויט אָדער טויט, און דאָ איז רויט און טויט.

רוען, רוען, רוען.

עך ווי איבערדריסיק, ווי לאַנגווייליק, ווי נודנע, וואָס פאַר אַ פאַרשלאָפטע קרענק, וואָס פאַר אַ פאַרצויגענער קאַמף, אָבער אַזוי איז עס, און אַז מ'קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער. ער האָט זיך געלייגט רוען.

מאָדנע האָט ער זיך געפילט אין זיין רו-פּלאַץ צווישן זיי-נע חברים קראַנקע, מענטשן מיינסטנס אַריבער די דרייסיקער, אויסגעהאָרעוועטע, פאַרחושכטע, פאַרפינסטערטע, געבויגענע פּליי-צעס פון זיצנדיקער אַרבעט, געקנייטשטע שטערנס פון דאגות פּרנסה, פינסטערע בליקן פון זאָרג פאַר דער צוקונפט, און ער איינער צווישן זיי, אַ הויכער, שלאַנקער, „געזונטער" יונג.

וואָס טוט ער צווישן זיי, איז ער אויך קראַנק באַגלייך מיט זיי?

נישט נאָר ער אַליין, די איבעריקע אַרום אים האָבן אים נישט איינמאָל געפרעגט:

— ביסטו אויך קראַנק?

און ער האָט געזען, ווי אין זייערע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ מיסטעריעזער קוק, זאָגנדיק:

— דוכט זיך, דיין קרענק אויף אונז געזאָגט געוואָרן.

ער פלעגט זיי ענטפערן מיט א שמייכל:

— יאָ, איך בין אייך קראַנק, און אפשר נאָך מער פון אייך, אָבער טיף אין זיך האָט ער געטראַכט, אז ער איז דאָך געזונטער פון זיי. ער פלעגט א צי טון זיינע אָרעמס, פילן זיינע האַרטע מוסקלען — א רעזולטאַט פון פיזישער איבונג — און אָנקוועלן פון זיין אייגענער קראַפט.

ס׳איז אָבער געווען גענוג דער פרימאָרגן זאָל קומען, מיט אים ד״ר וויטער סימן, און הירשפעלד פלעגט ווערן ביי זיך געפאַלן, נאָך פיל מער געפאַלן, ווי די אַרומיקע.

טאָג איין, טאָג אויס האָט האָט זיך דער סימן געחזרט, אזוי, אז ווען איין טאָג האָט ער אים דורך א צופאַל נישט געזען, האָט ער זיך שוין אַליין געוואונדערט און געשפּאַסט אויף זיין אייגענעם חשבון:

— איך ווער שוין געזונט, נאָר א זעכציק יאָר אזוי, און איך בין א געהיילטער.

ער האָט געשפּאַסט ווען זיך אַליין, האָט ליב געהאַט ווען אין הערן אַנדערע מאַכן שפּאַס, און אויך א שפּאַס טון מיט א צווייטן.

אמת, ליגנדיק אויפן גאַנץ אינדערפרי, בײַטאָג, פאַרנאַכט, פלעגן אומעטיקע מחשבות קומען אויפן זינען, ספּעציעל פאַרנאַכט אין די שיינע, פאַרבענקטע פאַרנאַכטן פלעגט אים אַן אומעט באַפאַלן, און הגם ער האָט נישט געוואוסט אויב ביאַליק איז א נאָמען פון א יידישן דיכטער, אָדער פון א שטעטל ערגעץ אין רוסלאַנד, פלעגט ער דאָך אין דער צייט פון רחמים [illegible] זיין טענה און פרעגן:

„מ׳זאָגט ס׳איז דאָ א יומם, וואו איז מיינער".

ער האָט פאַר זיך געזען פאַרנאַכטן, ווען ער, א יונגער גע-

זונטער בחור, פלעגט זיך פאַרקליבן מיט אַ יונגן געזונטן מיידל ערגעץ-װאו אין אַ פאַרװאָרפן װינקל פון פאַרק...

נישטאָ די טעג.

פריילעך, זאָרגלאָז, מיליטער, טראַנשעען, און איצט אַ בעט, דאָס בעט.

איז ער װירקלעך קראַנק, איז עס װירקלעך אין אים אינעװייניק?

אָבער צװייפלען לאַנג האָט ער נישט געקענט, און זיך פאַרטראַכטן טיף נישט געװאָלט. צו װאָס? געזונטער װערט מען נישט דערפון, פאַרקערט, דאָס שטערט צום געזונט װערן, און ער װיל דאָך אַזוי געזונט װערן, זיין צוריק אַ מענטש, לעבעדיק, פריילעך.

ער מוז זיין פריילעך.

פאַרװאָס זענען זיינע מיטקראַנקע אַזוי טרויעריק, אַזוי אומעטיק, פאַרװאָס אַמוזירן זיי זיך מיט הנרן כל נדרי, „אלי, אלי,“ אָדער אַנדערע „קלאַסישע“, האַרצברעכנדע, עצמות ציענדע ניגונים? גוט, ער האָט אויך ליב קלאַסישע מוזיק, אָבער קלאַסישע מיינט דאָך נישט לאַנגע אומעטיקע, לאַנגװייליקע טענער, עפּעס שנעלס, פריילעכס, עס זאָל הייבן די פיס צום טאַנצן, די פינגער צום קנאַקן, עס זאָל אַרױסרופן אַ שמייכל אויפן פנים, זאָל עס זיין אַ קאָזאַקל, אַ װאַלעכל, אַ חסידל, אַ נעגערישער דזשאַז, אַבי פריילעך, װייל ס'איז דאָך אַזוי פאַרדאַמט אומעטיק.

אַך, די אומעטיקע קראַנקע, אפשר גאָר אַװעקגיין פון די קראַנקע, זיך באַזעצן מיט געזונטע. װער, װער װעט עס אויף אים זאָגן, אַז ער איז קראַנק.

ער באַטראַכט זיך און האָט הנאה פון זיין אויסזען.

מכּות װעלן זיי װיסן, אַז ער איז קראַנק. זיי װעלן נישט װיסן, אָבער װי, אַז זיי געפינען אויס, װי, אַז זיינע איבערלעבנ

שונאים וועלן אים פאַראַטן, דאַן מוז ער אַנטלויפן, ווייל זיי, די געזונטע, האָבן אים פיינט, ווייכן פון אים, האָבן מורא פאַר אים, פאַר זייער פעל.

די געזונטע...

מענלעך ווען ער וואָלט נישט געווען קראַנק, וואָלט ער זיך אויך געהאַלטן פון ווייטן פון קראַנקע, ער געדענקט: ער פלעגט נישט קענען זען אַ קאַליקע, גרשט איצט, זייענדיק קראַנק, זעענדיק, ווי די געזונטע פאַראַכטן אים, האָט ער זיי פיינט בתכלית השנאה. ער קאָן זיי נישט אָנקוקן און וויל זיי נישט אָנקוקן, אָבער זיי ווילן דורכאויס אים זען, זיי ווילן אים באַטראַכטן, זיי ווילן אים באַדויערן.

אָט קומען זיי טאָג איין, טאָג אויס. ייִדן, ייִדענעס מיט קליי- נע קינדער, בחורים, מיידלעך, און אַלע ווילן זיי זען די קראַנקע, די א מ ת ק ר אַ נ ק ע, און אָנגעמענדיק אים פאַר אַ געזונטן, בעטן זיי אים ער זאָל זיי ציינן די קראַנקע, די אמת קראַנקע. און ווען ער פרעגט זיי, וואָס ווילן זיי אַזוי זען די קראַנקע, וואָס דענקען זיי צו דערזען, ענטפערט דער ייִד, און די ייִדינע, און דער בחור, און דאָס מיידל, דעם זעלבן ענטפער:

— גלאָט אַזוי, מיר ווילן זיי זען.

און ווי צושויער אין אַ זאָאַלאָגישן גאָרטן גייען זיי ארום, שטעלן זיך אַוועק און באַטראַכטן די מענטשן, מענטשן מיט אַלע חושים, געזונטע מענטשן, מער נישט אינעווייניק ערגעץ אַ מום.

צווישן די באַזוכער געפינען זיך פיל, אָבער גאָר פיל, וועלכע וואָלטן גיכער באַדאַרפט פאַרנעמען די פלעצער פון די ליגנדע, און דאָך האָבן זיי רחמנות אויף די קראַ.קע, פרעגן זיך נאָך ביי ווילד פרעמדע מענטשן:

— וואָס מאַכט איר? שוין לאַנג, אַז איר ליגט דאָ?

און נאָך איידער זיי פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווערן זיי שוין אָנגעשטעקט מיט...... פּטיזאָפּאָב־א.

ווי ער האַסט אָט דעם רחמנות־קוק. ער קאָן אים נישט פאַרטראָגן, און אַזוי שנעל, ווי ער זעט עמעצן קומען, איז ער שוין נישטאָ אין בעט. נישט ווען ער לעבט, וועט מען אויף אים רחמנות האָבן, נישט אויף אים, ער איז נאָך געזונט גענוג נישט אַרויסצורופן קיין רחמנות.

הירשפעלד האָט זיך אויסגעהיטן פון רחמנות־בליקן, אָבער קאָן מען זיך אויסהיטן פון אַ ווינטל, אַזוי קאָן מען זיך אויסהיטן פון מענטשלעכע נייגעריקייט און רחמנות.

אַ כמורנער טאָג איז עס געווען, און הירשפעלד, וועלכער פלעגט מיינסטנס זיין געשטימט אין איין־קלאַנג מיטן וועטער, האָט אויך געפילט כמורנע. אַן אומעטיקער איז ער געלעגן, און, פאַרוויגט פון אומעט און רחמנות צו זיך אַליין, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן, אַ לייכטער נאָכמיטאָגש־לאָף אַ דרעמל.

דרעמלענדיק, האָט ער געהערט ווי עמעצער איז אַרויפגעקומען.

— באַזוכער, — האָט ער אַ טראַכט געטון, אָבער תוך כדי מחשבה זיך געטרייסט;

— אין אַזאַ טאָג וועלן זיי נישט קומען.

דאָך ער הערט די טריט, נישט קיין „היימישע“, ער עפנט קוים אויף די אויגן, קוקט ווי דורך אַ שפּאַרונע און זעט, אַז ער האָט זיך געניאַרט, דאָס זענען טאַקע געווען באַזוכער. שעלט ער זיי שווייגנדיק, אין אַזאַ טאָג פוילן זיי זיך אויך נישט, און מאַכט צו די אויגן. זאָלן זיי כאָטש נישט זען, זיי וועלן זען ער שלאָפט, וועלן זיי פאַרבייגיין, אים נישט וועלן שטערן. אָבער גרויס איז

דער קוואַל פון רחמנות ביי אַ מענטשן, און צוקומענדיק צו זיין בעט, שטעלן זיי זיך אָפּ, ער הערט ווי עמעצער זיפצט:

— אַזאַ ונגער בוים!

עס האָט אים אַ הייב געטון פון בעט. ער האָט זיך אויפגע־זעצט, ווילדע ברייט פונאַנדערגעעפנטע אויגן, און אָפן מויל, ער זוכט אַ שטאַרק וואָרט, אַן עכט באַליידיקדיקנס, זיי אַ שמוץ טון עס אין פנים, אָנשפייען זיי גלייך אין די אויגן, אָבער די עלטע־רע פרוי, קענטיק די, וואָס האָט געזיפצט, קוקט אויף אים מיט אַזאַ רחמנות-פּנים, און אַ יונג מיידל קוקט אויף אים מיט אַ שמייכל.

אָ, דער שמייכל פון אַ געזונטן יונגן מיידל צו אַ שיינעם קראַנקן בחור!

ער איז געוואָרן שטום. זיינע ליפן האָבן עפּעס געקייט, אָבער די צונג, די ציין האָבן זיך נישט גערירט. קענטיק אָבער זיינע אויגן האָבן גערעדט. נישט רעדנדיק מער אַ וואָרט, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען פון זיין בעט, איבערלאָזנדיק אים אַליין.

דעם שטאָלצן קאָפּ אַרונטערגעלאָזט, איז ער געזעסן אַ חיפּ־שע ווײַלע, געקוקט אַרונטער, און אין זיין מוח האָט זיך געדרייט דער געדאַנק:

איז עס שוין געקומען דערצו. מ׳זאָל אויף אים רחמנות האָבן!

ער! ער קען דאָך נאָך איצט אָננעמען יעדן איינעם, וואָס קומט אַהער, באַדיענט אים, אים קען ער אָננעמען ביי די פיס און איינציקווייז זיי וואַרפן, אָט ווי מ׳וואַרפט אַ פילקע. זיי באַ־דויערן אים, ווילן אים זען, אָנקוקן. וואָלט דאָס מיידל אים באַ־געגנט ערגעץ אין דער געזונטער וועלט, וואָלט זי זיך געפילט גליקלעך, ווען ער טאַנצט מיט איר, דריקט זי צו זיין ברוסט, און

דאָ שענקט זי אים אַ רחמנות-שמייכל, מ׳באַדויערט אים, „אַזאַ יונ-גער בוים".

ניין, ער קען דאָס מער נישט פאַרטראָגן, ער איז נישט קראַנק, ער איז געזונט, פאַרדאַמט זאָל עס ווערן, ער איז גע-זונט.

און דער רויטער סימן?

ער הערט אים ווי דעם פאַראַיאָריקן ווייסן שניי. ער קען דרייסט אַרויסגיין אין דער געזונטער וועלט, אַרבעטן און לעבן, ווי די איבעריקע געזונטע מענטשן, און ווען ער פאַלן, וועט ער פאַלן מיטאַמאָל, פּייגלינגע שטאַרבן בלויז צענדליגער מאָל פאַר זייער טויט, דרייסטע מענטשן, בראַווע יונגע מענטשן דאַרפן שטאַרבן איין מאָל. ער וויל נישט זיין טויט לעבעדיקערהייט. „אַזאַ יונגער בוים!" !No more, no more, הירשפעלד!

ער איז אַרונטער פון בעט, אויסגעגלייכט זיך, צעפירט מיט די הענט, באַטראַכט זיך און מיט אַ פעסטן טריט גענומען שפּאַ-נען. איינפּאַקן די זאַכן, אַוועקפאָרן אין שטאָט, לעבן, פאַרדאַמט זאָל עס ווערן, לעבן! ער איז נאָך יונג, שטאַרק.

דער דאָקטאָר האָט זיך מיט אים געאַמפּערט, אים געפּרוּווט איינרעדן מיט גוטן, אויפווייזן אים, אַז ער טוט אַ נאַריש-קייט.

— שטאַרבן איז קיין ספּאָרט, ווערנד לעבן איז אַ גאַנץ ערנסטע זאַך, ס׳איז פיל שווערער צו לעבן ווי צו שטאַרבן, — האָט דער דאָקטאָר זיך אַוועקגעלאָזט פילאָזאָפירן מיט אָנגעצייגנ-טע פּראַזן, אָבער הירשפעלד האָט אויף אַלע פילאָזאָפישע אַרגו-מענטן געהאַט איין תירוץ:

ער איז יונג, שטאַרק, געזונט, וויל נאָך לעבן, נישט ליגן.

דער דאָקטאָר האָט געפּרוּווט מיט בייזן, אים דערקלערט אַז ער איז קראַנק, זייער קראַנק, אַז וואַקג־יענדיק אין דער געזונטער וועלט אַריין אַרבעטן און לעבן, דאַרט ריזיקירט ער מיטן לעבן, און —

— ריזיקירן מיינט נאָך נישט פאַרלירן, און פאַרלוירן איז פאַרפאַלן. ער קאָן נישט, ער קאָן נישט, מיט זיין קראַפט, זיין ענערגיע זיך אויסקלייבן באַצייטנס, ער מוז די ענערגיע אויס־ברענגען, ער מוז עפּעס טון. ווען עס וועט אים אַנידערלייגן, ווען ער וועט נישט קאָנען רירן מיט אַ פינגער, ווען ער וועט זיין אַזוי הילפלאָז, אַז ער וועט זיך שוין ווירקלעך נייטיקן אין רחמנות, דאַ וועט ער זיך אויסקלייבן, דאַן וועט אים שוין גאָרנישט אַרן, אַבער איצט, איז — זייט געזונט, דאָקטאָר! —

אַ פאַרביסענער שונא פון טויט און קראַנקהייט, האָט זיך הירשפעלד אַרויסגעלאָזט אין דער געזונטער וועלט, גרייט צו שטאַרבן, אָבער אַ פלוצלעכן, שנעלן טויט. אַ געווינטער מיטגליד איז ער געוואָרן אין דער געזעלשאַפט, מיידלעך האָבן אַרונטער־געלאָזט זייערע אויגן פאַר זיין קוק, נאָכגעפאָלגט זיין גאַנג, ער האָט אָנגעקוואָלן פון זיין לעבעדיקן לעבן. די ערשטע צייט האָט ער געהאַט הנאה פון באַטראַכטן זיך אַליין!

ווי גוט איך לייג, ווי געשיקט איך נאַר אַ וועלט, אַפילו טאַטע מאַמע האָט ער גענאַרט, נישט אויסגעזאָגט זיי דעם אמת, שפּעטער־צו האָט ער אַליין פאַרגעסן, אויב ער נאַרט עמעצן. ער האָט פאַרגעסן אַפילו, אַז ער נאַרט זיך, געטראָגן אין דעם ווירבל־ווינט פון שטאָטישן לעבן, האָט ער פאַרגעסן, אַז ער איז קראַנק, ער איז געווען הירשפעלד דער געזונטער שיינער בחור, וועלכער האָט שוין געטראַכט וועגן חתונה האָבן מיט דער שוואַרצאויגיקער סטעלאַ, צ ברען אַ מיידל, נישט איין נאַכט רו

האָט זי שוין בײַ אים געדויבט, ער מוז מיט איר חתונה האָבן.

קענטיק אָבער, דער שוואַרצאויגיקער סטעלאַן איז נישט באַשערט געווען צו בלײַבן אַ יונגע אַלמנה. פּלוצלינג, אומגעריכט פֿאַר הערשפּעלדן גופֿא, איז געקומען נאָך אים דער שליח, אַזוי אומגעריכט, דאָס ער האָט זיך אַליין געוואונדערט. געוויס, ער איז געווען גרייט מ׳זאָל אים דערמאָנען ווער ער איז, אָבער נישט אויף אַזאַ אומגעריכטן אופֿן, נישט אין אַזאַ שטאַרקער מאָנענדער פֿאָרם. עס האָט אים אַנידערגעלייגט. ווי אַ געזונטן שטאַרקן בוים ווען מ׳האַקט אונטער, אַזוי איז הירשפּעלד אַנידערגעפֿאַלן, און איבעראַשט פֿון דעם פּלוצלעכן פֿאַל, איז ער אַפּאַטיש געוואָרן. ער האָט שוין מער נישט פֿאַרפֿרעסן די הענט אין קולאַקעס, האָט שוין נישט געטראַכט וועגן קאַמף, אַפֿענעם אָדער פֿאַרמאַכטן, ער האָט שוין אפֿילו נישט געטראַכט וועגן פֿאַרשנעלערן דעם פּראָצעס צו רויט אָדער טויט.

ער האָט רעזיגנירט.

הילפֿלאָז ווי אַ קינד איז ער געלעגן און אומבאַוואוסט פֿאַר זיך אַליין געוואַרט אויף דער האַנט, וועלכע וואָלט קומען אים פֿאַרמאַכן די אויגן אויף אייביק.

און ווען די האַנט האָט אים דערגרייכט און אים גענומען צומאַכן די אויגן, האָט ער שוין אפֿילו נישט געפֿילט די גוטסקייט פֿון איר שנעלן קומען, ער האָט נישט געפֿילט קיין ווייטיק, קיין פֿאַרדרוס, קיין רחמנות צו זיך, און דעם רחמנות פֿון אַנדערע האָט ער שוין נישט פֿאַרשטאַנען. דאָס לעצטע מאָל פֿאַר זײַן איבערגעבן זיך אין רשות פֿון יענער האַנט האָט מען נאָך בײַ זײַן צוקאָפּנס געוויינט און געקלאָגט, און גערופֿן:

— אַזאַ יונגער בוים!

דאָס האָט געחיינט די מאַמע, באַקלאָגנדיק איר זון.

אָבער דאָס מאָל איז שוין הירשפעלד נישט אויפגעשפרונגע פון פאַרדראָס. זיין יונגער גוף איז געלעגן אן אונטערגעהאַק טער פון דער בייזער, גרויזאַמער האַנט.

נקמה

נקמה

שווער, זייער שווצר האָט משה. — מאָשקע — מאָריס גרינ־בלאַט געהאָרעוועט ביז ער איז פטור געוואָרן פון זיין דרייפאַ־כיקן ערשטן נאָמען, און אָנשטאָט משה — מאָשקע — מאָריס גרינבלאַט געקענט גערופן ווערן דאָקטאָר גרינבלאַט. —

דר. גרינבלאַט. נישט איינמאָל האָט ער, זיצנדיק אַליין, נאָר וואָס נאָך די עקזאַמענעס, געדראַקעט אויף פּאַפּיר דר. גרינ־בלאַט, דר. מ. גרינבלאַט, אומצייליקע מאָל, אויסאַרבעטנדיק פאַר זיך אַ שיינע געצווקטע אונטערשריפט.

אמת, מער ווי די אונטערשריפט האָט ער דערווייל נישט געהאַט. געלט צו עפענען אַ קאַבינעט האָט ער נישט פאַרמאָגט, און קיין רייכע מומע האָט אים קיין ירושה נישט געלאָזט. די קרובים זיינע, וועלכע האָבן אים פון צייט־צו־צייט געגעבן אַ פּאָר דאָלאַר, ווען ער האָט שטודירט, האָבן זיך אַפילו שטאַרק געפרייט מיטן דאָקטאָר אין דער משפחה, צו אַ חתונה, אַ ברית האָט מע

אים קיינמאָל פאַרגעסן איינלאַדן און ביי זיין אַריינקומען אים געגעבן אַ שיינע אויפנאַמע. ווי עס פּאַסט פאַר אַ דאָקטאָר, אָבער געלט צו עפּעס האָבן זיי נישט געגעבן, און דאָס ביסל כבוד, וואָס זיי האָבן אים צוגעטיילט, איז אים נישט איינמאָל אויסגעפאַלן באַקעם.

אָט דוכט זיך, רופט מען אים דאָקטאָר און דאָקטאָר, באַלד אָבער פאַרגעסט זיך איינער אַ קרוב, אָדער וויל זיך אויספּייען, אַז ער איז דעם דאָקטאָרס טאַקע אַ גאַר נאָענטער קרוב, און שרייט אויס: מאַשקע!

ער שעמט זיך נישט מיט זיין נאָמען, אָבער ער האָט, דוכט זיך, גענוג געהאָרעוועט מ'זאָל אים רופן מיטן טיטול, און זיי — מאַשקע.

אויב דר. גרינבלאַט האָט זיך אַלס סטודענט געהאַלטן ווייטלעך פון זיינע קרובים און צוגענומען ביי זיי די פּאָר דאָלאַר מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיי אַ טובה געטון, האָט ער, נאָכדעם ווי ער האָט געקריגן די דיפּלאָמע און איינגעזען, אַז זיי עפענען פאַר אים נישט קיין קאַבינעט, שאַפן נישט קיין פּראַקטיק פאַר אים, זיך נאָך מער דערווייטערט פון זיי. זיין קרוב, וועלכער וועט אים שטעלן אויף די פיס, עפענען אַ קאַבינעט, שאַפן אַ גרויסע פּראַקטיק און אַלץ, וואָס אַ גרויסע פּראַקטיק ברענגט, איז געוואָרן דאָס שפּיטאָל, וואו דר. גרינבלאַט האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אַלס אינטערנער.

צופיל פאַרגעניגן האָט אים דער נייער קרוב נישט פאַרשאַפט. דוכט זיך שוין אַראָפּ פון דער שילער-באַנק, און דאָ ווידער אַ תלמיד, אַ שיק-יונגל ביים עלטערן דאָקטאָר.

— דר. גרינבלאַט, איר וועט טון דאָס, דר. גרינבלאַט, איר וועט מיר העלפן, דאָקטאָר גרינבלאַט, איר וועט אָנגעבן —

— איר ווערט.

קיינמאָל נישט פרעגן צי ווערט ער, נאָר, איר ווערט. היינט די אַרבעט גופא! ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל וואַסערמאַן־פּראָבע, פיר פּליוס, מערקורי, סאַלוואַרסאַן. סאַראַ שמוץ! היינט די מענטשן.

אָבער זאָל ער נאָר פּטור ווערן פונם שפּיטאָל, און ער׳ט שוין וויסן, וואָס ער האָט צו טון. און די מענטשן! נעגער, איטאַליענער, פּאָליאַקן, סלאָוואַקן, און אַפילו ייִדן, דוכט זיך, קלוג־קלוג, ווען עס קומט אָבער צו די זאַכן, קאָן מען ביי זיי צאַפּן געלט ווי וואַסער, און ער וועט צאַפּן. אוי, וועט ער צאַפּן, זיי וועלן שוין באַצאָלן פאַר נעכט נישט דערשלאָפן, פאַר טעג נישט דערעסן, ער וועט האָבן געלט, אַ סך געלט, און —

ער באַטראַכט זיך אין שפּיגל, געפינט אויס, אַז די ווייסע הויזן און דאָס ווייסע רעקל פּאַסן אים זייער גוט, ער זעט טאַקע אויס ווי אַ דאָקטאָר, ער איז צופרידן מיט זיין הייך און די סו־טעלעוואַטע פּלייצע? זי פּאַסט זיך אויך גוט אַריין אין דעם ווייסן רעקל. אַן אומגליק איז מיטן פּליך און מיט די גרויע האָר. מילא דער פּליך, נו, ווער האָט עס דאָ נישט קיין פּליך, אָבער די גרויע האָר. אַזוי פּ״י ווערן גרוי. גרויע האָר איז אַפילו שיין, די פּאַציענטן וועלן האָבן מער דרך ארץ פאַר אים, מער צוטרוי, אָבער אַ פרוי... אַן אַלטער בחור.

לאַנג שטודירט ער זיין פּנים, צופיל קנייטשן נישטאָ, דער שטערן איז נאָך צימלעך גלאַט, ביי די אויגן זענען שוין אַפילו דאָ קנייטשעלעך, פון דער נאָז לאָזן זיך אַרונטער צוויי שאַרפע קאַרבן צו דער אונטערשטער ליפּ, אָבער דאָס איז גאָרנישט. וואָס אים אַרט, איז די גרויע האָר, און נישט אַזוי פון קאָפּ, ווי פון די וואָנסעס. שיינע וואָנסעס, געדיכטע, לאַנגע, אָט ווי עס פּאַסט פאַר

א גרויסן דאָקטאָר, א פּראָפעסאָר, װאָס האָט שטודירט אין דײַטש־לאַנד.

װיפֿיל האָפֿנונגען ער האָט געלייגט אויף די װאָנצעס, זיי האָבן עס ליב, די מיידלעך, איז גיי מאַך — גרוי.

די װאָנצעס מוזן זיין שװאַרץ.

ער קען זיי אָפּפאַרבן.

ער מוז דאָך נישט אויסזען עלטער, װי ער איז, און ער איז דאָך נאָך נישט אַזוי אַלט, עלטערע פֿון אים האָבן חתונה מיט יונגע מיידלעך, און נישט קיין אָרימער דערצו, און ער איז דאָך עפּעס א דאָקטאָר.

דר. גרינבלאַט האָט פֿאַר זיך געזען א גלענצנדע צוקונפֿט. א גרויסע פּראַקטיק, א רייכער קאַבינעט, א פֿרוי, פֿרויען... אָ, ער װעט נאָך אָפּנעמען זיינס פֿאַר אַלע יאָרן. אָבער דערװייל מוז ער זיך פּאַטשקען מיט די אַלע ברואים.

פֿוי, אים האָט געעקלט פֿון די קראַנקע.

און װאָס נאָך ערגער:

ער האָט מורא געהאַט!

און װי, אַז ער שטעקט זיך אָן מיט דער קראַנקהייט? מער װאָלט אים נישט געפֿעלט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן שװער און ביטער האָרעװען — מיטאַמאָל װערן קראַנק. האָט ער דען נישט געלייענט פֿיל מאָל, װי א דאָקטאָר באַקומט בלוט־פֿאַרגיפֿטונג פֿון א שטאָך, א שניט ביים מאַכן אַן אָפּעראַציע אָדער אַזוי אומגערן, און די קראַנקהייטן זענען דאָך, צו אַלדע שװאַרצע יאָר, אַזוי קלעביק. פֿוי... ברר... װי זיי קריכן דאָס אין אַלער־ליי שמוץ.

ביים לעצטן געדאַנק דערזעט פֿאַר זיך גרינבלאַט אייניקע פֿרויען װייט קיין זויבערע, װעלכע ער האָט אין פֿאַרלויף פֿון אייניקע יאָרן, זייענדיק א סטודענט, „איבערגעזען", און ער קאָן

מער נישט איינזיצן, ער הייבט זיך אויף, מאַכט אַ פּאָר טריט אי-בער דער לאַבאָראַטאָריע, וואו ער אַרבעט, וועלנדיק פאַרטרייבן די פרויען און דאָס געפיל, וואָס דער אָנזיכט פון יענע פרויען האָט אים געבראַכט.

אָט, דוכט זיך, איז ער שוין פּטור דערפון און זיצט שוין ביי דער אַרבעט, אָבער עס אַרבעט זיך נישט.

ער דערהערט שנעלע, קליינע, ווייכע טריט אין שפּיטאָל-קאָרידאָר און ווייסט שוין, אַז דאָס איז די וואַרטערין מעי.

ער הייבט זיך אויף, שטעלט זיך אַוועק אין דער אָפענער טיר, קוקט איר נאָך. באַטראַכט איר פּלייצע, אירע היפטן, און זיינע קליינע ביר-קאָליר-אייגעלעך צינדען זיך אָן.

ווידער גייט ער צו צום טיש, שאַרט דאָרט עפּעס, ווי וועל ברענגען אין אָרדנונג די פאַרשידענע זאַכן, וואָס געפינען זיך דאָרט אָבער איבערגעשטעלט איין זאַך אויף אַ צווייטן פּלאַץ, גייט ער אַוועק פון דאָרט און אַליין נישט ווייסנדיק נאָך וואָס, שטעלט ער זיך אַוועק אין שפּיטאָל-קאָרידאָר, ציט די גומענע הענטשקעס יעדן פינגער באַזונדער מיט אַ מאָדנער ערנסטקייט, אָט ווי אַ קינד, ווען עס איז פאַרנומען מיט מאַכן אַ פייפעלע.

— דר. גרינבלאַט, איר וועט געבן סאַלוואַטאָרין אַן איינ-שפּריצונג, איך דאַרף אַוועקגיין, איר וועט אַזוי גוט זיין און עס אים געבן גלייך. —

דער באַפעל פון דעם הויפּט-דאָקטאָר רופט אַרויס דר. גרינ-בלאַט פון זיינע טיפע רעיונות, פון זיין „מעלקן די פינ-גער".

— איך וועל עס גלייך טון, — ענטפערט ער מיט אַ אונ-טערטעניקן טאָן, און צופרידן, ווי ער איז צו באַשעפטיקן זיך איצט מיט וועלכער ס'איז אַרבעט, וואָס זאָל אים אַביסל צעשטרייען, איז ער אָבער ווייט נישט צופרידן פון דער אַרבעט, וואָס ער

דאַרף באַלד טון, ספּעציעל, ווען דער פּאַציענט איז סאַלוואַ-
טאָרי

נאָך דר. גרינבלאַטס מיינונג, דאָס הייסט, לויט זיינע טעאָ-רעטישע ידיעות, וואָלט שוין סאַלוואַטאָרי לאַנג באַדאַרפט זיין אויפן עולם האמת, אָבער ער, סאַלוואַטאָרי, הייבט גאָרנישט אָן צו וויסן פון די טעאָריעס און לעבט נאָך, און יעדעס מאָל, וואָס דער דאָקטאָר דערנענטערט זיך צו אים, זעט עס נאָך אויס, אַז אָט באַלד, און ער וועט אַרויסשלעפּן פון אונטערן קישן אַ שטילעט און אַריינשטעכן דעם דאָקטאָר אין רוקן.

— ווידער אַמאָל, — האָט סאַלוואַטאָרי אויסגערופן, ווען דר. גרינבלאַט איז צו אים צוגעקומען, — איך וועל דאָך סיי ווי שטאַרבן, צו וואָס נאָך די איינשפּריצונגען. די שטעכע-נישן. —

— וועסט נישט שטאַרבן, וועסט נישט שטאַרבן, — האָט דר. גרינבלאַט ברוגז געענטפערט, — אַזעלכע, ווי איר, שטאַרבן נישט אַזוי גיך, רוט זיך ארויף אַ ביסל. —

סאַלוואַטאָרי, וועלכער איז גראָדע געווען אין אַ ווייכער גע-דריקטער שטימונג, האָט געפאָלגט דעם דאָקטאָרס באַפעל, און צו-קוקנדיק, זיך ווי יענער גרייט זיך צו צו דער אַרבעט, האָט ער ו דער אָנגעהויבן רעדן:

— דענקט ווירקלעך דער דאָקטאָר, אַז ער וועט נאָך אַזוי גיך נישט שטאַרבן? —

— וואָס איז דיר פּלוצלינג איינגעפאַלן צו רעדן פון שטאַרבן? — האָט דר. גרינבלאַט, איבעררייסנדיק זיין אַרבעט, געפרעגט און גע-נומען קוקן אויף סאַלוואַטאָרין. עס האָט אים ווירקלעך געוואו-נדערט צו הערן אַזעלכע רייד פון אָט דעם יונג, וועלכער, ליגנדיק שוין אַ צייט אויפן טויטן בעט, האָט דאָך נישט פאַרלוירן די שיינ-קייט פון געזיכט, אַ פּראָפּאָרציע אין געזיכטסציגע איז ווייט צו

געפינען, און וועלכער איז, דוכט זיך, אלע מאל גרייט ארונטערצושפרינגען פון בעט און דערשטעכן דעמיעניקן, וואס וועט אים זאגן א קרום ווארט.

— דאקטאר, — ענטפערט סאלוואטארי מיט א שטילן טאן, גירגישט ווי געוויינטלעך, — איך ווייס, אז איך וועל שטארבן אינגיכן, און מיך ארט עס נישט, דאס איז קיין לעבן נישט, אבער, ביי גאט, ווען איך וואלט איצט געקענט געזונט ווערן, שווער איך, איך וואלט געפירט א ריין לעבן, אויף מיין ערן ווארט, איך וואלט. —

— פארשטייט זיך, איצט זאגסטו עס, אבער צו וואלסטו עס געטון איז נאך א פראגע, איך קען אייך שוין. ליגט בעסער רויק. —

— איר גלייבט מיר נישט, דאקטאר, — האט סאלוואטארי, אנשטאט ליגן רויק, זיך גענומען היצן, — אבער אויף מיין ערן ווארט, איך וואלט, איך זאג אייך, דאקטאר —

אין זיין צעהיצטקייט און אויפריכטיקייט האט סאלוואטארי, אומבאמערקט פאר זיך אליין, אנגעכאפט דעם דאקטארס האנט, ערשט, ווען דער דאקטאר האט זי האסטיק ארויסגעריסן פון זיינער, האט סאלוואטארי דערפילט, אז פון זיין האנט האט מען שטואס ארויסגעריסן.

— וואס איז, דאקטאר, וואס איז געשען? — האט ער פארוואונדערט אויסגערופן.

— קיין זאך איז געשען, איך וויל נישט דו זאלסט מיך בארירן מיט דיינע הענט.

— וואס איז, איר האט מורא? — האט שוין סאלוואטארי געפרעגט מיט אן אומהיימלעך פייערל אין די אויגן.

— איך האב קיין מורא, אבער איך האב פיינט, אז מ׳רירט

מיך אָן, ליג רויק. —

סאַלוואַטאָרי האָט שוין מער נישט גערעדט, ער האָט בלויז שאַרף אַ קוק געטון אויפן דאָקטאָר, און ווען יענער איז אַרויס־געגאַנגען פון דער פּאַלאַטע, האָט ער אים נאָכגעקוקט מיט אַ בייזן קוק.

צייט יענעם טאָג האָט זיך סאַלוואַטאָרי שוין מער נישט אַריינגעלאָזט אין קיין געשפּרעכן מיט דר. גרינבלאַט, ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, ווען יענער איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט, אויב ער האָט נאָך געקוקט אויפן דאָקטאָר — און געקוקט אויף אים האָט ער יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך באַוויזן, — איז עס בלויז געווען מיט דעם קוק פון האַס: וואַרט, איך וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען.

— זעסטו, סילוויאַ, — האָט סאַלוואַטאָרי דעם צווייטן טאָג געטענהט צו דעם מיידל, וועלכע איז געקומען געוואויר ווערן, וואָס איר „יונג" מאַכט, — דאָס איז אונזער סוף, מיינער, דיינער, און טויזנטער אַנדערע. איך שטאַרב. איך ווייס, וואָס איך רעד, איך וועל שוין לאַנג נישט לעבן. אָבער מיך אַרט עס נישט, הלוואי וואָלט איך געשטאָרבן פריִער. פאַרשפּאָרט זיך מאַטערן, וואָס מיך אַרט איצט, איז דער אַלטער בחור, דער דאָקטאָר, יאָ, ער. האָסט אים געזען. אָט ער, וועלכער וועט נאָכגיין, ווי אַ קאַלב דער קו יעדער מיידל פון גאַס, וועלכע וועט אים רופן, ער האָט מורא טאָמער ריר איך זיך צו צו אים, און ריר איך זיך צו, רייסט ער אַרויס די האַנט, דער —

— האָט ער עס ווירקלעך געטון? —

— יאָ, ער האָט עס געטון. און זאָל די ערד אַרויסוואַרפן מיינע ביינער, אויב איך וועל אים נישט באַצאָלן דערפאַר נאָך איידער איך שטאַרב. — סאַלוואַטאָרי איז אַנטשוויגן געוואָרן, ער

האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף סילוויאַן מיט אַ לאַנגן דורכדרינגענדן קוק.

זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— סילוויאַ, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — איך האָב דיך אַלע מאָל גוט באַהאַנדלט, קיינמאָל דיך געשלאָגן, און דו האָסט צו מיר קיינע טענות. דו ווייסט דאָך, איך האָב עס דיר נישט געגעבן. פאַרשטיי, איצט קען מען עס אויף דיר נישט דערקענען, אָט דער זעלבער אַלטער בחור וועט נאָך דיר איצט נאָכלויפן, אָבער, ווען דו וועסט קומען אהער זיך אַנידערלייגן אין בעט, וועט ער מורא האָבן זיך צורירן צו דיר. ער וועט אויף דיר נישט רחמנות האָבן, ווייל דו ביסט קראַנק, ער וועט נישט איבערעכענען, אַז דו האָסט עס געקריגן פון עמעצן, ער וועט נישט אַ טראַכט טון, אַז ער האָט עס געקענט קריגן שוין לאַנג, ער וועט דיך אויסווייכן, ווי אַ וואָרעם, ווי אַ פעסט, ער וועט... סילוויאַ! איך בין צו פאַרדאַמט שוואַך אים אַרייַנצושטעכן אַ מעסער אין זייט, זיי דו דיך נוקם פאַר מיר, פאַר דיר, לאָז מיך שטאַרבן רויק. וועסטו עס טון? —

— יאָ, — האָט סילוויאַ געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויפגעהויבן די אויגן, און דערזעענדיק, ווי איר סאַלוואַטאָרי קוקט אויף איר מיט געבעט און דאַנקבאַרקייט, האָט זי זיך אומגעקוקט אויב קיינער זעט נישט, צוגעפאַלן צו זיין געזיכט און אים הייס געקושט.

— וואָס מאַכט מיין ברודער? — האָט סילוויאַ אַ פרעג געטאָן ביי דר. גרינבלאַט, אַרויסגייענדיק פון צימער, וואו סאַלוואַטאָרי איז געלעגן. —

— וועמען מיינט זי? —

— סאַלוואַטאָרי. —

— סאַלוואַטאָרי, אירער אַ ברודער?

— יאָ, וואָס מאַכט ער עפּעס, איר אָרימער ברודער? ווי האַלט עס מיט אים? —

— נו, נישט זייער גוט, — האָט דר. גרינבלאַט גענומען רעדן מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ דאָקטאָר, באַגעגענענדיק זיך אָבער מיט סילוויאַס שיינע, שוואַרצע אויגן, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ נידעריקערן, אינטימערען טאָן.

— יאָ, נישט זייער גוט, אָבער מיר טון אַלץ, וואָס מיר קאָנען צו פאַרלייכטערן זיינע טעג דאָ. —

— זי איז אַ ם אַזוי דאַנקבאַר דערפאַר. — זי שטרעקט אויס איר האַנט צו אים. אַזאַ שיינע האַנט, אַזעלכע דינע לאַנגע פינגער.

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר געזיכט.

אויפן לייב מוז זי זיין ווייס.

דר. גרינבלאַט האָט זי אויסגעמטון נאַקעט.

— איך בין צופרידן צו טון אַלץ פאַר אייער ברודער, בלויז צו הערן פון אייך אַ דאַנק.

זי האָט אים אָפּגעבריטט מיט אַ קוק.

— איך דאַנק אייך, דאָקטאָר, פאַר דער גוטער באַהאַנדלונג וואָס איר גיט מיין ברודער, אגב, גיט דער דאָקטאָר זיך בלויז פּ מיט.. די קראַנקהייטן, אָדער ער נעמט אויף אַנ ערג אויך? —

— געוויס הייבט ער אַנדערע אויך, מער נישט ער ספּע־ציאַליזירט זיך אין דעם פאַך, וואָרום פרעגט זי עס? —

— אָ, זי אַליין פילט זיך עפּעס נישט גוט די לעצטע צייט, שלאָפט נישט גוט, דאָס האַרץ קלאַפּט נישט רעגלמעסיק, וואָלט זי געוואָלט אַ גוטער דאָקטאָר זאָל זי אונטערזוכן, זאָגן איר, וואָס איז איר, קאָן ער דאָס טון? —

— געוויס, געוויס. —

— ווען, דענקט ער, קען ער זי אויפנעמען? —

— ווען? ווען?

דאָקטאָר גרינבלאַט האָט זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, איר חיים לייב האָט שימערירט פאַר זיינע אויגן, ווי לאָזט מען זי איצט אַוועקגיין, אָבער וואו קען ער זי עקזאַמינירן איצט, דאָ אוממעגלעך, סיידן ביי זיך אין צימער.

— איז דער עלטערער דאָקטאָר דאָ? — איין מינוט, זי וועט אים אַנטשולדיקן, ער קומט באַלד צוריק.

דער וועג איז פריי, דער עלטערער דאָקטאָר איז נישטאָ. אומבאמערקט פון די וועכטערינס וועט ער זי אַריינגעמען צו זיך אין צימער, אויסהערן איר האַרץ...

באַוואָפנט מיטן סטעטאָסקאָפּ אין קעשענע, האָט ער זי אַריינגעפירט צו זיך אין צימער.

— מוז זי זיך אויסטון? דעם ליף אויך? —

— געוויס, געוויס, אַנדערש קען ער נישט הערן.

„שעמעוודיק" נעמט זי אַראָפּ אירע קליידער, און ווען דר. גרינבלאַט נעמט קלאַפּן מיט די פינגער, ציטערט זי אויף...

ער באַרויִקט זי, אָבער זיינע פינגער ציטערן, און אָנגע-מענדיק איר לינקע ברוסט אום אויסצוהערן ר כטיק דאָס האַרץ, פאַלט ביי אים דער סטעטאָסקאָפּ אַרויס.

סילוויאַ גיט זיך אַ צאַפּל, גיט אַ קוק אַרונטער, טרעפט זיך מיטן דאָקטאָרס קוק. אַנשטאָט אויפצוהייבן דעם סטע-טאָסקאָפּ, פאַלט ער צו צו איר ברוסט און בייסט זיך איין מיט די ציין...

אַ הילכיקער פּאַטש, און שיִער נישט נאָך איינער אין דער צווייטער באַק האָט אים געצווּאונגען אָפּצולאָזן די ברוסט.

— אַזאַ דאָקטאָר זייט איר, — איז זי געשטאַנען שוין און געשריגן, — וואָס דענקט ער איז עס? און אַז סאַלוואַטאָרי איז איר ברודער און איז קראַנק, איז דעריבער —

— ששש, — האָט זיך דר. גרינבלאַט געבעטן, צוגעלאָפן צו דער טיר, א פרווו געטון, צי זי איז גוט פארמאַכט, געלאָפן צוריק צו סילוויאַן, איר פארשטעלט ס'מויל.

— ששש. —

— וואָס מיינט ער, ששש! — האָט סילוויאַ פראָטעסטירט, — נישט שרייען, ווען עס טוט וויי. נאַ דיר גאָר בייסן!

זי האָט מיט דער האַנט געגלעט איר ברוסט. דר. גרינבלאַט איז צוגעגאַנגען און אַ קיש געטון אויף דעם פלאַץ, וואו ער האָט געביסן.

— נו, שאַ, שאַ, שאַ. געהעכט, מאַקע גערעכט, וואָס איז דאָס פאר אַ בייסן, ס'טוט דאָך וויי, אָבער קושן מעג מען דאָך, נישט אַזוי, סילוויאַ? און נאָך איידער סילוויאַ זאָגט, צי ס'איז אַזוי אָדער נישט, האַלט ער זי שוין איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און קושט זי.

סילוויאַ האָט אים אָפגעשטויסן.

— נו, אַ דאָקטאָר! איר זאָגט מיר בעסער, וואָס איז מיט מיר, זאָל ער פארשרייבן אָדער געבן אַ מעדיצין, נישט —

— געווים, געווים, ער וועט איר געבן אַ מעדיצין, נישט איצט, איצט האָט ער קיין צייט צו מאַכן עס, זאָל זי אים געבן איר אַדרעס, ער וועט איר שוין אַליין ברענגען די מעדיצין, נאָך היינט וועט ער עס ברענגען.

— האָסט אַ פיינע שוועסטער, — האָט דר. גרינבלאַט געזאָגט צו סאַלוואַטאָרין, צוקומענדיק צו אים נאָכדעם, ווי סילוויאַ איז שוין געווען אוועקגעגאַנגען.

— האָט ער זי געזען? —

— געווים, זי האָט גערעדט מיט אים, געפרעגט, וואָס דער ברודער מאַכט.

— זאָל דער דאָקטאָר איר נאָר נישט זאָגן דעם אמת, ז

ווײַט זיך אויסווייזן: ירע שיינע אויגן. זי איז שוין אַזוי, אויך נידערגעשלאָגן פון זיין קרענק. זי איז אַזאַ גוטע —

דר. גרינבלאַט איז געפעלן געוואָרן דער ליבלעכער טאָן, מיט וועלכן סאַלוואַטאָרי האָט גערעדט וועגן זיין שוועסטער, און זיך געטראַכט:

דאַכט זיך אַזאַ... און דאָך, אַ שוועסטער, מ׳דאַרף אים צוזען, דעם סאַלוואַטאָרין. ער וועט שוין לאַנג סײַ ווי נישט ...ען.

ווען דר. גרינבלאַט איז אויף מאָרגן צוגעקומען צו סאַלוואַטאָריס בעט און אים אָנגעהויבן פּרייַנטלעך איבערפרעגן, וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט, האָט סאַלוואַטאָרי געענטפערט נישט ווייניקער פריינטלעך און געקוקט די גאַנצע צייט דעם דאָקטאָר אין די אויגן, ווי וועלנדיק דאָרט עפּעס איבערלייענען, אין קענטיק, ווען ער האָט שוין געהאַט געזען, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער אַ פרעג געטון:

— נו, ווי געפעלט אייך עפּעס, סילוויאַ?

— וועמען מיינט ער? —

— סילוויאַ, מיין געליבטע, די וואָס איז נעכטן געווען!

— דיין געליבטע! דו האָסט דאָך געזאָגט אַ שוועסטער!

— געוויס אַ שוועסטער, — האָט סאַלוואַטאָרי ניפּטיק געשמייכלט, — די לעצטע שוועסטער.

— דו מיינסט מיר צו זאָגן, זי איז געווען דיין געליבטע, דיין ווייב? —

— פאַרוואָס נישט?

דר. גרינבלאַט האָט געקוקט אויף סאַלוואַטאָרין, ווי ער ליגט און שמייכלט, שמייכלט מיט אַזאַ בייזן פאַרגעניגן, אים האָט זיך געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף דעם קראַנקן, אים דערשטיקן, דערשטיקן מיט די אייגענע, ווילע פינגער, אָבער אַנשטאָט דער-

שטיקן דעם קראַנקן, האָט ער דערפילט, ווי אים ווערגט עפּעס אין האַלז, אַזוי טרוקן, ער קאָן קוים רעדן. קוים, קוים האָט ער אַרויסגעכריפּעט הייזעריק:

— און זי איז אויך קראַנק? —

— ניין, דאָקטאָר, — האָט סאָלוואַטאָרי מיטן זעלבן שמייכל געענטפערט, — ס'וועט נישט געמען לאַנג, און איר וועט עס אַליין אויסגעפינען. איך בין קיין דאָקטאָר. איך בין בלויז אַ קראַנקער, וועלכער וועט די טעג שטאַרבן פון אַן אַנשטעקנדיקער קרענק איר וועט עס שוין אויסגעפינען, נישט געזאָרגט.

סאָלוואַטאָרי איז גרייט געווען צו שטאַרבן אפילו די מינוט, דער שמייכל וואָלט פון זיין פּנים נישט פאַרשוואונדן, ווייל ער ווייסט, אַז דר. גרינבלאַט וועט קריגן אַ פּיר פליוס.

וואו איז דער זין ?

וואו איז דער זין

סדר העולם, זאָגט איר, האַרמאָניע הערשט אין דער וועלט, יעדע פאָלגע איז אַ קינד פון אַן אורזאַך, און מיט פאַרשטענדעניש קאָן מען געפינען די אורזאַך, מען קען דערקלערן ווי אַזוי, און וואָרום, און צוליב וואָס. הם... יאָ, מען קאָן דערקלערן, געוויס קאָן מען, פונדעסטוועגן וואָלט איך אַ בעלן געווען, איר זאָלט מיר דערקלערן פאָלגנדעס:

געהייסן האָט ער — וואָס איז דער חילוק, וויינבערג, פיינבערג, שטיינבערג, וואָס איז אַ צווייטער נאָמען — זיין ערשטער נאָמען איז געווען ראובן. אַ בכור איז ער געווען און זיין פאָטער האָט זיך מסתמא געריכט אויף נאָך קינדער, ער איז אָבער געבליבן אַ יתום און אַ בן־יחיד, און זיין מאַמע האָט אים גערופן רובקע, רובעלע. רובעלע איז שוין אַפילו אַלט געווען צוויי-און-צוואַנציק יאָר, אָבער פאַר זיין מאַמע איז ער נאָך אַלץ געווען רובעלע. און נישט נאָר פאַר זיין מאַמען.

אַ קײלעכדיק געזיכט מיט אַן אײדעלער, צאַרטער װײסער הויט, העל־בלויע קינדערישע אויגן, טונקל בלאָנדע האָר, און צוײ שורות קלײנע װײס־בלױלעכע צײן, אויף װעלכע עס איז געװען אַ פאַרגעניגן צו קוקן, װען ער האָט זײ באַװיזן בײם שמײכלען אָדער לאַכן. און האָט ער אַ לאַך געטון, און אויף זײנע קײלעכדיקע, עטװאָס ראָזאָװע בעקלעך האָבן זיך באַװיזן צװײ חן־גריבעלעך, האָט איר פאַר אײערע אויגן געזען אַ קלײן קינד, אַ קלײן שײן קינד מיט בלאָנדע לאָקן ביז די אַקסלען.

דער פאַרקלענערטער נאָמען רובעלע האָט אים דאַרום פיל בעסער געפּאַסט, װי דער האַרטער טרוקענער ראובן. ער איז געװען אַ קינד, הגם ער האָט שוין מפרנס געװען זיך און זײן מאַמע און האָט שוין געהאַלטן בײם װערן אַ מאַן צו זײן אויסדערװײלטע שושנה.

שושנה האָט זי געהײסן, און איר נאָמען האָט איר געפּאַסט.

אַ צאַרטע רויז אין בליונג איז זי געװען, און איר רובי — אַזוי האָט זי אים גערופן — איז געװען די זון, צו װעלכער זי האָט זיך געצויגן, פאַר װעמען זי האָט אין די שטומע לײדנשאַפטלעכע נעכט געטרוימט, זי װעט זיך פונאַנדערבליען אין איר פולער בליונג — מײן צאַרט רויזעלע — פלעגט ער זי רופן, און װי אַרם אַ צאַרטער רויז אַרומגעגאַנגען, נישט אָנצורירן מיט קײן שמוציקע פינגער... אַ שטילע אויפריכטיקע ליבע צװישן צװײ קינדער, איבער װעלכער ס'האָט געשװעבט דער מאַמעס ברכה.

די מאַמע איז געװען צופרידן, האָט שוין ליב געהאַט „איר" שושנה, װי איר רובעלע. האָט שוין אַרויסגעקוקט אויף דעם טאָג, װען זי װעט דערלעבן פירן איר זון אונטער דער חופה, דערלעבן נחת אין אים. דערװײל אָבער האָט מען געמוזט אָפּלײגן די חתונה

ביז רובעלע וועט זיך „ארויפארבייטן" אין דעם געשעפט, וואו ער ארבעט, אדער ער וועט אנקלויבן א ביסל געלט און מיט דער הילף פון שושנהס א פאר דאלאר וועט ער עפענען א געשעפט פאר זיך.

שטילע מענטשן, און זייער השגה אויך א שטילע, היינט וועמען וואלט עס געארט, ווען די השגה זאל פארווירקלעכט ווערן. קיינעם נישט. פארקערט, וואלט עמעצער געזען שושנהן מיט איר רובין שפאצירן, וואלט ער זיי נאכגעשיקט א ליבנדן קוק. צוויי שיינע פארליבטע קינדער, האבן קיין שונאים נישט געהאט, קיינער האט זיי קיין שלעכטס נישט געוואונטשן, און דער מאמעס ברכה האט אויף זיי גערוט. אבער קאן א מאמעס ברכה זיין א באשיצערין קעגן פארקילונג.

א לייכטע פארקילונג, אט ווי איך, ווי איר, ווי יעדער לע־בעדיקער מענטש קריגט אמאל.

ווען רובעלע האט דערפילט, אז אים איז עפעס קילבלעך, עס לויפט דורך א ציטער איבער זיין פלייצע, די בעקלעך פלא־מען אים־ און דער קאפ טוט אים עפעס וויי, האט ער זיך אפגע־זאגט פון דעם עסן, וואס די מאמע האט אים דערלאנגט. און זי א פארזארגטע, א באאומרויקטע, האט צוגעלייגט איר האנט צו זיין שטערן, געפילט, אז ער האט א ביסל ווארעמקייט, האט זי איבערגעפירט מיט דער האנט איבער די האר, אים א קוש געטון אין שטערן:

— ס'קעפעלע טוט דיר וויי, מיר זאל זיין פאר דיר. גיי אין ערגעץ נישט, זיך מסתמא פארקילט, נעם א הייס באד, כ'וועל דיר מאכן א גלאז טיי מיט מאלינעס, וועסט דורכשוויצן און וועסט אי״ה אויפשטיין א געזונטינקער.

רובעלע האט אפילו געשמייכלט פון זיין מאמעס דאקטאריע. דאך האט ער געטון, וואס די מאמע האט אים געהייסן. און ווען

שושנה, נאָכדעם ווי זי האָט געזען, אַז רובי קומט עפּעס נישט, איז זי געקומען צו אים, האָט זי אים שוין געטראָפן אין בעט צוגעדעקט ביז דער מאָרדע.

זי האָט זיך דערשראָקן, געפרעגט:

— אפשר רופן אַ דאָקטאָר?

צו וואָס די מאַמע האָט צוגעשטימט, אָבער רובי האָט מיט זיין שיינעם שמייכל איבער געצייגט שושנהן, אַז ס'איז גאָרנישט באשר די מאַמע האָט אים אריינגעלייגט אין בעט. דעם אמת געזאָגט, שעמט ער זיך פאַר שושנהן, למאַי זי זעט אים אין בעט, דערפאַר אָבער מאָרגן קומט ער צו איר.

דער מאָרגן איז געקומען, אָבער ראובן איז פון בעט נישט אויפגעשטאַנען. גייענדיק צו דער אַרבעט, האָט שושנה אָפּגעטרעטן ביי איר רובין אין הויז, זען, ווי ער קוקט איצט אויס, אַ פרישער, אָן אויסגעשלאָפענער, און געפינענדיק אים אין בעט מיט צו שטאַרק פאַרפלאַמטע בעקלעך, און די מאַמע מיט אַ רחמנות־קול בעטנדיק זיך ביי אים, ער זאָל אויסטרינקען דאָס גלאָז מילך, האָט זי, מעשה גרויסער מענטש, באַהאַוונט אין קראַנקהייטן, געזאָגט, אַז מ'מוז גלייך רופן אַ דאָקטאָר. ראובן האָט אפילו פּראָטעסטירט, אָבער זי גלעט זיין קאָפּ:

— נאַרעלע, וואָס האָסטו מורא פאַר אַ דאָקטאָר? ער וועט קומען, וועט דיר עפּעס געבן דורכצופרעכן די פאַרקילונג און וועסט אַרויס פון בעט.

שמייכלט איר רובי און דאַנקט איר מיט די אויגן.

שפּאַנישע אינפלוענצאַ. אַזוי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. פאַרשריבן עפּעס, געהייסן מאַכן איינרייבונגען מיט אַלקאָהאָל, און מאָרגן וועט ער ווידער אַריינקומען.

די מאַמע האָט נישט געוואוּסט די געשיכטע פון דער קרענק און דאָס וואָרט „שפּאַנישע“ איז איר אויסגעקומען איבעריק. איך

דאָס וואָרט אינפלוענצאַ איז צו האַרט פאַר איר. זי ווייסט, וואָס די „פלענציע" איז, זי אַליין האָט עס שוין נישט איינמאָל געהאַט.

ס'איז גאָרנישט.

מ'דאַרף זיך בלויז היטן, ליגן אַ פּאָר טאָג אין בעט. אַזוי האָט די מאַמע זיך אַליין באַרויִקט, דאָך האָט זי שוין דעם טאָג כמעט ווי נישט געגעסן, געזעסן ביים קינדס בעט, אים געשטופּט מילך צום טרינקען, אפשר צוליגן אייז צום קאָפּ.

אויף ביינאַכט איז שושנה געבליבן לעבן בעט.

די מאַמע און ער האָבן פּראָטעסטירט, אָבער אַז שושנה שפּאַרט זיך איין, פירט זי אויס אירס.

זי האָט אים נישט געלאָזט רעדן. געקוקט אויפן זייגער נישט צו פאַרשפּעטיקן אַ מינוט צו געבן אים די רפואה, און אפילו אים איינגעריבן די פּלייצע מיט אַלקאָהאָל. ראובן האָט נישט געוואָלט, אָבער זי האָט כמעט ווי מיט געוואַלט אַרונטערגעצויגן דאָס העמד. דערביי האָט ראובן פאַרמאַכט די אויגן, און זי, דערזעענדיק זיין נאַקעטן לייב, איז געבליבן שטיין פאַר אַ מאָמענט נישט ווייסנדיק וואָס צו טון.

זי האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז רבי זאָל זיין אַזאַ ווייסער אויפן לייב, איר רובי. די אַלקאָהאָל-באַד האָט זיי מער דערגענטערט ווי זייער ביז-אַהעריקע פריינטשאַפט.

ווידער און ווידער איז דער דאָקטאָר געקומען, לונגען-אַנטצינדונג. מ'דאַרף גוט אַכטונג געבן.

גוט אַכטונג געבן.

קאָן עמעצער בעסער אַכטונג געבן אויף אים, ווי זיין מאַמע? היינט, שושנה? לאָז זי נישט אַריין אין הויז, וועט זי דאָך אויסזעצן די פענסטער. און ביידע פרויען גיבן אַכטונג און... בעטן גאָט. וויפיל טרערן ביידע פרויען האָבן פאַרגאָסן, איינע אין

דער שטיל פון דער צווייטער און ביידע אין דער שטיל פון אים...
אָבער וואָס זענען אַ מאַמעס און אַ געליבטעס טרערן קענען... אַ
פאַרקילונג.

פערצען אונציעס בלוט.

אַזוי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. אַזוי פיל איז אַרויסגעקו-
מען פון ראובעלעס רעכטער לונג.

ער האָט געפילט, פונקט ווי עמעצער וואָלט אַרויסגעצויגן אַ
פראָפּן פון אַ אָנגעפילטער פלאַש. עס האָט זיך געעפנט אַ רויט
שטראָמעלע, און דאַן כלים, ווי אַ טירעלע וואָלט זיך פאַרמאַכט,
ווייטיק? ניין. ס'האָט נישט שטאַרק וויי געטון, אָבער זעענדיק עס
האָט ער געדענקט, אַז זיין לעבן שטראָמט פון אים אַרויס דורכן
האַלדז און מויל, און ווען מ'האָט דאָס אַנטלויפנדע לעבן אָפּגע-
שטעלט, איז ער געווען שוואַך. נישט באַוועגט מיט אַ פינגער, אויף
זיין קאָפּ איז געלעגן אַ פענכערזש אייז.

אָבער ער האָט אים נישט געפילט.

ביים בעט זענען געשטאַנען די מאַמע, שושנה, אָבער ער
האָט גאָרנישט געפילט.

די לונג האָט זיך מער נישט געעפנט, אָבער אַן עפענונג
איז געבליבן, און די עפענונג מוז פאַרצויגן ווערן. אַ זאַך פאַר-
מאַרעזשעט מען; אויב די לאַך איז נישט קיין גרויסע, פאַרצירע-
וועט מען בלויז, און דאָס זעלבע דאַרף מען טון מיט רובעלעס
לונג, די רעכטע לונג, און ווען זי, זיין מאַמע, יאָל עס קענען טון,
אָבער דאָס קען אַ מאַמע נישט טון אָן דער הילף פון אַבסאָלוטער
רו, גוט עסן, און פרישער לופט.

די דריי זאַכן מוז רובעלע האָבן.

שווערע דריי זאַכן, אָבער איז דען פאַר אַ מאַמע צו שווער?
און וואו איז שושנה?

דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן און געקומען דורכ-

געפידעט ווערן, די מאַמע קאָן דאָ נישט פאַררעכטן זאַך, זי קאָן דאָ נישט פליקן קיין פעדערן, קנײטן דייטשס אָדער פאַרקויפן עפעלעך. זי קאָן אָבער אכטונג געבן אויף א הויז און קריגן דער־פאַר א ווינקל פאַר זיך מיט שושנהן און נאָך א פאָר דאָלאַר דער־צו. זי קאָן אכטונג געב אויף נאָך אַ הויז צו דערזעלבער צייט, יוסט אויך עפעס אַראָפּפאַלן, און שושנה קאָן אַרבעטן, דערצו האָט זי דאָך א ביסל געלט. האָט מען גענומען שושנהס ביסל געלט און אויסגעריכט רובעלען אין די בערג.

קושן זיך איז געפערלעך, אַזוי האָט דער דאָקטאָר אָנגע־זאָגט, טויזנטער באַצילן לויערן אויף די ליפן און קאָנען זיך איבערציִען פון רובים ליפן אויף אירע. אָבער האָט דען שושנה מורא פאַר געפאַר, און איז זי דען נישט גרייט צו פאָרן צוזאַמען מיט איר רובי... איר רובי פאָרט אַוועק... די מאַמע פירט אים אַוועק... איר רובי...

די מאַמע האָט אים אַוועקגעפירט און... צוריק געקומען. ווען שושנה האָט זי דערזען ביים צוריקקער, האָט זי זיך אַרויפ־געוואָרפן דער מאַמען אויפן האַלדז און זיך הילכיק צעוויינט! מאַ־מע... און די מאַמע האָט געענטפערט מיט א געוויין און: מיין קינד, קינד מיינס.

גיט זיך אַ מענטש א שניט, טוט וויי, שרייט ער אויס, אָבער שטענדיק שרייען? מ׳גיסט אַרויף אַ וואַסערל, מ׳לייגט אַרויף א פלעסטערל, מ׳פאַרבאַנדאַזשירט און ס׳מוז זיך פאַרציִען. און וואַ־סער וואסערל איז אַזוי גוט צו אַ שניט ווי צייט, און וואָסער פלאַסטערל — ווי האָפענונג.

און ביידע פרויען האָבן געאַרבעט און געהאָפט.

די מאַמע האָט אַכטונג געגעבן אויף די הייזער און די טאָכ־טער האָט געאַרבעט ביי איר אַרבעט, געאַרבעט שווער, געאַרבעט פיל. דערפאַר אָבער יעדע וואָך האָט מען געשיקט רובעלען די

נייטיקע סומע געלט און אים געשריבן, עס זאָל אים זײַן צו גע-
זונט, און ער האָט געצאָלט דערפאַר מיט אַ בריוו יעדן טאָג.

יעדן טאָג האָט געמוזט זײַן אַ בריוו פון אים. צוערשט איז
זונטיק פון אים נישט געווען קיין בריוו, האָט מען אים למען השם
געשריבן, אַז שבת זאָל ער אַרויסשיקן זײַן בריוו „ספּעשעל דע-
ליווערי", ווײַל וואָס איז אַ טאָג אָן אַ בריוו. דער בריוו האָט גע-
מוזט קומען יעדן נאָכמיטאָג, און די מאַמע האָט געהאַלטן דעם
בריוו אַ פאַרמאַכטן אין בוזים, ביז שושנה וועט קומען. די מאַמע
האָט געקאָנט לייענען, אָבער אַז שושנה וועט טרעפן אַן אָפּגעעפנטן
בריוו, איז עס עפּעס נישט אַזוי, זיי דאַרפן אים ביידע לייענען,
צו זען די צוויי פרויען לייענען די בריוו!...

און ער האָט געשריבן אַז ער בעסערט זיך, אַזוי זאָגט דער
דאָקטאָר. און באַלד באַלד וועט שוין בעסער גישט דאַרפן זײַן!
ער וועט שוין זײַן געזונט. — גאָטעניו, ווי דערלעבט מען דאָס,
שווער, זייער שווער געווען. בײַ דער מאַמען אין קאָפּ האָט מע-
שוין געקענט איבערציילן די שוואַרצע האָר און שושנהס פאַרב
פון די באַקן איז ערגעץ וואו פאַרשוואונדן, אָבער, אַז מ'לעבט,
דערלעבט מען זיך.

ראובן האָט צוערשט געציילט די טעג, דאַן די וואָכן, און
דאַן די חדשים. אַמאָל אַ טראַכט געטאָן, אויף וועמעס רעכענונג
ער רוט, און געוואַרט, געוואַרט מיט שטעכיקער אומגעדולד, דער
דאָקטאָר זאָל אים זאָגן: פאָר אַהיים. און אָט איז שוין מער ווי
אַ יאָר פאַריבער, און דער דאָקטאָר זאָגט אים:

— פאָר.

אָבער ער מוז אין זינען האָבן, אַז ער איז געווען קראַנק.
ער מוז נישט שווער אַרבעטן, עסן גוט, פרישע לופט, לעבן נאָר-
מאַל, חתונה האָבן? יאָ, וואָרים נישט. דאָס וועט אים גוטס טון,
אָבער ער מוז אין זינען האָבן, אַז ער איז געווען קראַנק און

דעריבער זיין אַ מענטש...

וואָס די צוויי פרויען האָבן געפילט, ווען זיי האָבן געקריגן די טעלעגראַמע אים קומען באַגעגענען, איז נישט איבערצוגעבן.

זיי האָבן געוויינט, געלאַכט, זיך געקושט, מיט מיר זיך אַפילו צעקושט, און ענדלעך זענען מיר ביים וואָקזאַל. אַ קושעניש, אַ האַלזעניש, טרערן, טרערן פון פרייד, געווען זיך וואָס צו פרייען אויך

ראובן איז געווען געזונט. זיינע בעקלעך פאַרברוינט, די אויגן אויפגעלעבט, זיין שמייכל, זיין יעדע באַוועגונג האָט באַרויִקט, דערפרייט.

געפירט אונטער די אָרעמס פון דער מאַמען און געליבטער, איז ער געגאַנגען, גערעדט מיטן מויל, מיט די אויגן, און די מאַמע און שושנה האָבן פאַרקוקט צו אים, אָפטמאָל איז עס אויסגעקומען ווי אים אַנטקעגן געגאַנגען. איך בין געגאַנגען פונדערווייטנס, זיך צוגעקוקט צו דער פרייד און זיך מיטגעפרייט, אָבער אַט זענען די דריי געבליבן שטיין, מ'האָט באַדאַרפט איבערקרייצן די גאַס, ראובן האָט, אָננעמענדיק די צוויי פרויען ביי די אָרעמס. זיך אַרומגעקוקט אויף די לויפנדע אויטאָמאָבילס און אָפּמעסטנדיק מיטן אויג, אַז אָט איצט קען ער איבערקרייצן, האָט ער אַ צי געטון די פרויען, אַ שטעל געטון דעם פוס, געמאַכט אַ טריט, שושנה האָט מיטגעהאַלטן, די מאַמע, וועלכע איז געבליבן אַ טריט אַהינטער, האָט קענטיק דערזען אַ לויפנדן אויטאָמאָביל און אַ צי געטון איר קינד אויף צוריק. ראובן אָבער, איין גאָט ווייסט פאַרוואָס, האָט זיך דווקא אַ ריס געטון פאָרויס, אַ מאָמענט, און ראובנס פנים איז געווען אַ רויטע מאַסקע, איין שטיקל אויג האָט מען אַרויסגעזען, האָט עס געקוקט אויף דער מאַמען, וועל-

כע איז שוין אויך געלעגן. דאָס האַרץ אירס האָט זיך אָפּגע-שטעלט.

איין לוויה איז געווען און איך בין צו דער לוויה געגאַנ-גען פון שושנהס באַגלייטונג. שושנה, זי איז לעבן געבליבן. ערשט היינט האָב איך זי באַזוכט אויף בלעקוועל איילאַנד, און איך ווייס נישט, ווען איך האָב בעסער געפילט, דאַן ווען איך בין געגאַנגען צו דער לוויה, אָדער היינט, ווען איך האָב איר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט.

זי איז שטיל, טשעפּעט קיינעם נישט, מער נישט, יעדן טאָג מוז זי קריגן אַ בריף פון איר רובין. לכתחילה איז זי געווען אונטער דער אויפזיכט פון אַ יונגן דאָקטאָר, האָט זי אָבער יעדעס מאָל, וואָס זי האָט אים דערזען, געפּרוווט אים האַלזן און קושן: מיין רובי. — איצט איז זי אינטער דער אויפזיכט פון אַן אַלטן דאָק-טאָר, וועלכער טראָגט איר יעדן טאָג אַריין אַ בריוו פון איר רובי, און, ווי זי האָט מיר געזאָגט, שרייבט ער, אַז ער בעסערט זיך אין געזונט און וועט אינגיכן קומען צו איר און צו דער מאַמען.

אַ גוטער סדר העולם, וואָס?

„טאָלסטאָי'ס" טאָג בוך

טאָלסטאָיס טאָג־בוך

טאָלסטאָי — אַזוי האָט אים פעסקין אַ נאָמען געגעבן. פעסקין, אַ ייד אין די פערציקער, הויך, מגושם לאַנגע הענט און פיס, אַ צעדרייטע פיגור, איינגעפאַלענע באַקן, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך געצויגן בוריק־קאָליר בלוט־פעדעמלעך, ערנסט קראַנק, געצוואונגען מ׳ר. טנטיילס צו ליגן אין בעט, האָט ליגנדיק דאָך אין זינען געהאַט צו זאָגן א וויץ אויף זיין אייגענעם חשבון אָדער אויפן חשבון פון זיינע בעט־שכנים.

אָפּגעזאָגט דעם וויץ אין צייט, האָט ער זיך מיט פאַרגעניגן צוגעהערט צום געלעכטער פון די שכנים. ער אַליין האָט אָבער נישט געלאַכט, נישט געשמייכלט אפילו. האָבן זיי געוועדיקט לאַכ, האָט ער צוגעפּעפּערט דעם וויץ מיט אַ ווערטל און געהעדט מיט צופרידנהייט דאָס באַנייטע געלעכטער, ער אַליין איז ווייטער געבליבן רויק.

פעסקין איז געווען אַ ייד אַ וויצלער, נישט פיל געדעדט,

אָבער אַרויסגעזאָגט אַ ווערטל, האָט מען געמוזט לאַכן, זיין ספּע-
ציאַליטעט איז אָבער געווען — געבן נעמען.

איז אָנגעקומען אַ נייער פּאַציענט אין שפּיטאָל, אין דער
אָפּטיילונג, וואו ער האָט זיך געפונען, איז שוין פּעסקינס אויפגאַ-
בע געווען אים אָפּגעבן שלום עליכם, אים אָפּמעסטן מיט די אויגן,
רעדן אַ פּאָר ווערטער און אים צופּאַסן אַ נאָמען, ווי פּשלתיאל,
אליוקים, שעקספּיר, שמאי, יונה, גדליה, און דער נאָמען האָט זיך
שוין אַזוי צוגעקלעבט צו דעם ניי-געקומענעם, דאָס אײַגיכן האָט
ער שוין פּאַרגעסן זיין ערשטן און צווייטן נאָמען, און האָט מען
אַ רוף געטון:

פּשלתיאל, אליוקים!...

האָט ער זיך שוין אומגעקוקט, ווייסנדיק, אַז דאָס רופט מען
אים. זובקאָוו האָט פּעסקין אַ נאָמען געגעבן טאָלסטאָי נאָך פּאָלגנ-
דער באַקאַנטשאַפט.

זובקאָוו, אַ יונגערמאַן, ניין און צוואַנציק יאָר אַלט, אַ היימי-
שער פּערטל אינטעליגענט — געענדיקט אַ צוויי-קלאַסיקע שטאָטישע
אוטשילישטשע, אַרויסגייענדיק פון דאָרט, געלייענט ווערביצקעס
ביכלעך און פּאַרענדיקט זיין שטודיום אין אַ קלייט, וואו ער האָט
געדינט אַלס עלטסטער „פּריקאַזשטשיק", — האָט, אָנקומענדיק
אין שפּיטאָל, באַטראַכט זיינע שכנים, און הגם ער האָט געפונען
אויסגעדאַרטע, מאָגערע, בלאַסע פּנימער, האָט ער אָבער אויף זיי
נישט געזען קיין סימן פון כמעטענע, איידלקייט, אינטעליגענץ
און האָט נישט אָן צופרידנהייט באַשלאָסן, אַז זיי אַלע דאָ זענען
פּראָבע יונגען, ער איז דער אינטעליגענט. ס׳איז אַפילו נישט
איבעריק אָנגענעם זיך צו געפינען אין אַזאַ פּראָסטער גע-
זעלשאַפט, האָט ער געטראַכט, אָבער, האָט ער זיך געטרייסט,
ווער דאַרף דען מיט זיי האָבן צו טון, ער וועט זיך האַלטן

פונדערהייטנס, ער איז דאָך געקומען אהער רוען, געזונט ווערן.

פעסקין האָט אָבער, ווייזט אויס, נישט געוווסט ווי אינטע־ליגענט דער בייגעקומענער איז און איז אויף זיין שטייגער צו־געקומען צו זיבקאָוון, אים אָפּגעגעבן אַ שלום עליכם, און ווען ער האָט געקריגן אַ קאַלטן עליכם שלום, איז ער ביי זיך נישט אַראָפּ־געפאַלן.

פעסקין איז שוין געווען אַ תושב און האָט געוואוסט, אַז אַ ניי־געקומענער פילט זיך נישט אַזוי יום־טובדיק, ער איז דאַרום אָנגעגאַנגען מיט זיינע פראַגן, ווי:

פון וואַנען קומט אַ ייד?

און הערנדיק, אַז אַ ייד איז פון קיעוו, האָט ער זיך נישט גפוילט און נישט געשעמט איבערצופרעגן.

— טאַקע פון קיעוו גופא?

— יאָ, — האָט זיבקאָוו געענטפערט מיט שטאָלץ, — איך בין אַ קיעוולאַנין. —

— גאָווארימע פאָ רוסקי? — האָט פעסקין אַ פרעג געטון, אַרויסזאָגנדיק די ווערטער מיט אַן אַמעריקאַניש־יידישן אַק־צענט.

— קאָניעטשנאָ, — האָט זיבקאָוו גענומען רעדן, — אַ ווי? —

— טשטאָ זאַ שאלה! איך בין דאָך אַ מאָסקוווער, בין איך דאָך.

— קען מען דאָ קריגן רוסישע ביכער? — האָט זיבקאָוו אַ פרעג געטון אין רוסיש.

פעסקין האָט באַטראַכט זיבקאָוון, זיך צוגעהערט צו זיין רו־סישער אויסשפּראַך, און באַשלאָסן, אַז דער בחור „בלאָפט”, ער איז נישט קיין קיעווער.

זיין געדאַנק האָט גענומען שנעל אַרבעטן אויף אַ נאָמען פאַר דעם-חברה מאַן.

— רוסישע ביכער? — האָט ער איבערגעפרעגט, — איך ווייס נישט, איך אַליין קום אויס, גאָט צו דאַנקען, אַפילו אָן טערקישע ביכער, אַ פרעג טון שעקספירן, ביי אים איז דאָ דער שליסל פון די ביכער, אָט גייט ער אויפן אמת.

— העי, שעקספיר, קום נאָר אַהער.

און ביז וואַנען שעקספיר איז אַריינגעקומען, האָט שוין פעסקין געהאַט אַ נאָמען, און ער האָט זיי פאַרגעשטעלט:

מר. שעקספיר, מר. טאָלסטאָי וויל אַ בוך, אַ רוסישן בוך, האָסט רוסישע ביכער? —

— רוסישע ביכער? —

שעקספיר, טאָלסטאָי און פעסקין האָבן זיך אָנגעקוקט, שעקספיר שמייכלענדיק, טאָלסטאָי פאַרוואונדערט, אויף פעסקינס פנים האָט זיך אַפילו קיין שמייכל באַוויזן, און ער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן צו זיין בעט.

— פאַראַן אַ פּאָר רוסישע ביכער, — האָט זיך שעקספיר געכאַפּט, — אָבער זייער ווייניק, טאַקע בלויז אַ פּאָר, יידישע דאָ אַ סך, אַ ביסל ענגלישע, איר ווילט אַ בוך, מר. טאָ?...

— זיבקאָוו, — האָט „טאָלסטאָי" אונטערגעכאַפּט.

— מיין נאָמען איז נירענבערג, — האָט זיך „שעקספיר" פאַרגעשטעלט, — דאָס איז שוין זיין אַרבעט, געבן אַ צונעמעניש, דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אייך געקרוינט מיטן נאָמען טאָלסטאָי, געקענט נאָך קריגן אַזאַ נאָמען ווי פרהצור, צלפחד, יונה... —

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט, געבן צונעמענישן —

— אָט אַזוי איז עס שוין, מר... זבקאָוו. דאָ איז אַ קליין

שטעטל, און יעדער איינער האָט אַ צונעמעניש. איר וועט געוואוינט ווערן, מיך אַרט עס שוין נישט. אין דערהיים אויך געהאַט אַ צונעמעניש. פון וואַנען קומט איר?

— פון קיעוו, — האָט זיבקאָוו אַרויסגערעדט מיט חשיבות.

— אַ קיעווער גאָר? ווי קומט אַ ייד אַזש קיין קיעוו? —

— געלערנט דאָרט, — האָט זובקאָוו געענטפערט, — איך בין געווען אַ סטודענט אין קאָמערטשעסקע.

דאָס וואָרט קאָמערטשעסקע איז אַרויסגעקומען שאַרף דאָך נישט אָן דער נויטיקער ברייטקייט — קאָ—מער—טשעס—קע.

נירענבערג, וועלכער איז אויף זיין לעבן נישט געווען אין קיעוו, און פון אַ קאָמערטשעסקע געהאַט אַ שוואַכן באַגריף, האָט אַ קוק געטון אויף זובקאָוון, אַנטדעקט אין אים אַן אינטעליגענט געזיכט, און שוין געקריגן דרך ארץ פאַר אַ געבילדעטן מענטש.

ער האָט זיך דאַרום גענומען אַנטשולדיקן פאַר אים לְמאַי ער האָט נישט קיין רוסישע ביכער.

— דאָ אַ פּאָר ביכער, שניצלערס, האַמסונס. —

— שניצלערס? — האָט זובקאָוו איבערגעפרעגט, — קיינמאָל געהערט.

— דאָס איז איבערגעזעצט פון דייטש, — האָט זיך נירענבערג פאַרענטפערט, — איך אַליין לייען נישט קיין רוסיש, איך איך בין אַ... נעבעך, אַ גאַליציאַנער, אָבער איך בין דאָ דער ביבליאָטעקאַר, דערפון טאַקע שטאַמט מיין נאָמען שעקספיר. אָנגעקומען אַהער, האָב איך, ווי איר, געבעטן אַ בוך. דער דאָמאָלסטיקער ביבליאָטעקאַר, אַ לץ אַ בחור, פרעגט מיך צי איך וויל אַ יידישס אָדער אַן ענגלישס. מעשה שטן רעד איך זיך אויס אַן ענגלישן, קוקט ער מיך אָן און פרעגט מיך, אויב איך האָב אַ ספּעציעלן נאָמען פון אַ בוך, וועלכן איך וויל, איך האָב אויף

מיין לעבן איבער.עלייענט אפשר דריי ענגלישע ביכלעך, זאָג איך אים, אַז וואָס ער וועט געבן, וועט זיין גוט, גייט ער אַזעק דער לץ און ברענגט מיר אַ באַנד שעקספּיר, און דער לץ, פּעס קין, דאַרף עס דערזען, נו האָט ער מיך געקרויגט מיטן נאָמען שעקספּיר. —

— ווערביצקעס איז עפּעס דאָ? — האָט זובקאָוו געפרעגט, ווי פאַרהערנדיק די געשיכטע פון צונעמעניש.

— אין רוסיש נישט. אין יידיש איז דאָ „דער דאַמען-העלד“, מער, דוכט זיך, גאָרנישט, דאָ „סאַנין“ ארציבאַשעווס, „פרויען“...

— איר האָט „סאַנין?“ — האָט זובקאָוו אַ פרעג געטין אַן אויפגעלעבטער.

— יאָ, ס׳איז דאָ, — האָט נירענבערג געענטפערט, — אָבער כ׳ווייס נישט אויב ס׳איז דאָ אויף דער פּאָליצע, מ׳כאַפּט עס ווי מצה-וואַסער.

— אַז ס׳וועט אַריינקומען, זייט אַזוי גוט און באַהאַלט עס פאַר מיר.

נירענבערג האָט צוגעזאָגט דאָס צו טון, און טאָלסטאָי איז כמעט ווי באַפריינדעט געוואָרן מיט שעקספּירן, געפינענדיק אין אים, הגם נישט אַזאַ אינטעליגענט, ווי ער אַליין — אַ מענטש קאָן דאָך גאָר קיין רוסיש — אָבער דאָך אינטעליגענטער, ווי די איבעריקע.

טאָלסטאָי האָט מיט דער הילף פון שעקספּירן, גענומען שטודירן די רוסישע ליטעראַטור—אין אַ אידישער איבערזעצונג — פאַרשטייט זיך. ער האָט שוין איבערגעלייענט „סאַנין“, „פרויען“, „מיליאָנען“, „ביים לעצטן שטריך“, האָט שוין געמאַכט אַ טריט צו דער פּוילישער ליטעראַטור אויך גענומען, לייענען דעם „בעל שכל“ פון פּשיבישעווסקי, און אויף שעקספּירס רעקאָ-

מענדאַציע, זיך געגרייט צו לייענען „מאָטקע־גנב" און שלום אַש ווייל דאָס איז אויך אַזאַ גוט בוך ווי „כאַנין"...

טאָלסטאָי און שעקספּיר האָבן דיסקוטירט צווישן זיך ווער ס'איז אַ גרעסערער שרייבער, אַרציבאַשעוו, פּשיבישעווסקי, אָדער שלום אַש, און אויסער די ליטעראַרישע דיסקוסיעס האָט מען פאַרבראַכט אין געמיטלעכע אינטימע געשפּרעכן.

טאָלסטאָי — ער איז שוין געוואוינט געווען צו דעם נאָמען — האָט פאַרטרויט שעקספּירן, אַז זיין ווייב, מיט וועלכער ער האָט ערשט מיט אַ יאָר צוריק חתונה געהאַט, איז געווען אַ שול־לערערין, אַ העכסט געבילדעט מיידל, האָט פאַרגעלייענט פאַר אים אירע בריוו — יעדן טאָג אַ בריוו, — האָט געצוואונגען אים צו באַוואונדערן איר שיינע האַנטשריפט, ווי אויך איר ענגליש, און האָט ער אָנגעשריבן אַן ענטפער, האָט ער אים אויך געצייגט זיין פריינט.

שעקספּיר, אַ קנאַפּער ידען אין דער ענגלישער שפּראַך, האָט קאָמפּלימענטירט טאָלסטאָין, אַז ער שרייבט גוט ענגליש, הגם וואי קאָן ער אַזוי די שפּראַך, וואָלט ער איצט געווען בעסער אָפּ, דערויף האָט טאָלסטאָי באַשיידן געענטפערט, אַז ענגליש איז אים שווער צו שרייבן, ער מוז קוקן אין ווערטער־בוך, אַ בריוו מוז ער פריער שרייבן און דאַן איבערשרייבן, דערפאַר אָבער רוסיש גייט עס, ווי געשמירט, קאָן אָבער זיין ווייב קיין רוסיש, אַ היגע אַ געבוירענע. און שלעכט, ווי עס איז געווען, וואָס זיין ווייב קאָן קיין רוסיש, האָט אָבער דער פאַקט, וואָס זי איז אַ היגע אַ געבוירענע שוין מכפּר געווען.

שעקספּיר האָט טאָלסטאָיס שפּראַך־קענטעניש פּאָפּולאַריזירט, דערציילט יעדן איינעם, וואָס פאַר אַ מומחה טאָלסטאָי איז אין רוסיש, און אפילו ענגליש קאָן ער גוט, שרייבט צו זיין ווייב — אַ שול־לערערין — ענגלישע בריוו, און האָט פּעסקין געפּרוווט

עס באַשטרייטן, זאָגן, אַז טאָלסטאָי איז אַ בלאָפער, האָט זיך שעקספּיר אָנגענומען זיין כבוד.

טאָלסטאָי אַליין האָט זיך אויך נישט געלאָזט אַזוי גרינג אַרונטערוואַרפן.

ער האָט באַוויזן זיינע פאַרלוימדער, אַז זיי זענען גרינגע יונגען, קענען נישט קיין רוסיש, פרעגנדיק ביי זיי, ווי אַזוי מ׳זאָגט אין רוסיש אויף ציבעלע, ראָזשינקעס, און ווען יענע האָבן נאָך אַ ווילע טראַכטן געענטפערט: ציבוליע און ראָזינקי, האָט טאָלסטאָי מיט אַ טריומפירנדיקן שמייכל געזאָגט:

— דאָס איז אין גויִש, כאַכליש, אָבער אין רוסיש? אין רוסיש, — האָט טאָלסטאָי ברייטלעך אָנגעהויבן, — איז עס לוק, לוק איז ציבעלע, און ראָזשינקעס איז איזיום, אי— זיום.

אָפּגעזאָגט, האָט ער מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געלערנטן מאַן, זיך אָפּגעקערט פון די אַרומיקע. זיינע פאַרלוימדער האָבן דאַן געמוזט צוגעבן, אַז טאָלסטאָי קען פאָרט רוסיש.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, איז געווען פעסקין.

ער האָט אַלץ געטענהט, אַז אַלעס, וואָס טאָלסטאָי קאָן, איז בלאָפן. ער, פעסקין, קאָן אַזוי גוט רוסיש, ווי טאָלסטאָי. דאָס האָט שוין טאָלסטאָין פאַרדראָסן, אָבער זיך קריגן מיט פעסקינען האָט ער נישט געוואָלט.

— פעסקינען האָבן אַלע ליב געהאַט פאַר זיינע חכמות, וויצן, איבערקרימענישן, צונעמענישן — האָט ער געטראַכט, ער וועט אים נאָך צענאָגלען צום שאַנד-קלאָץ, און איינמאָל טאַקע אַ פרעג געטון פעסקינען, ווי זאָגט מען אויף רוסיש: פאָלג מיך אַ גאַנג.

פעסקין האָט גוטמוטיק צוגעגעבן, אַז דאָס ווייסט ער נישט, אָבער ער וועט זיך דערוויסן אין אַ דאָזע ביטערזאַלץ, אַז ער, טאָלסטאָי, וועט נישט וויסן, ווי מ׳זאָגט אויף רוסיש דאָס, וואָס ער וועט אים פרעגן.

— אַנו לאָמיר הערן, — האָט טאָלסטאָי געענטפערט מיט אַן אַרויסרופנדן טאָן, זיכער מיט אַ זיג.

— ווי זאָגט מען אויף רוסיש: זייט לעקישעס האָבן זיך געלעקישט, האָב איך נאָך אַזאַ לעקיש נישט באַגעגנט?

די אַרומיקע האָבן זיך צעלאַכט, טאָלסטאָי האָט פּראָטעסטירט, אַז דאָס איז נישט קיין פראַגע, דאָס איז גלאַט אַזוי, אָבער פּעסקין האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, אַז דער, וואָס קאָן רוסיש, פּקיעוור, דאַרף אַלץ וויסן.

פּעסקין האָט טאָלסטאָין נישט געוואָלט אָנערקענען, און צווישן זיי איז קיין גוט לעבן נישט געווען. האָט פּעסקין געזען, אַז זיבקאָוו זעצט זיך אַוועק שרייבן זיין טעגלעך בריוול צו זיין ווייב, פלעגט ער שוין אַראָפּקריכן פון בעט, און ווען ער האָט דערזען, אַריינקומען אָנגעצייגט מיט אַ פינגער אויפן מויל:

— ששש, טאָלסטאָי שרייבט.

ווען פּעסקין האָט נאָך איינמאָל דערזען, אַז זיבקאָוו שרייבט עפּעס אין אַ גרויסן, שוואַרצן געבונדענעם העפט, האָט ער שוין „באַריכטעט דעם פּובליקום“, אַז טאָלסטאָי שרייבט אַ בוך, אַ טאָגבוך.

ס׳האָט נישט גענומען אַ טאָג און אַלע פּאַציענטן האָבן שוין געוואוסט, אַז טאָלסטאָי שרייבט אַ בוך.

— ער מוז דאָרט פאַרשרייבן וויפיל מאָל אַ טאָג ער גענעצט, — האָט איינער געשפּאַסט.

— גאָר, — האָט אונטערגעכאַפּט אַ צווייטער, — ער מוז

דאָרט פאַרשרייבן זיינע בלאָפס, ער זאָל נישט פאַרגעסן פון איינ-
מאָל ביז אַ צווייטן, זיך נישט איבערלייענען, איר ווייסט דאָך, שקר
אין לו רגלים.

— גייט שוין, גייט, — האָט פעסקין מבטל געמאַכט אַלע
השערות, — אַז איך זאָג אייך טאָלסטאָי שרייבט אַ בוך, אַ טאָג-
בוך, צי אַזוי אַ בוך, איז עס אַ בוך.

דאָס דיקע, שוואַרצע, געבונדענע העפט האָט געררייצט אַלע-
מענס נייגעריקייט.

— אפשר איז ער טאַקע אַ שרייבער? — האָבן אייניקע
געפרעגט, צושטימענד מיט אַ טאָן פון הכנעה פאַרן שרייַ-
בער, אָבער די „ביטערע יונגען" האָבן נישט דערלאָזט די
השערה.

— אַ שרייבער אויפן שנײַ. כ'ווייס, פאַטשקעט דאָרט. אויך
מיר אַ שרייבער, טאָלסטאָי! —

און טאָלסטאָי האָט מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסן
מענטש, וועמען די קליינע מענטשעלעך קענען נישט פאַרטראָגן,
זענען מקנא, זיך געהאַלטן פון ווייטן. זיין פרייע צייט האָט ער
אַלץ מער און מער פאַרבראַכט שרייבנדיק אין זיין געבונדענעם,
שוואַרצן העפט.

דער איינציקער, מיט וועלכן ער האָט פאַרבראַכט, איז גע-
ווען שעקספּיר, אים האָט ער נאָך אַלץ פאַרגעלייענט זיין פּרויס בריוו
און זיינע ענטפערס צו איר, שעקספּיר האָט אַזוי אַרום געוואוסט,
אַז טאָלסטאָיס פרוי שוואַנגערט, נאָך אַזעלכע זאַכן, אָבער אין
העפט אַריינקוקן — דאָס האָט אַפילו שעקספּיר אויך נישט זוכה
געווען.

פּאַרזיכטיק, זייער פאָרזיכטיק איז זובקאָוו געווען מיט זיין
שוואַרצן העפט.

ער האָט געוואוסט, אַז פעסקינס אויג קוקט שאַרף דערויף

און האָט זיך געהיט נישט איבערצולאָזן דאָס העפט אויף הפקר איז ער געלעגן אין בעט און נישט געשריבן, האָט ער עס באַהאַלטן אין זײַן קישן, אויס מורא, טאָמער ווערט ער אַנדרימלט און מ׳כאַפּט עס צו אָדער מ׳קוקט אַרײַן. איז ער אַרויסגעגאַנגען ערגעץ, האָט ער דאָס העפט מיטגענומען.

פּעסקינען האָט דאָך שוואַרצע העפט נישט געלאָזט רוען. ער מוז אים אַרויסקריגן, זען, וואָס טאָלסטאָי שרײַבט.

ער האָט זיך שוין אַפילו געווענדט צו דער וואַרטערין, מיט וועלכער ער האָט געלעבט גאַנץ פרײַנטלעך פאַר איר פעיִקייט צו נעמען און צופּגעבן אַ וויץ, איר דערקלערט, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, און געבעטן איר הילף. זי האָט זיך אָבער דערפון אָנטזאָגט.

— וואָס אַרט עס אײַך, — האָט זי געזאָגט, — זאָל אַ מענטש הנאה האָבן פון שרײַבן אַ בוך.

פּעסקין האָט אָבער נישט אויפגעגעבן די האָפענונג צו „פּאַציאַפּען" דאָס בוך, און ווער ווייסט, אויב ער וואָלט עס נישט פּאַציאַפּעט", ווען זיבקאָוו ווערט נישט קראַנק.

זיבקאָוו איז קראַנק געוואָרן מיט דער לעצטער קרענק. זײַן היץ איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער, דער דאָקטאָר האָט געזען דער מענטש ווערט פאַרברענט, געפּרוּווט לעשן, אַרונטערקלאַפּן די היץ, אומזיסט.

זיבקאָוו איז געלעגן אַ הייסער, אַ גליִענדער, די אויגן מײַסטנס פאַרמאַכט, און האָט ער זיי אויפגעעפנט, האָבן זיי געקוקט גלײַכגילטיק, זיך נישט אָפּשטעלנדיק אויף גאָרנישט, אפשר אין אַן אַנדערער וועלט געקוקט שוין. ער איז געווען ביים פולן פאַרשטאַנד, אָבער מאָדנע גלײַכגילטיק. אַפילו די נײַעס, וועלכע די וועכטערין האָט אים פאַרזיכטיק איבערגעגעבן, אַז זײַן ווײַב

האָט געבוירן אַ קינד, האָט אים נישט אַרויסגערופן פון זיין גלייכגילטיקייט.

די וועכטערין, פאַר וועלכער ער האָט מער ווי איינמאָל געלויבט זיין פרוי, דערציילט אירע מעלות, און ווי שטאַרק פאַרליבט ער איז אין איר, האָט זיך געוואונדערט איבער דער גלייכגילטיקייט און זיך געשושקעט מיטן דאָקטאָר.

זיבקאָוו איז אָבער געווען ביים פולן פאַרשטאַנד.

ווען, צורעכטמאַכנדיק דאָס געלעגער, האָט די וועכטערין אָנגעטאַפּט דאָס דיקע, שוואַרצע העפט אונטערן קישן און געפרעגט, אויב זי זאָל עס אַרויסנעמען, האָט ער געהייסן ס׳זאָל דאָרט בלייבן. און אַזוי איז געבליבן דאָס דיקע שוואַרצע העפט אונטערן קישן, ביז זיבקאָוו האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

פעסקין, ווי אויך די איבעריקע פאַציענטן, האָבן אין די פּאָר טעג, וואָס זיבקאָוו איז געווען קראַנק, ווי פאַרגעסן זיין רוסישע שפּראַך, זיין טאָג־בוך, אַפילו דער נאָמען טאָלסטאָי איז נישט דערמאָנט געוואָרן, מ׳האָט שטיל געפרעגט איינער ביים צווייטן, וואָס ער מאַכט, ווי ער האַלט, און אַפילו פעסקין האָט זיך נישט דערלויבט צו מאַכן אַ וויץ.

מיט זיבקאָווס טויט איז אַנטשטאַנען אַ שווייגעניש אין אַ שטילקייט.

קיינער האָט זיין נאָמען נישט דערמאָנט, דאָס שוואַרצע העפט פאַרגעסן. בלויז די וועכטערין, אין וועמעס הענט מ׳האָט אָנפאַרטרויט זיין גאַנץ פאַרמעגן, דאָס אָפּצושיקן צו זיין פרוי, האָט, אַזוי שנעל, ווי זי האָט זיך אויסגעשלאָפן נאָך דער נאַכט, וועלכע זי האָט פאַרבראַכט לעבן זיין בעט, היטנדיק זיין יציאת נשמה, אויפגעעפנט דאָס שוואַרצע העפט און גענומען לייענען. צו ערשט האָט זי גענומען לייענען בריוו, געשריבן צו קיינעם און

אַלעמען, בריוונשטעלערישע בריוו, און דאַן אײנצלנע ווערטער, איבערגעשריבן צען, צוואַנציק מאָל מיט אַ געצוקטער האַנטשריפֿט, אַזוי אויף צענדליקער זײַטן.

זי האָט זיך פֿאַראינטערעסירט אין די אײנציקע ווערטער, געוואָלט זען, אפֿשר וועט זי פֿון די ווערטער אַרויסקריגן דעם געדאַנקען-גאַנג פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם. זי האָט געמישט פּריִאַט גאָר בלאַט, אין געווען אַלץ אַזעלכע ווערטער ווי „לעטער" (אַ בריוו), „לעדדער" (אַ לייטער) „לעדער" (לע-דער) „לעטטער" (שפּעטערדיקע), געווען דאָרט אויך אַזעל-כע ווערטער, ווי „טעמפּעראַטור" „דאָקטאָר" „נוירס", עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז „טאָ סטאָי" האָט ליגנדיק אויפֿן טויטן בעט זיך געלערנט אויסלייגן ענגלישע ווער-טער.

אײן שעה

איין שעה

דריי וואָכן, אַז זי זיצט לעבן זיין בעט, און פאַר דער צייט איז ער איר אַן אייגענער געוואָרן. דאָס איז אפילו נישט קיין נאָענטע פאַר איר. כמעט יעדער איינער פון אירע קראַנקע ווערט איר אַן אייגענער. נישט קיין אָנגענעמע פּראָפעסיע — אַ וואַרטע־רין, אָ, ווייט נישט קיין אָנגענעמע, אָבער ווער קאָן פאַרשטיין די צופרידנהייט, וואָס זי האָט נאָכדעם, ווי זי אַרבעט אָפּ אַ געוויסע צייט לעבן אַ קראַנקן מענטש און דאַן איז זען זיך שטעלן אויף די פיס. דאָס איז אַ צופרידנשטעלונג, אַלנפאַלס פאַר איר. זי פרייט זיך מיט יענעמס געזונט ווערן, און איז טרויעריק אין אַ טרויעריקן פאַל. אזוי איז זי שוין, דער קראַנקער ווערט אַ טייל פון איר, פאַר דער צייט, וואָס זי איז לעבן אים, ווערט ער איר אַן אייגענער. אָבער דער אייגענער, אָט דער יונגער, שיינער בחור, מיט דעם שיינעם הויכן שטערן, שיינע אויגן און... קראַנק האַרץ, ער איז...

וואָס איז איר דער בחור? אין די לאַנגע, לאַנגע שעהען, זיצנדיק לעבן זיין בעט, זיך צוהערנדיק צו זיין האַרץ-קלאַפּ, קוקנדיק אויף אים, האָט זיך איר שוין נישט איינמאָל געוואָלט באַרירן אים מיט די ליפּן, בלויז צאַרט באַרירן, אים אַ שטילן קוש טון. די שרעק בלויז, אַז זי וועט אים שטערן זיין רו, וועט מאַכן זיין האַרץ קלאַפּן שטאַרקער... האַלט זי צוריק, און ווען ער איז וואַך, איז זי אַ וועכטערין, אַ וועכטערין און נישט מער.

פאַרליבט אין דעם בחור?

נאַרישקייטן.

אָבער, וואָרום איז ער איר אַזוי אייגן, פאַרוואָס קלעמט אַזוי איר האַרץ פון רחמנות צו אים? זי האָט רחמנות אויף אַלע קראַנקע, אַך, אָבער צו-וואָס זיך נאַרן. ער איז איר אַנדערש, ווי די אַנדערע. ווי ער שלאָפט, ווי ער אָטעמט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט.

דער קראַנקער האָט זיך גענומען באַוועגן אויפגעעפנט די אויגן, זי אַנגעקוקט מיט אַ ווייטיקדיקן קוק, און זיך גענומען דרייען אין אַלע זייטן.

— ליגט רויק.

ער האָט זי אָנגעקוקט.

— אַ וואונדער, וואָס איר מאַכט נאָך נישט קיין איינשפּריצונג, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ קרענקלעכן שמייכל.

— איר דאַרפט קיינע איינשפּריצונגען, אייער פּולס קלאַפּט נאָרמאַל.

— איינשפּריצן איינמאָל, — האָט דער קראַנקער גערעדט מער צו זיך, ווי צו איר, — אַ דאָזע מאָרפין, אַ גרויסע, גרויסע דאָזע, און אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן, עך —

— איר רעדט נאַרישקייטן, — האָט זי מוטערלעך בייז געזאָגט, און אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

— נאַרישקייטן, געוויס. ליגן און זיך מוטשען און וואַרטן

אויפן טויט, איז אַ חכמה, אַ גרויסע חכמה, זייער אַ גרויסע חכמה! —

— ליגט רויק, איך בעט אייך.

עפּעס רירנדעס איז געווען אין איר געבעט.

ער האָט זי אָנגעקוקט, שאַרף אָנגעקוקט.

— ווען אייערער אַ פריינט, אַן אמת גוטער פריינד, קומט צו אייך צוגיין און זאָגט אייך, אַז זיין לעבן איז די אומדערטרעגלעכקייט אַליין, ער וועט שטאַרבן, באַגיין זעלבסטמאָרד היינט, מאָרגן, און ער בעט אייך איר זאָלט אים טון די לעצטע טובה, די גרעסטע טובה, וואָס אַ מענטש קאָן טון פאַר אַ מענטשן — פאַרגרינגערן זיין טויט, וואָלט איר אים געגעבן אַ גרויסע דאָזע מאָרפין? אַ גרינגער טויט.

— ניין, — האָט זי שאַרף געענטפערט.

ער האָט אָפּגעקערט זיין קוק פון איר, פאַרמאַכט די אויגן.

אַן אומעטיקע איז זי געבליבן זיצן. זיינע רייד, זיינע רייד! אַ אומרויקע נשמה דאָס איז, דריי וואָכן, אַז ער מאַטערט זיך, מאַטערט זי, און דאָך, הלוואי ציט זיך די מאַטערניש לענגער, לענגער...

אַ שרעק באַפאַלט איר ביי דעם געדאַנק.

ניין, נישט דאָס, נישט דאָס האָט זי געמיינט, זי איז נישט פון ד וואַרטערינס צו פאַרציִען אַ קרענק, צו שטעלן צום דאָקטאָר אַ פאַלשן באַריכט און קריגן נאָך אַכט דאָלאַר. זי איז גרייט צו זיצן לעבן אים חדשים, אָבער דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט נישט אַנדרימלט ווערן היינטיקע נאַכט אויף אַ מינוט, האַלטן זיין פּולס, געבן סטריכנין, סטימולירן אזוי לאַנג, ווי ס'וועט זיך נאָר לאָזן.

אַ שרעקלעכע נאַכט. אַ שוואַכע ליכט, אַ קראַנקער, אַ שטאַרבנדער אין בעט, און זי לעבן אים. קיין נייעס פאַר איר, אָבער

פאַרוואָס פילט זי אַזוי אומרויק, פאַרוואָס האָט זי מורא צו קוקן אין די ווינקלען, בלויז אויף אים קאָן זי קוקן, אויף זיין שיינעם שטערן.

ווי קלאַפּט זיין האַרץ?

שוואַך, זייער שוואַך, ער, מאַמעניו.

אומעטיק. אַ קראַנקער בחור, זי, דער קראַנקער, יענער, דער דאָקטאָר, דאָקטוירים, וועכטערינס, די, יענע, „ראָמאַנסן" מיט דאָקטוירים, אויסגעלאַסנהייט, שמוץ, מענער, בחורים, בוכהאָלץ בערנשטיין, זי, ער, דער קראַנקער, זיין קאָפּ ליגט ביי איר אויפן שויס, זי גלעט זיינע האָר.

איז זי אַנדרימלט געוואָרן? האַ?

זי פּירט איבער מיט די הענט איבערן פּנים, רייבט אויס די אויגן.

די שוואַכע שיין שטעכט אין די אויגן. אַ האַלב געעפנטן רעגן־שירם אָן דעם טוך, די דראָטלעך בלויז זעט זי, רויטע דראָטלעך שטעכן די אויגן, באַלד אָבער ווערט ליכטיק אין די אויגן, זי זעט אים, ער ליגט רויק, שלאָפט.

זיין האַרץ?

שוואַך זייער שוואַך, ער, מאַמעניו, אַ נאַכט.

שטריקן אַ ביסל, צעטרייבן דעם שלאָף. אָבער ס'שטריקט זיך נישט. אַזאַ שיינער יונגער בחור, און אַזוי קראַנק, זייער קראַנק. און ער ווייסט עס. ער ווייסט נישט ווי ווייט — בעסער, ווי נאָענט — אָבער ער ווייסט, און בעט מאָרפין.

נאַרישער בחור, ווייסט נישט, וואָס לעבן איז, וואָס טויט איז, כאָטש ער איז אַזוי נאָענט צו אים.

לעבן! וואָס פאַר אַ קראַפט דאָס איז, ווי שטאַרק דאָס קעמפט אַ, ווי שטאַרק.

אַ וואַלד, אַ ווילדער וואַלד, הויכע, דיקע דורותדיקע ביימער,

די בלעטער קלויבן זיך פון יאָר צו יאָר, קיינער רוימט זיי נישט, שטיינער, מאָך. און אויף איינעם פון די שטיינער האָט זי אַמאָל — זי איז נאָך דאַן קיין ווערטערין געווען — אַ וואונדער געזען.

אַ יונג ביימל איז לעבן אַ שטיין געוואַקסן, אַ פלאַכער, גרויסער שטיין, באַוואַקסן מיט מאָך, אַ זקן, און לעבן דעם זקן אַ יונג ביימל, וואָרצלען וויל עס שלאָגן, אָבער דער אַלטער שטיין איז אין וועג, צעשפּאַלטן אים קאָן נישט דער וואָרצל, אַרונטער אונטערן שטיין קאָן דער וואָרצל אויך נישט און באַפעסטיקן מוז זיך דאָס ביימל, עס מוז די וואָרצלען ערגעץ שיקן, און אויב מען קאָן נישט אַרונטער, מוז מען אַריבער, גייט דער וואָרצל אויפן שטיין, אַ דין ווערצעלע, און דאַן גרעבער, גרעבער, אַלץ אויפן שטיין, אויף אַ געלעגער פון מאָך, און דער וואָרצל פאַרנעמט זיך קיילעכדיק, קיילעכדיק, פאָרמירנדיק אַ צירקל, ביז ער קומט צוריק צום ביימעלע אַראָפּ פון שטיין און זיך אַריינגעלאָזט אין דער ערד, און פון דעם צירקל-פאָרמירטן וואָרצל אויפן שטיין שפּראָצט שוין אַ נייע צווייגעלע, אַ ביימעלע, לעבן.

אַ וואַלד, אַ ווילדער וואַלד.

זי און ער גייען דאָרט, שפּאַצירן, ער רעדט וועגן טויט, וועגן אַ דאָזע, אַ גרויסע, גרויסע דאָזע מאָרפיום, און אָט דערזעט זי דאָס ביימעלע, דאָס וואונדערבאַרע ביימעלע, וואָס וואַקסט אויפן שטיין, זיי שטעלן זיך אָפּ, ביידע באַוואונדערן עס.

— לעבן!

זיי קוקן זיך אָן.

— לעבן!

זי דערפילט אַרום זיך אַ פּאָר שטאַרקע אָרעמס: לאָז —

לאָז — —

הא? אַנדרימלט געוואָרן? אַ ציטער לויפט דורך איבער איר פּלייצע.

אַ נאַכט!

וואָס טוט ער? זיין האַרץ? שוואַך, זייער שוואַך, באַדאַרפט אפשר מאַכן אַן איינשפּריצונג. וואָלט כאָטש דער דאָקטאָר געווען, עך, מאַמעניו —

ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן. אַ מוראדיקער קוק, אַ קוק פון איין וועלט אין אַ צווייטער.

— האָט איר אים געזען?! —

ער פּרוווט זיך אויפזעצן.

— וועמען? וואָס? אָ, גאָטעניו!

— אים! אים! איך זע אים, ער איז דאָ, ראַטעוועט מיך. אָ, מאַמעניו! מאַ-מע-ניו! — ער איז צוריקגעפאַלן צום קישן שטילער.

— דאָס איז עס, דאָס איז עס, שטאַרבן, און איך בין נאָך אַזוי יונג.

טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, זי איז געווען הילפלאָז.

— איך בין געווען אַ נאַר. אַ נאַר, איך וויל נישט, איך וויל נישט! —

ער פּרוווט זיך אויפזעצן.

— כאָטש נאָך איין יאָר, איין טאָג, אַ שעה, איין שעה, איי-ן ש-ע-ה

זיינע פינגער, וועלכע ער האָט איינגעקלאַמערט אין איר האַנט האָבן גענומען נאָכלאָזן, דער גריף איז לויזער געוואָרן. שנעל האָט זי באַפרייט איר האַנט, ליכטיקער געמאַכט אין צימער, איינשפּריצן, סטימולירן דאָס האַרץ, ביז וואַנען ס'איז מעגלעך, ביז דער לעצטער מינוט. געשיקט טוט זי די אַרבעט, קיינער שטערט איר נישט, קיינער ווערט זיך נישט, ער ליגט רויק, רויק. און ווען דער אימפּעט פון אַרבעטן שנעל, געשיקט

איז פאַריבער, זיצט זי וויזער לעבן בעט האַלט זיין פולס, הערט זיך צו. זיין האַנט נאַכלעסיק אין אירער, זיצט זי ווידער אַ אוי-מעזיקע מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ פון רחמנות, פון ווייטיק. אָבער אַלע אַזוי, אַלע אַזוי. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שעה, איין שעה, איי-ן ש-ע-ה.

ווי אַ שוואַכער עכאָ הערט זי איצט זיין איי' שעה, איי-ן ש-ע-ה. שוואַכער, שוואַכער דער פולס, שוואַכער, שוואַכער. אַ חיבר, שטיל.

איבער איר פלייצע איז אַ ציטער דורכגעלאָפן.

זי האָט פעסטער געפילט דעם פולס. און נאָכגעלאָזט. שטיל פאַמעלעך האָט זי צוגעלייגט זיין האַנט צו זיין זייט, זיך איינגע-קוקט אינעם פנים.

שטיל, קוים באַרירנדיק מיט די ליפן, אים אַ קוש גיטון אין דעם הויכן שיינעם שטערן, און מאַכטלאָז זיך אַראָפּ-געלאָזט אויפן בענקל לעבן בעט.

האָט ער נאָך געפילט דעם שטילן קוש? האָט ער נאָך אָן אַנינג געהאַט פון די שטילע טרערן, וועלכע האָבן גענומען פליסן ביי זיין בעט?

די שטערין האָט געוויינט ביי דעם טויטן בעט פון „אירן" אַ קראַנקן, און האָט זיך אַפילו שפּעטער אין איר פּראַקטיק נישט געשעמט פאַר ד ע שוואַכקייט, פאַר די דאָזיגע טרערן.

די סעודה

די סעודה

פלייש זאַפט און דאָס ביסל פעטס, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין זיין קערפּער — דערפון האָט ער זיך דערנערט, מיט טאַבאַק-רויך פאַרביסן, מאָרפין האָט אים פאַרשלעפערט. אַ קוק טוענדיק אויף אים אַ שלאָפנדיקן, האָט מען געזען, אַז דער טויט האָט אים אַ שלאָף ליד געזונגען, צוקאָפנס שטייט דער מלאך המות און היט, און וואַרט...

צוקאָפּנס דער מלאך המות, צופיסנס — זיינע קרובים און פריינט, אויך היטנדיק, וואַרטנדיק אויף דער גאולה, דער פון צוקאָפּנס זאָל שוין טון זיין שליחות, אויסלייזן דעם קראַנקן פון זייַנע איבערמעגטשלעכע ווייטיקן, אויסלייזן זיי פון די ווייטיקן צוזוען אַזעלכע ווייטיקן.

די ווייטע קרובים און די „קלוגע” פריינט האָבן גערעדט וועגן ברוב הקץ.

— נו, איז דאָס אַ לעבן? איידער אַזאַ לעבן איז שוין בעסער... ווען איך דאַרף זיך אַזוי מיטשען וואָלט איך...

די באַעגטערע קרובים, די „נאַרישערע" פריינט האָבן נישט געפרעגט אַזוי, בלויז געטראַכט און געוואַרט.

דער איינציקער, וואָס האָט נישט געוואַרט אויף דער גאולה, וואָס האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז ער האָלט ביים אויסגעלייזט ווערן, איז געווען דער שטאַרבנדער גופא.

ווען די ווייטיקן פלעגן אים אָנכאַפּן, פלעגט ער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און קלאַפּנדיק מיט די קולאַקעס אין קישן, טענהן:

— איר זענט מערדערס, מערדערס זענט איר, נישט קיין פריינט. ווען איר זעט אַ פ ע ר ד זיך אַזוי מוטשען, וואָלט איר זיך דערבאַרעמט אויף אים און דערשאָסן, און מיך לאָזט איר זיך מוטשען — אוי!

דער „אוי" איז שוין געווען די ענדע פון רעדן. די ווייטיק האָבן זיך שוין אַזוי פאַרשאַרפט, אַז ער האָט שוין קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען, אויף וויפל זיין צעשניטענער קערפּער, דער ראַק אינעווייניק, האָט אים געלאָזט, האָט ער זיך געקאָרטשעט און געוואָרפן, און קלאַנגען, ענלעך צום ריטשען פון אַ בהמה, האָבן זיך געריסן פון האַלז אַרויס, ביז דורכן מענטשלעכן רעוון האָבן זיך דורכגעגנבעט די ווערטער: „אַ פּילן" מאָרפין, יעדעס מאָל אַ גרעסערע דאָזע, האָט געטעמפּט די חושים. ער האָט געדרעמלט.

זענען די ווייטיקן פאַריבער, און דער טשאַד פונם מאָרפין איז צעזייעט געוואָרן, האָט ער קודם געבעטן אַ פּאַפּיראָס, און דאַן געפרעגט:

— וואָס מאַכט אברהמל, פאַרוואָס זעט מען נישט יאָסלען,

איז חנה דאָ געווען, וואָס הערט זיך אין בערלין, עפּעס נייעס פון רוסלאַנד?

האָט עמעצער אין פאַרלעגנהייט געענטפערט קורץ אויף די פראַגן און צוגעגעבן אַ פראַגע:

— ווי פילסטו?

— איצט פיל איך נישקשה, אַז די ווייטיקן לאָזן אָפּ, איז נאָך צו דערליידן, אָבער, אַז די ווייטיקן גיבן אַ נעם, איז ווי מעצער וואָלט געשטאָכן מיט אַ זעג און געזעגט אינעווייניק אין בויך. אַז כ׳ווייס גאָרנישט וואָס זיי האָבן דאָרט געטון. מ׳מאַכט אַן אָפּעראַציע טוט ווי אַ וואָך, צוויי, און דאָ שוין אַ מעשה פון צען וואָכן און וואָס אַ טאָג, וואָס אַ טאָג אַלץ ערגער. איצט איז צוגעקומען אַ נייער גזר — שלוקערכצן, הייסט אַ גאַנצן פרימאָרגן ביז דו ביסט געקומען געהאַלטן אין איין שלוקערכצן. איך האָב שוין קיין כוח איבערצוטראָגן די ווייטיקן, און ווער ווייסט ווען ס׳וועט נעמען אַן ענדע דערצו.

— עס וועט נעמען אַן ענדע, — ענטפערט איינער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, — פאַרגינס נישט, אַז דאָס איז אַן אָפּעראַציע אויפן מאָגן.

— נו, און אַז אויפן מאָגן דאַרף עס נעמען אַזוי לאַנג, און אַזעלכע ווייטיקן? אַז די דאָקטוירים זאָגן, ווייסן דאָך נישט, וואָס דאָס איז. איך זאָג דיר, דאָס איז עפּעס שרעקליכס, קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ ווייטיק דאָס איז.

— אַ קלייניקייט דער מאָגן! דאָס איז דאָך דער קעסל, און אַז דער קעסל קאָכט נישט, איז צרות.

— ביסט גערעכט, דער קעסל. לאָמיך דיר זאָגן, אַז דער קעסל איז נישט אַזאַ געלונגענע מאַכינאַציע. ווי עס ווייזט אויס איז אין די ששת ימי בראשית די טעכניק נישט געווען אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט. אַזאַ לייכטע משא צו שלעפּן און אַזאַ קאָמפּליצירטע

מאַשינעריע, אַ האַרץ, אַ מאָגן, און נישט איינער — צוויי, אַ אויבערשטער און אַן אונטערשטער, נקבים, נקבים, חלולים, חלולים, צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ, נישט געקענט מאַכן אַ ביסל איינפאַכער? אַ פּאַרטאַטשנע שטיקל אַרבעט.

— ווייסט דאָך, אין איילעניש, פּ ייטיק פאַרנאַכט, און פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס.

— יאָ, פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס, דערלאַנג מיר אַ פּאַפּיראָס.

— רויכערסט שוין „מיוראַד“?

— כ'ווייס, כ'רויכער אַלע. וועלכע האָסטו? גיב מיר דיינעם אַ פּאַפּיראָס. נאָר אַלע, אַז איך קאָן דאָך גאָרנישט נעמען אין מויל. כ'זע עפּעס, דוכט זיך מיר, איך וואָלט עס אויפגעגעסן מיט די אויגן, און פאַרזוך איך אָט דאָס פּאַסקודנע פליישזאַפט, גיב איך עס באַלד אָפּ צוריק, אַז עס האָט קיין טעם, מ'זאָל מיר געבן עפּעס אַ געשמאַקע זאַך, עפּעס חייניק, זויער.

— אַ ביסל שנאַפּס, — גיט איינער צו.

— וואָס־זשע מיינסטו, אַ גוט ביסל שנאַפּס, וואָלט מיר, דוכט זיך, פיל מער גוטעס געטון, ווי די פילן. שוין אַזוי לאַנג נישט פאַרזוכט.

— וועסט נאָך פאַרזוכן, ווער נאָר געזונט.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, כ'האָב שוין אויפגעגעבן די האָפנונג צו ווערן געזונט. פריער פלעג איך נאָך זאָגן: אַז ווען איך גיי אַראָפּ פון בעט. איצט וואָלט איך שוין צופרידן געווען כ'זאָל ליגן, אַבי די ווייטיקן זאָלן מיך אָפּלאָזן.

— די ווייטיקן וועלן דיך אָפּלאָזן, וועסט נאָך אַרונטערגיין פון בעט, וועסט נאָך מאַכן אַ שנעפּסל.

— נו, נו. גיי שוין ווייטער, עסן א סטייק.

— וואָס-זשע מיינסטו? פֿל זמן אַ מענטש לעבט, איז אַלץ מעגלעך.

— אַפֿילו איך זאָל עסן אַ סטייק.

— מילא, זעסטו, מ'קען אויסלעבן די יאָרן אָן סטייקס.

— אַי, אַ סטייק ביי פּיטער-שמיט!

— עס ליגט דיר נאָך גוט אין טעם, ווייזט אויס.

— מיט דעם טעם פֿון אַמאָל לעב איך דאָך. אַז מ'גיט דאָך מיר נישט זאָלסט זאָגן אַ ברעקל.

— וועסט נאָך עסן, וועסט נאָך עסן.

— מיר דוכט, איך וועל שוין קיינמאָל נישט עסן.

— מאַלע וואָס דיר דוכט זיך.

דער קראַנקער האָט געטענהט, ער וויל שוין גיך עסן, וועלנדיק הערן, אַז ער וועט נאָך יאָ עסן, וועט נאָך אַרונטערגיין פֿון בעט.

ער האָט מיט פֿאַרגעניגן געטענהט ניין, כּדי צו הערן אַלץ מער יאָ, און דער מיטרעדנער האָט זיך געיאָרגן מ'טן יאָ און דאָך אים געזאָגט, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, ביז ער איז דערגאַנגען דערצו, אַז נאָך זיין מיינונג נאָך קאָן ער אַפֿילו היינט מאַכן אַ שנאַפּס.

— ביי דיר האָב איך שוין געפּועלט, איצט דאַרף מען נאָך פּועלן ביים דאָקטאָר.

— ביי אים אויך פּועלן! — האָט דער מיטרעדנער געענטפֿערט מיט דעם טאָן פֿון אַ ליגנער, וואָס האָט שוין אויסגעצויגן אַ קייט פֿון ליגנס און זאָגט שוין, אַזאַ ליגן, אַז ער אַליין האָט שוין מורא מ'זאָל אים נישט גלויבן, וויל שוין גאָרנישט מ'זאָל אים גלויבן.

דער קראַנקער האָט געגלייבט. מער ווי דאָס, ער האָט שוין

געהאט איך האָס צו װאַרטן. אזוי קומט דער דאָקטאָר, איז װי־דער פילן, אָבער פילן, איצט װעט זיין עפּעס צו בעטן, עפּעס אַ קריגן.

דער דאָקטאָר האָט אויסגעהערט די בקשה, האָט אַ גלעט געטאָן דאָס קמץ-בורדל, קוקנדיק איבער די ברילן באַטראַכט דעם פּאַציִענט נאָכאַמאָל, און געזאָגט, אַז היינט װאָלט ער נישט געראָטן, אויב ער װעט פילן מאָרגן אַ ביסעלע בעסער, מעג ער נעמען אַ ביסעלע שנאַפּס.

— װיין אויך?

— שנאַפּס, װיין, קיין אונטערשייד. פאַרשטייט זיך, נישט צופיל, אַ ביסעלע.

— אַ פּי גערהויט, — שמייכלט דער קראַנקער.

— צװיי פינגערהויטס, — לאַכט דער דאָקטאָר.

די קרובים און פריינט קוקן אויפן דאָקטאָר מיט אַלע אויגן, ער אָבער קוקט זיך אפילו נישט אום אויף זיי. ערשט װען ער האַלט ביים אַװעקגיין, זאָגט ער זיי, אַז זיי מ גן אים געבן אַלץ, װאָס ער װעט נאָר װעלן, נישט נאָר טרינקען, אפילו עסן אויך, ס׳איז שוין אַלץ איינס, ס׳װעט שוין לאַנג נישט נעמען...

אַלע האָבן געװאַרט אויף דעם „ס׳װעט שוין לאַנג נישט נעמען", און דאָך, װען מ׳האָט עס געהערט אַרויסגערעדט פונם דאָקטאָר, איז געװאָרן אומהיימלעך, מ׳האָט מורא געהאַט אַריינצו־גיין אין צימער, און אַ קוק טוענדיק אויף אים, האָט מען געזען נישט נאָר איינעם, װאָס האַלט ביים שטאַרבן, נאָר, װאָס איז שוין, דוכט זיך, געקומען פון יענער װעלט און זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

דאָך שטאַרקט זיך איינער און זאָגט:

— נו, װאָס האָב איך דיר געזאָגט! זעסט שוין. אַלזאָ מאָרגן מאַכן מיר אַ סעודה.

— וואָס איז מאָרגן?

— מאָרגן איז פרייטיק. אַי, גוט, טאַקע מאַכן אַ סעודה מיט פיש און פליישׁ, כּדבעי. און דו גייסט ביי אונז צום טיש. אָבער מוזט זיין אַ מענטש. ווייסט דאָך, ווי מ׳זאָגט:

— וועסט זיין אַ מענטש, וועסטו עסן אין סוכּה.

דער „מענטש" האָט שוין ווידער גענומען דרעמלען מיט דעם מאָרפין-דרעמל. מ׳האָט אַרויסגענומען דעם נישט דערענדיקטן פּאַפּיראָס פון צווישן זיינע פאַרגעלטע פינגער, און געזעסן, געקוקט אויף אים, אויף זיין געל שוואַרץ פּנים, אויף זיין אויסגעצויגענער נאָז, אויף די אַרויסגעשטאַרטשעטע ביינער. די יאַסלעס מיט די ציין האָבן זיך שאַרף אויסגעצייכנט דורך דער הויט. און ניט אַזאַ מויל גרייט זיך דער מענטש מאָרגן אָנטייל נעמען אין דער סעודה.

ביז אַרום דריי נאָכמיטאָג האָט עס אויסגעזען, אַז ער וועט שוין פון דער סעודה נישט טועם זיין. זיין קעפּעלע האָט זיך געבראָכן פון קראַמף, ער האָט די האָר פון קאָפּ געריסן, געוואָרפן די קישנס צו דער ערד, דאָס לייַלעך פון בעט מיט די ציין געריסן, האַלטנדיק דאָס לייַלעך פאַרקלעמט צווישן די ציין, געברומט, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, ווען די לעצטע כּוחות גייען איר שוין אויס. דער דאָקטאָר איז געקומען, אים דערמאָנט וועגן דער סעודה.

— וואָס מיר סעודה? די וויטיקן. עפּעס צו שטילן די וויטיקן. די פּילן טויגן נישט. אַנדערע פּילן, אָדער עפּעס אַנדערש, אַבי די וויטיקן זאָלן אָפּלאָזן, עפּעס ליגט דאָרט אינעווייניק, זאָל מען עס אויסשניידן, וועט ער פּטור ווערן פון די וויטיקן.

דער דאָקטאָר האָט נאַיוו געענטפערט, אַז מ׳האָט שוין אויסגעשניטן. איצט דאַרף זיך דער שניט פאַרהיילן. דערווייל וועט

ער אים אײַנשפּריצן עפּעס. אײַנגעשפּריצט, איז דער קראַנקער רויִקער געוואָרן, גענומען דרעמלען, און ווען זײַנע פֿרײַנט האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצונעמען, האָבן זיי אים שוין געטראָפֿן אַ וואַכן, אַ שטילן.

— נו, האָסט זיך שוין צוגעגרייט צו דער סעודה? געגאַנגען אין מרחץ?

— גרינג צו זאָגן. אַז איך דאַרף נעמען אַ באָד, דאַרפֿן פֿיר מענטשן האָרעווען דערבײַ, אַי, קינדער, שלעכט. איר נאַרט מיך. הײַנט אינדערפֿרי האָב איך געמיינט, אַז איך שטאַרב שוין.

— מ'שטאַרבט נישט אַזוי גיך, מ'דאַרף זיך גוט אָנמוטשען, ביז מ'שטאַרבט.

— כ'האָב זיך שוין גענוג געמוטשעט, מער ווי גענוג.

— יעדער איינער דענקט, אַז אַזוי פֿיל, ווי ער, האָט זיך קיינער נישט געמוטשעט. קומען אויף אים אַליין גרעסערע צרות, זעט ער, אַז עס קאָן גאָר זײַן מער. און, ווי פּלעגט זאָגן מײַן מאַמע: פֿון נחת לעבט מען נישט, פֿון צרות שטאַרבט מען נישט. ווידער, ווער רעדט עס פֿון שטאַרבן. הײַנט אויף דער נאַכט איז — חי געלעבט, געבראַכט אַ גוט ביסל שנאַפּס, דעם אמתן אָלד טײַאָר. זעסט, ער באַלעקט זיך שוין. דאָס איז נישט אַלעס. יאָסל האָט אַ פֿלאַש טאָקײַ אויך.

— אַי, ממזרים, איר וועט מיך טאַקע אָפּשמדן הײַנט. שוין אַ היפּשע פּאָר חדשים, אַז כ'האָב נישט פֿאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן. דערלאַנג מיר אַ פּאַפּיראָס.

מ'האָט געשפּאַסט. פֿריִער אַ ביסל אָנגעצויגן, מ'האָט געפֿילט, ווי די ליגנס גליטשן זיך פֿון די ליפּן אַראָפּ, און שפּעטער פֿרײַ, נאַטירלעך. פֿאַרגעסנדיק, אַז מ'האָט צו טון מיט אַ נוטה למות, און

ער האָט מיטגעהאָלפן. מיט דעם זעלבן שפּאַסיקן טאָן האָט מען אים אויפגערופן צום טיש:

— יעמוד החתן דוד ב״ר מנשה הכהן מכבד מיטן ערשטן כּוס!

ווען ס׳איז אָבער געקומען צום אויפשטיין, נעמען דעם כּיבוד, איז שפּאַסן געוואָרן אַ ביסל שווערלעך.

מ׳האָט אים באַדאַרפן אַרויסנעמען פון בעט. און אַרויסגענומען, האָט מען ערשט געזען ווער ס׳איז דאָרט געלעגן. אַריינגעלייגט זיך אַ מענטש, אַ הויכער, אַ הונדערט זיבעציק פונטיקער, און אַרויסגענומען פון דאָרט אַן איינגעבויגענעם, איינגעקאָרטשעטן סקעלעט פון אַ וועלכע ס׳איז עטלעכע און זיבעציק פונט, אַ מאָדעל פאַר אַנאַטאָמיע: זיין קאָפּ האָט אויסגעזען קלענער.

די אונטערפירער שטאַרקן זיך דאָך און שפּאַסן:

— מאַכט אַ וואַרע, דער חתן גייט!

— אוי, כ׳האָב מורא, אַז ביז דער חתן וועט דערגיין, וועט די גילדענע יויך פאַרקילט ווערן.

— אויב דו רעדסט אַזוינע דיבורים, גייען מיר נישט צו דער חופּה-וויעטשערע.

— נו, נו, איר זענט טאַקע חתנס צד, אָבער בלאָזט זיך נישט, — זאָגן די אַרומיקע, און מ׳רוקט אַ ביסל אַרויס די שטיל, דער קראַנקער זאָל זיך שוין אַוועקזעצן, מ׳וועט אים שוין צורוק צום טיש.

— און איצט, לחיים, לחיים דוד! פאַר דיין געזונט. דאָס איז אַזוי זיך, דערווייל. אם ירצה השם, אַז דו וועסט געזונט ווערן, וועלן מיר מאַכן אַזאַ לחיים, אַז דאָס הויז וועט גיין כּאַדאָראַס, בראָנפן וועט זיך גאָסן פון כּיור, און ווייַן....

— לחיים, לחיים, — ענטפערט דער קראַנקער, און נעמט

מיט אַ ציטעריקער האַנט דאָס גלעזל צום מויל.

אַלע טרינקען בלומרשט, אָבער טרינקענדיק, קוקט מען אַרײַ־ן אין גלעזל, יעדער אײנער פֿילט, אַז אָט־אָ באַלד וועט ער דאַרפֿן ווי־פֿשפּרינגען, צולויפֿן צום קראַנקען, אים אונטערכאַפּן. אָבער דער קראַנקער „אַנטוישט" אַלעמען. ער טרינקט אויס דאָס קעלישעקל און לויבט דעם שנאַפּס:

— אַ טײַער ביסל בראַנפֿן. און איצט אַ שטיקל פֿיש, אַ קלײן שטיקעלע, אַ פּיצעלע. — בליקן פֿון אײנעם צום צווייטן און דער קראַנ־קער קריגט זײַן שטיקעלע פֿיש. נאָך די פֿיש בעט ער אַ ביסעלע ווײַן, אַ קלײן ביסעלע.

— איך וואָלט נישט געראָטן טרינקען ווײַן נאָך שנאַפּס.

— אַ קלײן ביסעלע, — בעט זיך דער קראַנקער. — אַ קאַפּעלע, אָט אַזוי פֿיל אָ, — צייגט ער אָן מיטן פֿינגער.

דער פֿאַרלאַנג איז אַזוי קינדעריש־נאַיִוו און דעספּאָטיש אַז מ׳מוז אים געבן. ער טרינקט דאָס ביסעלע ווײַן, אָבער זאָגט קײן מײנונג וועגן ווײַן, די מיטעסער זענען אומרויִק. אויך דער קראַנקער איז אומרויִק, פֿון די גרימאַסן אויף זײַן פּנים זעט מען אַז ס׳האַלט שלעכט.

— וועסט אפֿשר גײן צוריק אין בעט? דיר איז שווער צו זיצן.

— כ׳וועל נאָך זיצן אַ פּאָר מינוט.

ער איז אויסגעזעסן די פּאָר מינוט. דאָס ביסל בראַנפֿן און ווײַן, דאָס שטיקל פֿיש האָבן געזוכט אַ וועג אויף צוריק. מ׳איז אויפֿגעשפּרונגען, אים אָוועקגעפֿירט אין בעט, ווער ס׳האָט אַרויס־געוויזן זײַן חכמה: געזאָגט, אַז ווײַן נאָך שנאַפּס טאָר מען נישט טרינקען, ווער ס׳האָט געשוויגן, אַלע האָבן געפֿילט, אַז מ׳איז פֿון ערגעץ אַרונטערגעפֿאַלן. דער קראַנקער אַלײן האָט נישט געשריגן פֿון ווייטיק, נישט גערעדט, געלעגן רויִק, אָט מיט פֿאַרמאַכטע

אויגן, אָט עפּעגענדיק זיי. דערזעענדיק, אַז מ'שטייט אַרום זיי בעט, האָט ער קוים הערבאַר געפרעגט:

— פאַרוואָס גייט איר נישט עסן?

— מ'וואַרט אויף דיר.

ער האָט שוואַך אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— איך האָב שוין מיינס אָפּגעגעסן.

רעזיגנאַציע האָט זיך געהערט אין די פּאָר ווערטער. מער האָט ער שוין נישט גערעדט.

ער האָט נאָך געצויגן דריי מעת לעת, אָבער אין בעט איז שוין געלעגן אַ מת.

די אויגן האָבן זיך איבערגעקערט, דאָס פּנים איז געוואָרן ערד-שוואַרץ, קיין ווייטיק אויסגעשריי. שטיל. בלויז דאָס האַרץ האָט נישט געשוויגן און געזאָגט: וואַרט, דער מענטש לעבט נאָך

אינהאלט:

חבלי מות 5

לעצט געלט:

גרינגער אויף דער נשמה 211

א יונגער בוים 225

נקמה 239

וואו איז דער זין 255

טאָלסטאָי'ס טאג בוך 267

איין שעה 283

די סעודה 293